STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09236

DI MISHPOHE YELNIK

Levi Papiernikov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לוי פאפיערניקאוו

*

די משפחה יעלניק

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער פריינדלעכער און חברישער מיטהילף פון :

ועדת התרבות של מועצת פועלי חיפה

ועד פועלי נמל חיפה

שרותי נמל מאוחדים — חיפה

לוי פּאַפּיערניקאָוו

די משפּחה יעלניק

ראָמאַן

פאַרלאַג
י. ל. פּרץ
ישראל
1962

LEVI PAPIERNIKOV

DI MISHPOCHE YELNIK

Publishing-House I. L. Peretz
31 Allenby Str., Tel-Aviv, Israel

לוי פּאַפּיערניקאָוו / די משפּחה יעלניק

פאַרלאַג י. ל. פּרץ
תל־אביב, רח' אלנבי 31

©

נדפס בישראל 1962
Printed in Israel 1962

דפוס „אורלי", ת"א, יסוד המעלה 27

לוי פאפיערניקאוו

*

די משפחה יעלניק

1

ח'יפל מאָל איטשע־מאיר דער „סאַדאָווניק" האָט, ביים אָפּשאַצן זיינע געדונגענע סעדער, געזען ווי אויף דער האַנט אַ פּעטן ריווח, איז שטענדיק, ווי פון דער העלער הויט, געקומען עפּעס אַן אַנשיקעניש, וואָס האָט צונישטגעמאַכט זיינע אַלע אָפּשאַצונגען: דאָ — אַ בייז געוויטער, וואָס האָט אַראָפּגעיאָגט דאָס גאַנצע בליעכץ פון דיביימער; דאָ — סתם־אַזוי אַ שטאַרקער ווינט, וואָס האָט אַראָפּגעשליידערט גאַנצע מענגעס אומרייפע פּירות; אָדער — ס'האָט זיך איבער די סעדער אַראָפּגעלאָזט עפּעס אַ זאַראַזע, וואָס האָט א תל געמאַכט פון דער גאַנצער גערעטעניש.

יאָר נאָך יאָר, האָט איטשע־מאיר, ביים אַראָפּנעמען די פּרוכט, געזיפצט און געשווירן, אַז אויב ס'וועט אים בלויז איין מאָל זיך איינגעבן צו מאַכן אַביסל געלט, וועט ער שלאָגן כפרות מיטן סעדעריי און זיך נעמען פאַר אַ צווייטער פּרנסה, אָבער אויפן צווייטן יאָר, פאַרן פרישן סעדער־סעזאָן — ווידער באַטראַכט מיט א מבֿיניש אויג, די פאַרגעשלאָגענע סעדער, און אָפּגעשאַצט, אַז אַפילו אין ערגסטן פאַל, וועלן זיי דאָך געבן אַ פּעט פאַרדינסטל...

געווען איז איטשע־מאיר אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער און טונקל־ברונעטער; געהאַט אַ פּעך־שוואַרצע באָרד; געגאַנגען איז ער מיט פעסטע און זיכערע טריט, דעם קאָפּ אויפגעהויבן, און ס'האָט אויסגעזען, ווי זיינע פינקלדיקע אויגן קוקן איבער אַלץ און איבער אַלעמען אַריבער. אינדערוואָכנס, ווען ער האָט זיך געלאָזט גיין איבערן שטעטל, האָט ער געטראָגן אויף זיך א פאָר ברייטע, טונקל־בלויע הויזן אריבערגעוואָרפן די קורצע בופן איבער די שטיוול־כאָלעוועס; אַ קורץ שוואַרץ רעקל מיט ווייסע שטרייפן; אַ ברוין־סאַמעטענע וועסט מיט דראָבנע ווייסע גראָשיק־לעך און, איבער דער ברייט פון דער וועסט, פון איין טעשל צום אַנדערן — אַ מאַסיווע זילבערנע קייט מיט אַ זילבערנעם זייגער, וואָס האָט געהאַט

אויף זיך ביי אַ האַלבן טוץ דעקלעך און אויפן סאַמע אויבערשטן געבלימטן דעקל אויסגראַווירט מיט יידישע אותיות — דער נאָמען און פאַמיליע־נאָמען פון איטשע־מאירס פאַרשטאָרבענעם שווערס פאָטער.

צוליב צוויי זאכן האָבן די שטעטלשע יידן געטראָגן אויף איטשע־מאירן אַ שטילן כעס: פאַר נישט צולאָזן, אַפילו די גרעסטע גבירים, איבערשטייגן אים אין קויפן אַ מפטיר אין שול און פאַר נישט לאָזן אויסדינגען אים זיינע סעדער.

און כאָטש מען האָט געוווסט, אַז איטשע־מאיר טשעפּעט נישט קיין פליג אויף דער וואַנט און גייט זיך זיין וועג, האָט קיינער נישט געוואָלט האָבן מיט אים צו טאָן, ווייל ער לאָזט זיך נישט „שפּייען אין דער קאַשע” און קאָן, ווען מען דאַרף, גוט מקיים־פּסק־זיין... יידן האָבן געוווסט צו דערציילן, אַז ווערנדיק אַמאָל אַרומגערינגלט אויפן קאָברינער מאַרק דורך אַ כאַפּטע כוליגאַנעס, וואָס זענען אַראָפּגעקומען אַ טאָג פאַרן „פּריזיוו” אַביסל זיך פריילעך־מאַכן איבער די „זשידקעס”, האָט ער איינער קעגן פינף, געשלאָגן מיט זיינע שטאָלענע ידיים אויף רעכטס און לינקס, און דעם „פּירער” זייערן — אַ שגץ, אַ גבר, האָט ער דערלאַנגט אַזאַ טראַמאַטש איבערן קאָפּ, אַז יענער האָט זיך געטאָן אַ זעץ־אַראָפּ צו דער ערד...

יעדן אינדערפרי, ווי נאָר איטשע־מאיר האָט אָפּגעדאַוונט און אָפּגעגעסן, האָט ער אָנגעטאָן דעם אַלט־פרענקישן שוואַרצן קאַפּעלוש מיט ברייטע אַראָפּגעלאָזטע ראַנדן, גענומען דעם דעמבענעם שטעקן מיטן האָרנדיקן הענטל, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען ווי אַ שנאָבל — אַ געשאַנק פון אַ פריץ — און זיך אַוועקגעלאָזט מיט ברייטע, קרעפּקע טריט, איבער די אַרומיקע דערפער צווישן פּויערישע כאַטעס און פּריצישע הייף.

איטשע־מאיר האָט אייגנטלעך נישט באַדאַרפט שטענדיק גיין צופוס. ער האָט פאַרמאָגט זיין אייגנס אַן אַלט צעפאָרן בריטשקעלע מיט אַ שטיקל פערדל — אַ הויט־און־ביינערדיקע קליאַטשע מיט פאַרטרויערטע אויגן. אָבער נישט תמיד, און אוודאי נישט צוליב באַקוועמלעכקייט, האָט זיך איטשע־מאיר באַנוצט מיט זיין פערד־און־בריטשקע. געטאָן האָט ער עס בלית ברירה — ווען ער האָט שוין קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט.

יעדעס מאָל ווען ס׳איז אים אויסגעקומען אַריינצוגיין אין שטעלכל איינשפּאַנען די קליאַטשע, פלעגט ער אויסמיידן אָנצוטרעפן זיך מיט איר פאַרטרויערטן בליק... ער גלעט זי איבער דער מאָרדע און די איינגעפאַלענע

באַקעס, און רעדט צו איר שטיל, ווי ער זאָל זיך וועלן פאַרענטפערן — הינטער אירע אָנגעשפּיצטע אויערן: זיי מוחל, „קאַסטליאַוואַ״, נישטאָ קיין ברירה...

נישט בלויז צוליב רחמנות אויף דער בידנער קליאַטשע, האָט איר איטשע־מאיר נישט אויסגענוצט אין זיינע פּאַרטאַגיקע וואַנדערונגען — ער האָט פּשוט געפילט אַ באַזונדערן תענוג אינעם שפּאַנען אין די טויאיק־קילע פרימאָרגנס איבער דער מיט זון־ליכט פאַרגאָסענער, גלאַנציק־פייכטער ערד. ער האָט ליב געהאַט צו שפּרייזן איבער די סימעטריש־געשניטענע פּירעקן, וואָס שפּרייטן זיך טאַליק און באַרגיק ווייט אַוועק ביזן סאַמע האָריזאָנט, און ליב־געהאַט — אַריינציען אין זיך, מיט אַ לייכט ציטערן פון זיינע נאָז־לעפּלעך, די געמישטע שאַרפע פעלד־ריחות, וואָס האָבן אים פאַרשיכורט ווי דער בעסטער געטראַנק.

דאָ, אונטערן לויטער־בלויען הימל, אויף די שמאָלע סטעזשקעס צווישן די ליכטיקע ווייצנפעלדער מיט אָנגעקוואָלענע כוואַליענדיקע זאַנגען־קעפּלעך, וואָס בייגן זיך מיטן פרימאָרגן־ווינטל, ווי צום באַגריסן די פריע דורכגייער מיט אַ גוט־מאָרגן — איז איטשע־מאיר שוין זינט יאָרן אַן אייגענער; ער קען דאָ אַלע וועגן און שטעגן; פון פאָרויס ווייסט ער, אַז אויף יענער זייט ווייצנפעלד, וועט ער באַגריסן די אַרבעטנדיקע פּויערים און פּויערטעס מיט אַ „בוג דאָפּאָמוזש״ און זיי וועלן אים, ווי יעדעס מאָל, אָפּענטפערן מיט אַ „דזשיען דאָברי, באַטקאָ טשעמייער״!

דאָס אַלץ איז געווען אינדערוואָכנס. אָבער אַז ס׳איז געקומען ערב־שבת, פאַר ליכט־צינדן, איז איטשע־מאירן נישט געווען צו דערקענען: אַן אויסגעצוואָגענער, אַן אויסגעפּאַרעטער, די זאַרגפעליק ברייט־צעקעמטע באָרד איז נגידיש־רחבותדיק געלעגן אויפן געפּרעסטן שניי־ווייסן העמד; אָנגעטאָן אין אַן אויסגעפּרעסטער טוכענער קאַפּאָטע, וואָס האָט נאָך בולטער געמאַכט זיין קרעפּטיקע פיגור — האָט איטשע־מאיר געשפּרייזט מיט געמאָסטענע טריט צו דער שול. די אַנטקעגנגעקומענע נגידים און שטעט־טלשע דעה־זאָגערס, זענען פּשוט מבולבל־געוואָרן פון איטשע־מאירס באַווייזן זיך מיט זיין זעלבסטזיכערקייט.

אָבער מער באַוווּנדערונג האָט זיין באַווייזן זיך, אַרויסגערופן ביי די יונגע ווייבלעך און כלה־מיידלעך, וועלכע זענען געטובלטע און געצוואָגענע, לכבוד שבת, געשטאַנען פאַר די שוועלן פון די אָפענע טירן און מיט

באַהאַלטענע בליקן נאָכגעקוקט דעם „קייזערלעכן מענטש" מיט די פייער־דיקע אויגן, און געקומען זענען זיי צו דער מסקנה, אַז נישט איטשע־מאיר, נאָר זיין ווייב, טעמעלע, טראָגט די שולד, וואָס שוין פינף יאָר נאָך זייער חתונה איז נאָך אַלץ קיין קינד נישטאָ...

און ס׳איז טאַקע אמת געווען: איטשע־מאיר האָט נישט געטראָגן די שולד פאר זייער קינדערלאָזיקייט. פונדעסטוועגן, האָבן אָט די גליאיקע אויגן, וואָס זייער בליק האָט יונגע פרויען פאַרבליפט — אויסער זיין טעמעלען נישט באַגערט און נישט געזען. ווי שטאַרק ס׳איז נישט געווען איטשע־מאירס בענקשאַפט נאָך אַ קינד, איז אָבער נאָך שטאַרקער געווען די מיט־לייד צו זיין ווייב, וואָס האָט באַהאַלטענערהייט געליטן מער פון אים. זי איז געווען זיכער מיט איר איטשע־מאירן. דאָך האָט איר פון צייט צו צייט באַהערשט אַ פחד פון אַ טיף פאַרבאָרגענעם געדאַנק: ווער ווייסט וואָס ס׳קאָן איר איטשע־מאירן מיט דער צייט איינפאַלן — אַ מאַנספערשוין האָט דאָך אויף אַלעם רעכט...

די דאָזיקע אומרואיקייט האָט באַהערשט טעמעלען זינט אַ נגידישער שניט־סוחר, אַ קאָצקער חסיד, האָט אויפן זעקסטן יאָר נאָך דער חתונה אָפּגעגט זיין יונגע און שיינע פרוי צוליבן נישט געבוירן אים קיין קינדער.

אין אַזעלכע מאָמענטן פון טראַכטענישן, פלעגט איטשע־מאיר צוגיין צו זיין ווייב, אַרויפלייגן זיין האַנט אויף איר אַקסל און איר זאָגן: הער, טעמעלע, איך לייען דיינע געדאַנקען... דו ווייסט דאָך אַז איך בין נישט אהרן־לייזערס נגידישער זון, משה־לייב, דער קאָצקער חסיד. צו וואָס דאָס טראַכטן? דיין פריידעלע איז אונדזער קינד, מירן זי מיט גאָטס הילף חתונה־מאַכן און זיך עלטערן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

טעמעלעס באַטריבט, כמעט קינדעריש פנים, לייטערט זיך אויס, די שמאָלע, גרינלעכע אויגן אירע לויכטן אויף, און זי ענטפערט שטיל: אמן!

2

ס׳איז אַדורך נאָך אַ סעדער־סעזאָן און דאָס געהאָפטע פאַרדינסט, איז אַלץ נישט געקומען. אָבער גראָד דעמאָלט ווען ער האָט שוין כמעט ווי אויפגעגעבן דעם חלום אַרויסצופלאָנטערן זיך פון סעדעריי, מאַכט זיך אַ מעשה, אַז אין אַ געוויסן פרימאָרגן, ווען איטשע־מאיר איז שוין געשטאַנען

גרייט אין וועג־אַרייַן, שטעלט זיך אָפּ ביי זיין הייזל אַ בריטשקע, עמעץ קלאַפּט אין דער האַלב־אָפּענער טיר און אַ הייזעריקע שטים פרעגט:

— באַטקאַ טשעמייער, יע?

אויף דער שוועל איז געשטאַנען דעם פּריצס, יאַנוש קאָוואַרטשיקס, פאַראַבעק — א נידעריק, קרעפּקע פויערל מיט פלאַקסענע שטייפע וואָנסעס און אין א ברוינער אויסגעריבענער קוטשמע אויפן קאָפּ. דאָס פויערל האָט כיטרע פאַרזשמורעט דאָס לינקע אויג און איילים אַ זאָג־געטאָן:

— כיזשע באַטקאַ טשעמייער, אַ וויכטיקער ענין, דער פּריץ הייסן דיך גלייך ברענגען.

איטשע־מאיר האָט זיך געוווּנדערט. ער האָט דאָך קיינמאָל נישט געפירט מיט אים וועלכע־ס'איז געשעפטן — צוליב זיין קליינעם בייטל און יענעמס גרויסע סעדער. טאָ וואָס עפּעס פלוצלינג געשיקט נאָך אים? ס'איז אָבער נישט געווען קיין צייט נאָכצוטראַכטן. דאָס פויערל האָט אים אונטערגע־איילט און די בריטשקע האָט זיך אַ טראָג־געטאָן מיט איטשע־מאירן צום ווייט אָפּגעלעגענעם גוט פונעם פּריץ.

אָנגעקומען אין גוט פון די קאָוואַרטשיקס, האָט אים דער אַלטער פּריץ פאַרבעטן אויפן גרויסן באַגלאָזטן גאַניק און גלייך צוגעטראָטן צום ענין:

— כ'האָב געשיקט נאָך דיר, באַטקאַ טשעמייער, ווייל מ'האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט אַן אָרענטלעכער סטאַראָ־זאַקאָנני, אינגאַנצן נישט ווי די אַנדערע זשידקעס, וואָס האַלטן מיינע סעדער. אמת געזאָגט, האָב איך געקענט דיין פאַרשטאָרבענעם טאַטן. ער פלעגט אַמאָל פאַרדינען ביי מיר עטלעכע קערבלעך. אַ שטילער און ערלעכער ייד געווען, אָבער א גרויסער אָרעמאַן. דאָ האָט דער פּריץ גענומען אָרומגלעטן זיינע זילבער־גראָע שליאַכעצקע וואָנסעס, און שטיל, ס'זאָל חלילה ווער נישט אונטערהערן, געזאָגט צו איטשע־מאירן:

— דו קענסט מיינע סעדער? — דיינע זשידקעס ווילן זיי שוין פשוט בחינם. כ'האָב זיי פון מיין הויף ארויסגעיאָגט און באַשלאָסן, אז אויב שוין יאָ בחצי־חינם — ביסטו פאַרהאַנד. זאָלן זיי שוין אַריינפאַלן צו באַטקאָ טשעמייער.

— אָבער... הויכגעשעצטער פּריץ... — האָט איטשע־מאיר געפּרוווט אויפקלערן — מיינע געלטער זענען ווייט נישט פאַר דעם פּריצס סעדער...

דער פּריץ האָט אים אָבער נישט געוואָלט הערן. — גיי און שאַף דיר

ביי דייניקע אַביסל געלט! — און אַנגעמענדיק איטשע־מאירן פאַר ביידע לאַצן פון זיין מלבוש — אַריינגעשריגן אים אין רעכטן אויער: מיינע סעדער, באַטקאַ טשעמייער, וועלן דיך שטעלן אויף די פיס!

דאָס וואָס דער פריץ האָט מיט אַזאַ זיכערקייט אים אַריינגעשריגן אין אויער, אַז זיינע סעדער וועלן אים שטעלן אויף די פיס, האָט איטשע־מאירן אָנגעפילט מיט אַ וואַרעמער אומרואיקייט...

איטשע־מאיר האָט נישט באַדאַרפט גיין אָנקוקן די סעדער. ער האָט זיי גוט געקענט. דער פריז וואָס דער פריץ האָט פאַרלאַנגט פאַר זיי — צו פאַרמאַכן די אויגן און צאָלן. דער קאָפּ האָט זיך אים אַזש פאַרדרייט.

די גאַנצע צייט וואָס איטשע־מאיר האָט גערעדט מיטן פריץ און אויף אַלעם צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, האָט אין זיין מח געעקבערט די פראַגע: ווו וועסטו, איטשע־מאיר, נעמען אַזוי פיל געלט? און דאָך... האָט ער פון דער בוזעם־טאַש פון דער ברוין־סאַמעטענער וועסט אַרויסגעצויגן צוואַנציק קערבלעך און אָפּגעמאַכט, אַז פינפאונצוואַנציק פראָצענט פון דער סומע וועט ער אים געבן אין דריי וואָכן אַרום און דאָס איבעריקע אין דריי חדשים אַרום.

הוידנדיק זיך שוין אויפן הינטערשטן געזעס פון פריצס בריטשקע אויפן וועג צוריק אַהיים, האָט איטשע־מאיר גענומען אין געדאַנק אויסרע־כענען וויפל ער פאַרמאָגט גרייט געלט, וואָס פאַראַ חפצים ס׳געפינען זיך ביי אים אין שטוב, וועלכע וואָלטן געקאָנט פאַרמשכנט ווערן, וויפל ער קאָן לייען אין דער גמילת־חסד־קאַסע, פון גוטע פריינט און קרובים. וועגן דעם אַלעם האָט ער געטראַכט און עטלעכע מאָל צו זיך אויסגערופן: אויב נישט איצט, איז קיינמאָל נישט!

דאָס קרעפּקע, ברייטפּלייציקע פויערל האָט, אונטערטרייבנדיק דאָס פערדל, אויסגעשפּיצט די אויערן צו איטשע־מאירס הויכע אויסרופן, און מיט אַ פאַרוואונדערטן בליק געפרעגט:

— אַ טשאָ, ווי, באַטקאַ טשעמייער? אַ טשאָ ווי?

כמעט אַלע ווערטזאַכן פון דער שטוב האָט איטשע־מאיר פאַרמשכנט — אפילו דעם זילבערנעם זייגער מיט דער קייט, אַן וועלכע ער האָט זיך, זינט נאָך זיין חתונה, נישט גערירט, נישט חלילה, צוליב פוסטער גאווה,

נאָר צוליב דרך־ארץ פאַר זיין פאַרשטאָרבענעם שווער, פון וועמען ער האָט דאָס באַקומען אַלס חתן־מתנה. ער האָט אויך געליען געלט אין דער גמילת־חסד־קאַסע, געבאָרגט ביי פריינט, געפּאָרן קיין פלאַצק צו קרובים און פּונקט צו די דריי וואָכן, ווי ס׳איז געווען אָפּגערעדט, האָט איטשע־מאיר געסילוקט דעם פּריץ דאָס צוגעזאָגטע געלט.

ווי צעטראָגן איטשע־מאיר איז נישט אַרומגעגאַנגען ביז ער האָט צונויפגעשאַפּט די בויטיקע סומע געלט, איז ער איצט ערשט אויף רעכט אַרומגעגאַנגען פאַרטראַכט און צעטראָגן, געהאַט שלאָפלאָזע נעכט, און צווישן די האָפערדיקע מחשבות וועגן גרויסן פאַרדינסט, וואָס שטייט אים פאָר, האָבן זיך פאַרגנבעט טונקעלע ספקות, וואָס האָבן געעקבערט אין מוח: וואָס וועט זיין... ווען... חס וחלילה... ער האָט אפילו מורא געהאַט צו טראַכטן, וואָס עס וואָלט דעמאָלט געווען... און וואָס ער וואָלט געטאָן... צוויי דריטל פונעם געסילוקטן געלט איז דאָך פרעמדס, פרעמדס!

אַזוי האָבן זיך איטשע־מאירס געדאַנקען יעדן טאָג, און נאָך מער אין די נעכט געהוידעט צווישן ליכטיקע האָפענונגען און גראָע ספקות. אָט פלעגט ער אין שלאָף זען ווי די צווייגן פון דיביימער בייגן זיך נידעריק צו דער ערד־צו אונטער דער שווערער לאַסט פון די רייפע פּירות; און אָט זעט ער ווי אַ ווילדער שטורעם צעטראָגט זיך איבער זיינע סעדער און, פליקט מיט אַ צאָרנדיקן אימפּעט דאָס גאַנצע אויבסט אַראָפּ פון די ביימער, און שמייסט די נאַקעטע ביימער ווי לייכטע שפּענדלעך ביז אונטערן הימל.

די שלעכטע וויזיעס האָבן ביי איטשע־מאירן באַקומען די פולשטענדיקע שליטה. אין זיין צעשראָקן האַרץ האָט גענומען טאַטשען אַ חרטה־געפיל אויפן גאַנצן עסק און אַ מורא פאַר אַ שטראָף פאַרן פאַרנעמען זיך צו הויך.

אין איינער אַ נאַכט האָט איטשע־מאירן — שוין נישט אין חלום, נאָר טאַקע אויף דער וואָר — אַרויסגעריסן פון שלאָף אַ שרעקלעכער געוויטער. שאַרפע פייערדיקע זיגזאַגן האָבן צעשניטן דעם געדיכט־פאַרוואָלקנטן הימל; ס׳האָט זיך דערהערט אַ פאַרטויבנדיק קאָלערן זיך ווי פון שווערע שטיינער, און באַלד דערנאָך אַ מוראדיקער קנאַל, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די לופט, און ס׳האָט אַ פליייך־געטאָן אַ געדיכטער גאַס רעגן. נישט פאַרביי קיין פערטל שעה ווי אויפן טונקעלן הימל האָבן פונסניי גענומען אויפבליצן פאַספאַר־ליכטיקע בליצן, וואָס זענען באַגלייט געוואָרן מיט מעכטיקע

דונערן. אַ האָגל האָט האַסטיק און מיט קראַפט גענומען קלאַפּן אויף די דעכער און אין די פענצטער־שויבן.

אין אַ קאַלט־אַנגסטיקן שוויס איז איטשע־מאיר געשטאַנען מיט ברייט־אויפגעריסענע אויגן ביים פענצטער און מיט אַ שטאַרן אַנגעשטרענגטן בליק — פול מיט פחד זיך צוגעקוקט צום שרעקלעכן דרויסן... דרעשטשעס זענען אים אריבער איבערן לייב און אויף זיין פנים האָט זיך געשפּרייט אַ טויטע בלאַסקייט. אַ גאַנצע נאַכט איז איטשע־מאיר נישט אָפּגעטרעטן פונעם פענצטער. ערשט מיטן אויפהעלן פונעם פאַרטאָג, האָט זיך דער בייזער געוויטער אָפּגעשטעלט.

נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט צו זיין טעמעלען, וועלכע האָט אויך די נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט, איז איטשע־מאיר אַרויס צום שטעלעכל און גענומען אייליק איינשפּאַנען די קליאַטשע. דערזעענדיק לעבן זיך דעם באַלעבאָס אירן אין אַזאַ פריער שעה און דערפילנדיק דאָס ציטערן פון זיינע הענט, האָט זי אַנגעשטעלט אויף אים אירע גרויסע טרויעריקע אויגן, און באַמיט זיך אים לייכטער צו מאַכן דאָס איינשפּאַנען.

איטשע־מאיר האָט זיך האַסטיק אַ וואָרף־געטאָן אין דער בריטשקע, אַ צי־געטאָן די לייצעס און מיט אימפּעט זיך געלאָזן דורך די פאַרגאַסענע געסלעך צו די פעלדער אַרויס, אין דער ריכטונג צום פריצס סעדער.

מיט אַ טערפּקע געפיל, ווי איינער וואָס איילט צו אַ נאָענטן מסוכן־קראַנקן און איז נישט זיכער צי ער וועט אים נאָך טרעפן ביים לעבן, איז איטשע־מאיר געזעסן אויף דער קעלניע מיט ברייט־אויפגעריסענע אויגן אין דער פאַרטאָגיקער גראָער ווייטקייט און, ווי אַ וואַנזיניקער געשמיסן די אויסגעדאַרטע קליאַטשע.

אין אַנבליק פון גרויסן חורבן, וואָס דער ביינאַכטיקער געוויטער האָט געבערענגט אויף די פעלדער און גערטנער, דורך וועלכע ער איז פאַרביי, האָט ער זיך געשטאַרקט אויפצונעמען דעם אייגענעם בראָך, וואָס וועט זיך באַלד אַנטפּלעקן פאַר אים.

און אַז איטשע־מאיר איז צוגעקומען צו די סעדער זיינע, האָט ער אַ ווילדן שפּרונג־אראָפּ־געטאָן פון דער בריטשקע, אַ וואָרף־געטאָן זיינע בליקן פול מיט פחד אין אַלע זייטן און — געבליבן שטיין מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. ער האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלייבט. אים איז פאָרגעקומען, אַז דאָס איז אַ המשך פון עפּעס אַ נאַכט־חלום. אַרום און אַרום איז קיין סימן

נישט געווען, אַז דאָ זאָל האָבן אַדורכגעגאַנגען דער שרעקלעכער געוויטער. די געדיכט־צעצווייגטע ביימער זענען געווען פול מיט יונגע פּירות, וואָס האָבן זיך גאָלדיק געמיניעט אונטער די ערשטע זון־שטראַלן.

איטשע־מאיר איז געשטאַנען אַ צעטומלטער, אַ פאַרגאַפטער: אַזאַ שפע פון פרוכט האָט ער, זינט ער איז סאַדאָווניק, נישט געזען. אַ וואָרעמער שטראָם איז זיך צעגאַנגען איבער זיינע גלידער און מיט איין שפרונג איז ער אַריין אין דער ברייטשקע, גענומען צוויי פינגער אין מויל אַריין און טוענדיק אַ שאַרפן פייף אינעם פאַרטאָג אַריין, — אַ צי־געטאָן מיטן גאַנצן כוח פאַר די לייצעס. די קליאַטשע האָט, ווייזט אויס, דערפילט די האָפער־דיקע ענדערונג, וואָס איז פאַרגעקומען אינעם געמיט פון איר באַלעבאָס, האָט זי ראַפּטום אַ שלעפּ־געטאָן די ברייטשקע פון אָרט און מיט די לעצטע כוחות זיך אַוועקגעלאָזט אין גאַלאָפּ איבער די פעלדער און לאָנקעס.

שוין אין די ערשטע שעהן פון טאָג האָט מען אין שטעטל אָפּגעשאַצט די גרויסע שאָדנס, וואָס דער ביינאַכטיקער געוויטער האָט אָנגעמאַכט אין די אַרומיקע פעלדער און סעדער. און ווי גיך מען האָט געוווּסט אָפּצושאַצן די שאָדנס, האָט מען נאָך גיכער געוווּסט איבערצוגעבן פון מויל צו מויל וועגן ווונדערלעכן צופאַל, וואָס דער בייזער געוויטער האָט אינגאַנצן אויסגעמיטן די מזרח־דרומדיקע זייט, ווו ס׳געפינען זיך די סעדער פונעם פּריץ יאַנוש קאָוואַרטשיק. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט דאָ אין זינען געהאַט איטשע־מאירן.

און אַז ס׳זענען קוים אַ דריי וואָכן פאַרביי זינט יענעם געוויטער, איז ביי איטשע־מאירן אין שטוב געוואָרן אַ קומען־און־גיין ווי צו אַ גוטן ייד. ס׳האָבן זיך גענומען יאָווען מעקלער, איבערקויפער, אויבסט־סוחרים און סתם שיינע יידן, וואָס זענען געקומען מיט גוטע און פרומע עצות. געווען זענען עס די, וועלכע פלעגן פריער, הינטער זיינע אויגן, אָנדערציילן זיך וויציקע מעשיות וועגן „איטשקע ציגיינער"...

מען האָט איטשע־מאירן פאַרגעשלאָגן דרייפאַכיק מער וויפל ער האָט אַריינגעלייגט אינעם עסק. אָבער כאָטש ער האָט קיינמאָל נישט פאַרמאָגט דעם ראַפינירט־סוחרישן חוש מיט אַלע זייערע גענג, האָט ער איצט, אינעם אָנבליק פון דעם פּלוצלינגן קלעפּן אַרום אים פון די

אַלע פריש־געבאַקענע אַריינגייער, זיך געגומען אַרומקוקן ווי ער האַלט אין דער וועלט.

צו זיין טעמעלען האָט ער געזאָגט: — אַז גאָט האָט יאָ דערהערט מיין געבעט און מיר געהאָלפן, באַדאַרף מען נישט צעטרענצלען, וואָס עס איז אונדז געגעבן געוואָרן.

איטשע־מאיר האָט נישט געוואָלט הערן פון די פאַרגעלייגטע לאָקנ־דיקע סומעס געלט און בלויז איינגעאַנגען צו נעמען האַנטגעלט אויפן אויבסט, וואָס געפינט זיך נאָך אויף דיביימער, און ערשט נאָכן אַראָפּנע־מען די סחורה, וועט ער זיי דאָס אָנועקגעבן לויטן דורכשניט־פּרייז, וואָס וועט דעמאָלט שטיין אויפן וואַרשעווער מאַרק.

איטשע־מאיר האָט איצט באַשיינפּערלעך געזען, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס ער דינגט סעדער. אָבער, אַז זיין חלום, פאַר יעדן סעדער־סעזאָן, צו מאַכן אַביסל קערבלעך זאָל מקוים־ווערן אין אַזאַ גרויסער מאָס — האָט ער נישט געחלומט.

מיטן פאַרענדיקן דעם פאַרקויף פונעם אַראָפּגענומענעם אויבסט, איז פאַרשווונדן געוואָרן „איטשע־מאיר סאַדאָווניק״, „איטשע ציגיינער״ און „באַטקאָ טשעמייער״. איצט האָבן אַלע אין שטעטל געקענט ר׳ איטשע־מאיר יעלניק. אָבער ר׳ איטשע־מאיר יעלניק האָט נישט, ווי אַנדערע אויפגעקומענע נגידים, גלייך אויף צומאָרגנס פאַרגעסן ווער ער איז געווען נעכטן... ער האָט אפילו נישט פאַרגעסן, אַז פאַר דער חתונה איז ער געווען א פערד־אַנטרייבער און געפירט אין אַ בויד פּאַסאַזשירן קיין פּלאָצק און פון פּלאָצק.

אַ לענגערע צייט האָט זיך ר׳ איטשע־מאיר יעלניק נישט גוט געפילט אין דער הויט פון אַ נגיד און זיך אפילו געשעמט מיט זיין גוטס, ווי ער וואָלט עס, חלילה, דערוואָרבן אויף א נישט־ערלעכן אופן. איבערהויפּט פלעגט ער זיך נישט פילן מיט אלעמען און ווי מיט עפּעס שולדיק, ווען ער פלעגט זיך צוזאַמענטרעפן מיט „עמך״, וועלכע פלעגן הינטער די אויגן שטענדיק אָפּלאַכן פון די שיינע יידן פון שטעטל, און צומאָל נישט קאַרגן קיין קללה...

אָבער ר׳ איטשע־מאירס פירונג, נאָכדעם ווי דאָס מזל האָט אים צוגע־שפּילט, האָט קיינעם נישט געגעבן די געלעגנהייט צו רעדן עפּעס שלעכטס וועגן אים. זיין טיר און זיין האַנט זענען צו יעדער צייט און פאַר יעדן נויט־

באַדערפטיקן געוועזן אָפּן. טאַקע צוליב אָט דער גוטהאַרציקייט און ערלעכקייט זיינער און אויך דאָס, וואָס ער איז געוועזן אַ שטאַלטנער מאַנספּערשוין, האָט אים זיין טעמעלעס פֿאָטער, עליו־השלום, גענומען פֿאַר אַן איידעם, — נישט געקוקט דערויף וואָס ער איז געוועזן אַ פֿערד־אַנטרייבער.

און פּונקט ווי איר מאַן, איטשע־מאיר, איז אויך טעמעלע געבליבן די זעלבע פּשוטע און באַשיידענע פּרוי ווי פֿריער. מען קאָן נישט זאָגן, אַז זי האָט זיך נישט געפֿרייט מיטן גרויסן געשאַנק וואָס זיין ליבער נאָמען האָט איר צוגעשיקט, אָבער זי האָט עס אויפֿגענומען נאַטירלעך און מיט אַ מאָס, וואָס זאָל נישט אַרויסרופֿן קיין קנאה, וואָס זאָל נישט אויפֿרייצן און, אַז דער קאָפּ זאָל זיך נישט, חלילה, פֿאַרדרייען פֿונעם גרויסן גליק...

די נעכטיקע אָפּשפּעטער און רכילות־טרייבער, וואָס פֿלעגן הינטער די אויגן נאָכקרומען איטשע־מאירן, ווי אַזוי „קבצנזאָן" ווערט ערב־שבת פֿאַרוואַנדלט אין אַ „לאָרד קאָקס", און ווי אַזוי דער „קרויט־קאָפּ" רייסט זיך דאָס אויסצוליציטירן אַ מפטיר אין שול, און אויך געוואוסט צו דערציילן צווישן זיך וויפֿל דער „ציגיינער" „לאָזט אַראָפּ" ביים טיש... וויפֿל מאָל ער כאַפּט זיך אַרויס אינדערפֿרי אין וועג אַריין אומגעדאַוונט; און אַז ער האָט מער צו טאָן מיט די פּויערטעס ווי מיט די פּויערים — זיי אַלע האָבן איצט אָנגעהויבן ציען צו ר׳ איטשע־מאיר יעלניקס שטוב און גענומען קאָנקורירן צווישן זיך מיט זייער איבערגעטריבענער מליצה און חניפֿה צום נייעם גביר אין שטעטל. די נייע פֿריינט און פֿאַרערער האָבן אָנגעהויבן אָפּקלאַפּן ביי אים די טיר און בגניבה, אויסהיטנדיק זיך איינער פֿאַרן צווייטן, — אַריינשאַרן זיך צו ר׳ איטשע־מאירן מיט פֿאַרשידענע אָנבאָטן וועגן גאָלדענע געשעפֿטן.

ר׳ איטשע־מאיר יעלניק האָט מיט אַ מבינישן אויג באַטראַכט די פֿריש־געבאַקענע גוטע פֿריינט, אויסגעהערט זייערע פֿרומע עצות פֿון וועלכע מען קאָן אָנשאַרן אוצרות און — לסוף באַשלאָסן, אַז ער וועט זיך אָוועקלאָזן אַן עצה־האַלטן צום שווערס, עליו השלום, רבין. ער האָט גוט געוואוסט, אַז אַ מענטש קאָן זיך נישט אָוועקזעצן מיט פֿאַרלייגטע הענט און קוקן אין הימל אַריין... פֿאַראייַנוועגס, האָט ער געטראַכט, וועט ער אויך רעדן מיטן רבין וועגן זיין ווייב טעמעלע, וואָס שוין דאָס זעקסטע יאָר נאָך דער חתונה, זעט מען נאָך אַלץ נישט קיין קינד. זיין באַשלוס צו פֿאָרן צום רבין, איז נישט געקומען צוליב דעם, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פֿון זיין שווערס

רבין, ביי וועמען ער איז, ווי ביי רביים בכלל — נאָך קיינמאָל נישט געווען. געטאָן האָט ער עס בלויז דערפֿאַר, וואָס ער האָט נישט געהאַט דעם מינ־דעסטן צוטרוי צו זיינע שטעטלדיקע פרישע פריינט. וואָס שייך זיין ווענדן זיך צום רבין, וועגן אַ הילף פֿאַר זיין טעמעלען, אַז זי זאָל ענדלעך אויפֿ־געריכט ווערן און נישט אַרומגיין פֿאַרשעמט — האָט ר׳ איטשע־מאיר יעלניק, וואָס האָט ווייט נישט געגלויבט אין קיין נסים — בלויז געהאַט אויסצופירן זיין טעמעלעס פֿאַרלאַנג.

מוצאי־שבת האָט ר׳ איטשע־מאיר נאָכאַמאָל איבערגערעדט מיט זיין טעמעלען וועגן דער נסיעה, און דינסטיק, נאָכן האַלבן טאָג, איז ער שוין געזעסן אַנטקעגן דעם גרייז־גראָען הדרת־פּנימדיקן אַלטן רבין און אַרויסגעלייגט פֿאַר אים, וואָס אזעלכעס ס׳האָט אים אהערגעבראַכט.

אַז ר׳ איטשע־מאיר האָט געענדיקט דאָס דערציילן די גאַנצע געשיכטע, אָנהייבנדיק פונעם מאָמענט, ווען דער פֿאַראָבעק פונעם פּריץ יאַנוש קאָוואַרטשיק האָט ביי אים אָנגעקלאַפּט, האָט דער רבי, אויסהערנדיק די מעשה ביזן סוף — אים געעצהט צו נעמען זיך צו מעל־מסחר. ברויט — האָט ער געזאָגט — איז שטענדיק א גוט אַרטיקל. אויף ברויט שטייט די וועלט... — אין קמח — אין תורה... איז הער וואָס איך זאָג דיר: איך וועל דיר געבן אַ בריוול צו מיינעם א מקורב, אַן ערלעכער און פֿעאיקער ייד. ער איז שוין יאָרן לאַנג איינגעטאָן אינעם דאָזיקן מסחר און פירט אויך אויס גרויסע פּאָדריאַדן פֿאַרן מיליטער. ער וויל איצט אויסברייטערן זיין מעל־מסחר און זוכט צום עסק אַ פּאַסיקן און ערלעכן מענטש מיט געלט, אַלס שותּף. ער וווינט נישט ווייט פון דיר — אין גאָסטינין. כאַפּ דיך אַראָפּ צו אים און זיי מצליח! וואָס שייך דיין ווייב טעמעלע — שיק איך איר מיין ברכה, זי זאָל באַפרוכפּערט ווערן מיט א „קדיש״! זאָל זי געבן צדקה און אָפּהיטן אַלע מצוות, וואָס זענען געשריבן געוואָרן פֿאַר יידישע ווייבער. דו ווייסט דאָך מסתמא, — האָט אים דער רבי, ביים אַוועקגיין דערמאָנט — וועט זי ביזן צענטן יאָר נאָך דער חתונה נישט פֿאַרגיין אין טראָגן — וועסטו איר על פּי דין, מעגן אָפּגטן...

ס׳איז געבליבן אַזוי, ווי דער רבי האָט אים געעצהט. ר׳ איטשע־מאיר יעלניק איז געוואָרן אַ שותּף פונעם גאָסטינינער מעל־סוחר ר׳ קלמן שיינפעלד.

ר׳ קלמן שיינפעלד איז געווען אַ רויט־האָריקער מיטלוווקסיקער באַלייבטער ייד מיט לאַנגזאַמע, אויסגערעכנטע באַוועגונגען. אז ער פלעגט

פאַמעלעך אַריינגעמען דעם רעכטן שפּיץ פון זיין רויטער געקרויזטער באָרד צווישן דעם לינקן ווינקל פון זיינע אויפגעלאָפענע ליפּן און, אויך אַזוי פאַמעלעך פאַרקנייטשן דעם הויכן למדנישן שטערן, — האָבן אין זיין מוח גענומען אויפקומען סוחרישע גענג, אויסרעכענונגען און איינפאַלן, וואָס האָבן אים קיינמאָל נישט פאַרפירט.

קיינער אין גאָסטינין האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי ער האָט זיך דאָס מיט זיין עכט־יידישער נאָז און מיט זיין שטענדיק אָפּערקריכנדי־קער סאַמעטענער יאַרמולקע פון אונטערן טוכן היטעלע, און מיטן צעקאַליעטשעטן רוסיש, וואָס האָט געגרילצט מיטן הייזעריקן „ר״, — זיך געקאָנט אַריינבאַקומען צו דער העכערער מיליטערישער „נאַטשאַלסטווע״ און פאַרדינען ביי זיי אַ „קאַפּל מיט געלט״. ווער־ווער, אָבער ער, ר׳ קלמן שיינפעלד, האָט יאָ גוט געוווּסט אין וואָס עס איז באַשטאַנען דער כוח פון באַקומען מיליטערישע „פּאַדריאַדן״...

דער שותפות צווישן יעלניק און שיינפעלד איז געווען אַ געראָטענער און דער מסחר האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן.

מעקלער מיט גוטע נעז האָבן דערשנאָפּט ר׳ איטשע־מאיר יעלניקס אַרויפשטייגן, און גענומען ביי אים „אָפּרייסן די טירן״. ווער ס׳האָט אים פאַרגעשלאָגן אַ צווי־שטאָקיקע ראָגאָווע קאַמעניצע אויף דער אַפּטייק־גאַס און ווער, אַ פיר־צימערדיק הייזל פאַר זיך, מיט אַן אויבסט־גערטנדל אַרום, און ווער ס׳האָט אים צוגערעדט, געלעגנהייטלעך אָפּצוקויפן ביי אַ פּריץ — אַ כמעט פונק־נייעם „וואָלאַנט״ מיט אַ יונגן העל־ברוינעם אָגער...

אָבער ר׳ איטשע־מאיר יעלניק האָט נישט געוואָלט הערן פון די אַלע זאַכן. ער איז געבליבן וווינען אין דעם זעלבן ירושה־הייזל, ווייל קיין גרע־סערס האָט ער נישט באַדאַרפט, און אויך דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געוואָלט „אויפרייסן די אויגן״ ביי מענטשן. ר׳ איטשע־מאיר האָט אָבער געלאָזט אַראָפּרייסן דעם צעלעכערטן פאַפּע־דאַך און געלאָזט אים אויסלייגן מיט נייע רויטע שינדלען; די אַלטע צעפוילטע טיר־און־פענצטער פאַרביטן אויף נייע; געלאָזט אַראָפּרייסן די אַלטע פאָדלאָגע־ברעטער, און אויף זייער אָרט האָבן זיך באַוויזן הילצערנע „פּאַסאַדזקעס״. מעבל האָט ער באַשטעלט אין פּלאָצק ביים „וואַרשעווער מעבל־סטאָליאַר״ און צו דעם ווייבס שוועסטערל, די לאָמע פריידעלע, האָט ער צוגענומען אויף „שטונדן״ — אַ ליטווישן האַלב־לערער און האַלב־מלמד.

צו וואָס ר׳ איטשע־מאיר האָט זיך יאָ געלאָזט צורעדן פֿון אַ מעקלער, איז געווען: דאָס קויפֿן דעם „וואַלאַנט״ ביים באַנקראָטירטן פּריץ. אים איז איצט אויסגעקומען מער אַרומצופֿאָרן ווי גיין צו פֿיס. צו איטשע־מאירס שטאַלטנער פֿיגור, איז דער „וואַלאַנט״ געווען ווי אָנגעמאָסטן... אויפֿן אָרט פֿונעם צעפֿאָרענעם וועגעלע, געשלעפּט פֿון אַ קנאַכיקער קליאַטשע מיט אַן אָפּגעריבענער פעל פֿון אַן אומבאַשטימטער קאָליר — איז ער איצט געזעסן אויף אַ צוויי־רעדערדיקן געל־לאַקירטן „וואַלאַנט״ מיט א ווייכן טונקל־גרינעם ברייטן געזעס, וואָס איז מיט דער לייכטקייט פֿון אַ קינדער־שפּילצייג געשלעפּט געוואָרן דורך אַ הויך־פֿיסיקן העל־ברוינעם אָגער.

ר׳ איטשע־מאיר יעלניק, איז שוין איצט אַ גאַנצע וואָך אַרומגעגאַנגען אין לייטישע בגדים. אָבער מיט צוויי זאַכן האָט ער זיך נישט געקאָנט שיידן: מיט דער שווערער זילבערנער קייט־און־זייגער, די חתן־מתנה פֿון זיין פֿאַרשטאָרבענעם שווער, און מיט דעם דעמבענעם שטעקן מיטן האָרנדיקן הענטל, אין דער פֿאָרם פֿון א פֿויגלשן שנאָבל — דער געשאַנק פֿון אַ פּריץ.

3

אין דער זעלבער צייט וואָס ר׳ איטשע־מאיר יעלניק האָט אָנגעהויבן שטייגן באַרג־אַרויף, האָט זיין ווייב טעמעלע אָנגעהויבן צו גיין מיטן געזונט אַלץ מער באַרג־אַראָפּ... אַ פֿאַרקילונג מיט אַ לונגען־אָנצינדונג, וואָס זי האָט געהאַט באַקומען מיט איבער אַ יאָר צוריק, פֿאַרברענגענדיק מיט איר מאַן און איר שוועסטערל עטלעכע מעת־לעת אין איינעם פֿון די געדונגענע סעדער ביים פּריץ יאַנוש קאָוואַרטשיק — האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך נישט באַמערקטע שפּורן וואָס האָבן געטליעט אין איר און מיטאַמאָל גענומען פֿאַרויסגיין מיט שנעלע טריט צו אַן ערנסטער קראַנקהייט. ס׳האָבן נישט געהאָלפֿן די גרויסע דאָקטוירים און פּראָפֿעסאָרן צו וועמען ר׳ איטשע־מאיר יעלניק איז מיט איר געפֿאָרן קיין וואַרשע און זיי שפּעטער געבראַכט צו זיך אין שטוב אַריין. זי האָט געצאַנקט פֿון טאָג צו טאָג. די שטענדיק גלאַטע, לויטערע הויט אויף איר פּנים, איז געוואָרן אַלץ אָנגעצויגענער און באַקומען אַ דורכזיכטיקע פֿאַרמעט־געלע קאָליר, און אירע גרינלעכע, טויאיק־גלאַנציקע אויגן, זענען אַלץ מאַטער און מאַטער געוואָרן. טעמעלע האָט זיך אָפּגעגעבן רעכענונג ווי זי האלט אין דער וועלט... געפֿילט אז אירע טעג זענען געציילטע... זי איז געלעגן מיט פֿאַרפּרעסטע בלאָע ליפּן, און פֿון צייט צו

צייט גענומען פּאַמעלעך פירן איר האַלב־פאַרלאָשענעם בליק, דאָ אויף איר מאַן, דאָ אויף איר פּופּצניאַריקער שוועסטער פריידעלען, אויף די פריש־געמאָלטע ווענט און נייע מעבלשטיק און... זיך פאַרטראַכט...

געווען איז עס פאַרנאַכט, ערב־סוכות. דאָס צימער ווו טעמעלע איז געלעגן, איז שוין געווען אויסגעפּילט מיט אַ געדיכטן אָוונט־גראָ, דורך וועלכן ס׳האָט זיך נאָך בלויז דורכגעשלאָגן די ווייסקייט פונעם בעטגעוואַנט און די מאָדנע בלאַסקייט פון איר פּנים. פריידעלע און די קרובה זענען ביידע געלעגן אין די קליידער אויף אַ צווייט בעט, פאַרזונקען אין אַ מידן שלאָף. ר׳ איטשע־מאיר איז געזעסן אויף אַ שטול נעבן טעמעלעס בעט, פאַררוקט די הענט אין די אַרבל פון דער קאַפּאָטע און געקוקט מיט אַ שטאַרן בליק אויף די פענצטער־שויבן אויף וועלכע ס׳האָבן געפּלאַצט גרויסע רעגנטראָפּנס פון דער דרויסנדיקער פליאָגע.

— וואָס האָבן מיר היינט, איטשע־מאיר? — האָט זי אים פּלוצלינג אַ פרעג־געטאָן — קוים צו הערן זי.

— סוכות — האָט איטשע־מאיר צעטראָגן געענטפערט.

— טאָ פאַרוואָס איז פינצטער? — ס׳איז דאָך יום־טוב... — ברענג מיר ליכט...

אונטערגעהאַלטן פון איטשע־מאירן, האָט טעמעלע געבענטשט ליכט. אראָפּגעלאָזט זיך שווער אויפן קישן, האָט זי מיט א טיפן זיפץ א פיר־געטאָן מיטן פינגער צו איר מאַן.

איטשע־מאיר האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט און זיך איבערגעבויגן איבער איר מיט אַ פרעגנדיקן בליק.

— הער, איטשע־מאיר, — האָט זי אים מיט אַ שווער דעכעַן אָנגעוויזן מיט די אויגן אויף איר שוועסטער פריידעלע, וואָס איז צוזאַמען מיט דער עלטערער קרובה געלעגן אויפן צווייטן בעט פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. — איצט, וועסטו דאַרפן זיין פאַר איר אַלץ... — האָט זי מיט שווערקייט ווי סילאַבירט יעדעס וואָרט. — זי האָט קיינעם נישט אויסער דיך...

געענדיקט די עטלעכע ווערטער איז זי שטיל געבליבן — אויף אייביק שטיל־געבליבן...

טעמעלע איז אַוועק פון דער וועלט נישט איבערלאָזנדיק איטשע־מאירן קיין „קדיש“ און נישט באַווייזנדיק רעכט צו געניסן פון איר, פון גאָט־צוגעשיקטער עשירות...

כאָטש פריידעלע האָט שוין געקאָנט אַליין פירן דיווירטשאַפט אין שטוב, האָט ר׳ איטשע־מאיר יעלניק דאָך צוגענומען א „מענטש“ אין שטוב אַריין. געטאָן האָט ער עס צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, ווייל ס׳איז עפּעס נישט געווען פּאַסיק פאַר זיך און פאַר מענטשן, אַז אַ יונגער אַלמן זאָל בלייבן אונטער איין דאָך מיט דעם ווייבס אַ שוועסטער, אַ מיידל שוין אין זעכצנטן יאָר, וואָס נישט געקוקט אויף איר שווערן מום, איז זי שוין לויט איר אויסזען געווען אַ פול־אַנטוויקלטע פרוי; צווייטנס, איז זי דאָך סוף כל סוף אַ מיידל אַ קאַליקע און אַ קיילעכדיקע יתומה, וואָס איז צו אים צוגעבונדן ווי צו אַן אייגענעם טאַטן, און ער צו איר, ווי צו אַן אייגן קינד — טאָ פאַרוואָס זאָל ער עפּעס גלייך נאָכן ווייבס טויט אַרויפלייגן אויף איר אַ לאַסט? — ער קאָן זיך דען נישט דערלויבן צו האַלטן אַ „מענטש“?

די שטוב האָט זיך ווייטער געפירט. דער „מענטש“, אַ מיטליאָריקע פרוי, אַ גרושה, האָט געטאָן אַלע אַרבעטן אין שטוב און פריידעלע איז בלויז געגאַנגען איינקויפן, געהאַפטן, געניייט, געהאַט צייט צו פאַרברענגען מיט אַנדערע מיידלעך און צו לייענען יידישע מעשה־ביכלעך, וואָס זי האָט אָפט באַקומען פון עלטערע חברטעס.

די געשעפטן פון ר׳ איטשע־מאירן זענען ווייטער געגאַנגען מיט הצלחה און ער האָט זיך גענומען אַרומטראַגן מיטן געדאַנק, אַז ס׳איז שוין צייט זיך אַרומקוקן וועגן אַ פּאַסיקן שידוך פאַר פריידעלען. נישט געקוקט דערויף, וואָס דער נדן איז שוין געלעגן גרייט, איז עס געווען אַ גאַנץ שווע־רער ענין. שווער, ווייל אויסער דעם וואָס פריידעלע איז געווען אַ לאָמע, איז זי אויך געווען ווייט פון צו זיין שיין. וואָס זי איז יאָ געווען — זייער אַ קלוגע, אַ וויצלערין און אַ לעבנסלוסטיקע. די קאַנדידאַטן וואָס האָבן זיך געקוואָפּעט אויפן פעטן נדן, זענען אָבער נישט ווערט געווען, נישט דעם נדן און אויך נישט פריידעלען.

ר׳ איטשע־מאיר יעלניק, ווי ער איז געווען אַ פּשוטער חי־וקים, האָט ער פונדעסטוועגן נישט געוואָלט פריידעלען סתם חתונה־מאַכן, בכדי בלויז צו פאַרדינען דערמיט אַ מצווה... ער האָט פאַר איר געזוכט א פּשוטן און ערלעכן מענטש, וואָס זאָל אויך איר געפעלן ווערן און וואָס זאָל נישט עלטער זיין פון איר מיט אַ סך יאָרן. פאַר זיין יונגער שוועגערין האָט ער בלויז געהאַט אַ געפיל, ווי אַ טאַטע צו אַן אייגן קינד, און אַזאַ איז אויך געווען זיין זאָרג וועגן איר. און כאָטש ס׳איז געווען אַזוי, האָט ער פונדעסט־

וועגן געוואָלט פאַרשטיין די לעצטע ווערטער פון זיין פאַרשטאָרבן ווייב אין יענעם אָוונט פון ערב־סוכות: „ווייס אַז זי האָט קיינעם נישט אויסער דיך, זאָלסט זיין פאַר איר אַלץ"...

נישט געקוקט אויף איטשע־מאירס אַלע באַמיאונגען, האָט זיך מיט פריידעלען עפּעס נישט געמאַכט קיין לייטישער שידוך. דערפאַר אָבער, ווי ס'איז קוים אַדורך אַ האַלב יאָר נאָך טעמעלעס טויט, האָבן זיך אָנגעהויבן צו אים יאָווען שדכנים, אונטערגעשיקטע דורך נגידישע הייזער פון שטעטל, און אפילו פון פלאָצק. יעדער איינער פון זיי האָט פאַר ר' איטשע־מאיר יעלניקן געהאַט עפּעס „אַזוינס־און־אַזעלכעס" — אַ וועלט אויסצופאָרן, וועט מען דאָס נישט געפינען!... איינע, מיוחסדיקער פון דער אַנדערער... איינע, שענער און קלוגער פון דער אנדערער...

אַז ר' איטש־מאיר יעלניק האָט זיך גענומען אָפּשאָקלען פון די שדכנים און געזאָגט זיי, אַז ער האַלט נאָך דערווייל נישט ביי קיין שידוך, אַז דאָס געדעכעניש נאָך זיין טעמעלען איז נאָך ביי אים גענוג שטאַרק און פריש — האָבן אים די שדכנים געפּרוווט פאַררעדן און איבערצייגן מיט אַ „היתכן", ר' איטשע־מאיר, צי האָט איר אינגאַנצן פאַרגעסן אַז „זי", דאָס מיידל וואָס מען רעדט אייך, איז סך הכל נאָך קיין פולע צוואַנציק יאָר נישט אלט, און איר אויף לאַנגע, געזונטע יאָרן, זענט שוין קיין עין־הרע אַ ייד אַ דרייסיקער? — אַז אַ ייד דאַרף אויך אַ טראַכט־טאָן וועגן אַ יורש און אַ קדיש, איבער הונדערט און צוואַנציק...

ר' איטשע־מאיר יעלניק האָט זיי אָבער נישט געוואָלט הערן. די ערשטע זאַך וואָס ער האָט יאָ באַשלאָסן איז געווען: זיך נישט משדך־זיין מיט די שיינע נגידישע יידן פון זיין שטעטל. — כאָטש אַליין שוין אַ ייד אַ נגיד, — האָט ער געגלויבט און געהאָפט, אַז ער וועט דאָך זיין אינגאַנצן אַנדערש ווי אָט די דאָ... ווי אַזוי עס וועט אויסזען דאָס אַנדערשקייט, האָט ער זיך נאָך דערווייל אליין נישט געקאָנט פאַרשטעלן. אין זיינע לעצטע אָפטע געשעפטלעכע רייזעס קיין וואַרשע, ווו ס'איז אים אויסגעקומען צו פאַרקערן אין אָנגעזעענע סוחרישע קרייזן, האָט ער דערזען אַ גאָר אנדער לעבן, אַנדערע נגידים מיט גאַנץ אַנדערע מנהגים און השגות — אַנדערש ווי ביי די סוחרים און פאַבריקאַנטן און די נגידימלעך פון זיין שטעטל.

זינט מען האָט אָנגעהויבן רעדן ר' איטשע־מאירן שידוכים, האָט זיך אויף אים אָנגעזעצט דער שותף זיינער, ר' קלמן שיינפעלד און געוואָלט אים מיט

כוח איינשלייערן די שוועסטער זיינע — אַן אַלטע מיאוסע מויד און דערצו נאָך, נישט קיין איבעריק קלוגע... דאָס איינציקע וואָס זי האָט יאָ פאַרמאָגט, איז געווען „יחוס״ און א בכבודיקן נדן, וואָס ר׳ קלמן שיינפעלד האָט פאַר איר „געטשילעט״ אין אַ באַנק שוין איבער צוואַנציק יאָר...

ווען ר׳ איטשע־מאיר האָט אים אָפּן דערקלערט, אַז ווען ער וואָלט אפילו איצט געהאַלטן ביי אַ שידוך, וואָלט ער אויך נישט גענומען זיין שוועסטער — האָט עס ר׳ קלמן שיינפעלדן אויפגעקאָכט ביז גאָר, און ער האָט עס אין קיין פאַל נישט געקאָנט פאַרשטיין.

— ס׳טייטש! — האָט ער זיך אָנגעצונדן — צי ווייסטו כאָטש ווער מיין זיידע איז געווען?! האָסטו כאָטש געהערט וועגן עקיבא מגיד ז״ל?! צי ווייסטו כאָטש, אַז מיר זענען אייניקלעך — פון דער מאמעס צד — פונעם גרויסן תלמיד־חכם ר׳ יצחק איסערליץ?!

— איז וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן, קלמן? — האָט אים איטשע־מאיר געלאַסן געענטפערט, — אַז דיין שוועסטער האָט געירשנט פון אירע גרויסע זיידעס זייער חכמה?... אָדער פון די באָבעס — זייער שיינקייט?

נאָכן דאָזיקן קורצן שמועס, איז ר׳ קלמן שיינפעלד אַרומגעגאַנגען מיט אַ לאַנגער נאָז אויף זיין שותף און ביי יעדע געלעגנהייט אים פאַרגעוואָרפן — ווען נישט ער — וואָלט שוין איטשע־מאיר געהאַט אַריינגעבראַקט ערגעץ אנדערש זיין ביסל געלט, און שוין אפשר איצט געווען, אַ ייד אַ דלפן.

די באַציאונגען צווישןביידע שותפים זענען געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ מער אָנגעצויגענער. צו דעם איז נאָך צוגעקומען אַ שלעכט דורכגעפירטע האַנדלס־טראַנזאַקציע, ביי וואָס ס׳איז באַגראָבן געוואָרן אַ היפּש ביסל געלט. ס׳האָבן מיטאַמאָל גענומען אַרויסשפּרינגען שאַרפע חלוקי־דעות און העפּ־טיקע קריגערייען צווישן ביידע, און יעדער איינער, האָט אויפן צווייטן אַרויפגעוואָרפן די שולד. ר׳ קלמן שיינפעלד האָט געגעבן ר׳ איטשע־מאירן אָפּן אָנצוהערן, אַז ער באַדאַרף געדענקען און וויסן, אַז ער, קלמן, איז דאָס דער הויפּט־שותף אַזן, אַז וואָס „ער״ טוט און זאָגט, איז גוט און ריכטיק...

4

נאָך איינער פון זיינע אָפטע קריגערייען מיטן שותף זיינעם, האָט ר׳ איטשע־מאיר זיך סוף כל סוף אַרויסבאַקומען פונעם שותפות מיט ר׳ קלמן שיינפעלדן; פאַרלאָזט זיין שטעטל און זיך באַזעצט אין וואַרשע.

פריידעלען האָט ער דערווייל איבערגעלאָזט אין פּלאָצק אין גוטע און זיכערע הענט, ווו מען האָט אויף איר אַכטונג געגעבן ווי אויף אן אייגן קינד. געווען איז זי ביי ר׳ איטשע־מאירס קרובים, ווו ער האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט אַ צוויי מאָל אין חודש, און יעדעס מאָל, דאָרט איבערגעלאָזט אַ שיינע פּאָר קערבלעך. דאָס רעמאָנטירטע הייזל וואָס ער האָט געלאָזן אין שטעטל, און אויך דאָס נאָך, כמעט, ניי מעבל, האָט ער פאַרקויפט, און אויף דערווייל — ביז וואַנען ער וועט זיך „פעסט אַוועקזעצן אויפן זאָטל״ — אַריין אין אַ פיין מעבלירט צימער אויף נאָוואָליפּקי גאַס.

אויך דאָ, אין וואַרשע, האָבן שדכנים שנעל דערשנאַפּט דעם יונגן פאַרמעגלעכן אלמן, און נישט צורו געלאָזט די טיר פון זיין האָטעל־צימער. אָבער אויך דאָ, ווי דאָרט אינעם שטעטל, האָט ער זיי געזאָגט, אַז ער האַלט נאָך דערווייל נישט ביי קיין שידוך, און אַז ער וועט זיי באַדאַרפן, וועט ער נאָך זיי שיקן.

צווישן די פאַרשידענע אָנגעזעענע סוחרים וואָס ר׳ איטשע־מאיר יעלניק האָט אָנגעהויבן פאַרקערן, איז דאָס הויז פונעם לעדער־הורט־סוחר ר׳ גבריאל פעלדשטיין, געווען דאָס צומייסטן דורך אים באַזוכטע. שוין פונעם ערשטן טאָג ווי ער האָט איבערגעטרעטן די שוועל פונעם דאָזיקן הויז, איז עס באַלד געוואָרן ביי אים באַליבט און נאָענט. דאָס זעלבע קאָן מען אויך זאָגן וועגן די פעלדשטיינס אין באַצוג צו ר׳ איטשע־מאיר יעלניק. פונעם ערשטן מאָמענט וואָס ער האָט זיך באַוויזן אין זייער הויז, האָט ער גלייך געוווּנען צוטרוי און סימפּאַטיע פון אַלע שטוב־מענטשן, אַזוי, אַז נאָך עטלעכע וואָכן נאָך דער געשלאָסענער באַקאַנטשאַפט, איז ער געוואָרן דאָרט אן אייגענער, אַ בן־בית מיט וועמען מ׳האָט זיך בעראַטן אין ענינים פון מסחר און פונעם הויז.

ר׳ גבריאל פעלדשטיין איז געווען אַ רעליגיעזער אָבער פאָרגעשריי־טענער מענטש. אַ ייד אַ בן־תורה און אַ משכיל. אלס אַכצניאָריקער אָרעמער ישיבה־בחור און אויטאָדידאַקט אין וועלטלעכע לימודים, האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט פונעם ליטווישן שטעטל אָשמיאַני קיין וואַרשע, און ווי אַ סך, צו יענער צייט, יידישע בחורימלעך פון דער ליטע — נאָך יאָרן פון נישט דערשלאָפן און נישט דערעסן — זיך הויך אַרויפגעכאַפּט. ר׳ גבריאל פעלדשטיין האָט זיך שטופּנווייז אַרויפגעאַרבעט צו אַ „קויפמאַן ערשטער גילדע״ מיט ברייטע האַנדלס־באַציאונגען אין דער רוסישער אימפעריע.

ווען ר׳ איטשע־מאיר יעלניק האָט באַקענט פּעלדשטיינען, איז דעם לעצטן שוין געגאַנגען אַביסל באַרג־אַראָפּ. ס׳האָט זיך נאָך אָבער געפירט ביי אים אַ געגוג רייך און סאָליד הויז, וואָס האָט צו יענער צייט געדינט ווי אַ מוסטער פאַר אַ סך אַנדערע „בעסערע הייזער״.

אין ר׳ גבריאל פעלדשטיינס פיין־אויסגעשטאַטער זעקס־צימערדיקער וווינונג האָט מען געקאָנט געפינען פאַרשידענע קונסט־בילדער און זעלטענע יקר־המציאותן. אין זיין קאַבינעט זענען געשטאַנען צוויי געגלאָזטע דעמבענע ביכער־שענק, וואָס פון איינער האָבן אַרויסגעקוקט די מיט גאָלד־געלייזטע רוקנס פון ש״ס, משנה, זהר און אַ סך אַנדערע ספרים, און פון דער אַנדערער — קלאַסישע ווערק אין דער יידישער, העברעישער, רוסישער און אַפילו אין דער דייטשער שפּראַך.

יעדן דינסטיק אין אָוונט, איז ביי ר׳ גבריאל פעלדשטיינען אין הויז פאָרגעקומען „אַ גלעזל טיי״ ביי אַ „קערטל״ פאַר אַן ענגן קרייז נאָענטע מענטשן.

די דאָזיקע „אָוונטן״ האָט ר׳ גבריאל פעלדשטיין איינגעפירט זינט ס׳האָט זיך גענומען שטאַרקן צווישן די יידן די השכלה־באַוועגונג און זיי זענען שוין געבליבן ווי אַ טראַדיציע אין זיין הויז. אין די דאָזיקע „אָוונטן״ האָבן די קאָרטן אייגנטלעך נאָר גענוצט ווי אַן אַריינפיר צו שמועסן און וויכוחים. נישט איינמאָל זענען די צעטיילטע קאָרטן געבליבן שטעקן צעפעכערטע אין די הענט פון די שטאָם־געסט, אַן ס׳זאָל ווער מאַכן דעם ערשטן „גאַנג״ און באַנוצט זיי צו אַ קריגעריש פאָכען אין־דער־לופט — בעתן אַמפּערן זיך וועגן אַ פּלוצלינג־אַרויפגעשווומענער וויכטיקער פראַגע.

אַזוי ווי ר׳ איטשע־מאיר יעלניק איז אָפּט אַרויפגעקומען צו די פעלדשטיינס — האָט ער זיך אויך געפונען צווישן דעם ענגן קרייז, אויף די דאָזיקע „אָוונטן״.

זיין אויער האָט דאָ אויפגעכאַפּט ווערטער און אויסדרוקן, מיט וועלכע די „שיינע״ נגידישע יידן פון זיין שטעטל האָבן זיך קיינמאָל נישט באַנוצט. גערעדט האָט מען דאָ, וועגן דער יידן־פראַגע, אַסימילאַציע, דערמאָנט די „טשערטא־אָסיעדלאָסטי״, „חובבי־ציון״, ארץ־ישראל, און נישט איינמאָל — אַזאַ מאָדנע־קלינגענדיק געהיים וואָרט, ווי „סאָציאַליזם״...

אַרום אַ גרויסן דעמבענעם אַרויסרוק־טיש, פלעגן אויף שווערע מיט שטרוי־געפלאָכטענע שטולן מיט הויכע אָנלענס, אַרומזיצן יידן, אָנגע־

זעענע סוחרים, רייכע פאַבריקאַנטן און גרויסע קאָמיוואָיאַזשערן, וואָס פלעגן מיט זייערע מוסטערן אָנשפּאַרן אין די ווייט־פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פונעם גרויסן צאַרישן רוסלאַנד.

ס׳האָבן זיך דאָ אויך געפונען יידן, וואָס האָבן זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט יידיש־געזעלשאַפטלעכע און פילאַנטראָפּישע ענינים. געווען צווישן די שטאָם־געסט אויך אַן אויגן־דאָקטאָר, און צוויי, וויניקער ווי באַשיידן־געקליידעטע יידן, וואָס האָבן קוים דורכגעשטופּט דעם טאָג פון זייערע קאָרגע פאַרדינסטן, — זיי האָבן אָבער געקאָנט האַלטן די פען אין האַנט און זיך געדרוקט אין די „גאַזעטן״... זיי האָבן געשריבן לשון־קודשדיקע און יידישע מאמרים, שירים און „מעשה־ביכלעך״...

יעדן דינסטיק אין אָוונט, איז ר׳ גבריאל פעלדשטיין אין אַ שוואַרץ־זיידן קאַפּעלע אויפן קאָפּ — געזעסן אויבן־אָן אין דער רונדער געבעטער „פּאַטער־שטול״ און דורך די שוואַרץ־געראַמלטע פענסנע אויפן שפּיץ פון זיין בלאַסלעכער נאָז — באַטראַכט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, די אַרומזיצנדיקע און אַרומאַמפּערנדיקע הויז־פריינט.

יעדעס מאָל, ווי נאָר דער עולם זעצט זיך אַוועק ביים טיש צום טעשל קאָרטן, גיט ר׳ גבריאל פעלדשטיין עטלעכע מאָל אַ פיר פון אויבן־אַראָפּ מיט זיין טאַשן־בערשטעלע איבער זיין רונד זילבער־ווייס בערדל, און מיט אַ קאָפּ־באַוועג — אַ מונטער אונטער זיין נחה׳לען מיט א „נו, נחה׳לע, גרייט עפּעס טועם־צו־זיין״.

ר׳ גבריאלס ווייב, נחה׳לע — אַ האַרציקע גאַסטפריינטלעכע פרוי מיט וואַרעמע טונקעלע אויגן און מיט אַ שטענדיקן גוטמוטיקן שמייכל אויף איר נאָך יונגן גלאַטן פּנים, — שאַפט נישט מיטן דינסטמיידל, נאָר וויל אַליין האָבן דעם כבוד צו באַדינען די געסט. מיט לייכטע שוועבנדיקע טריטלעך, גייט זי פון איינעם צו אַנדערן, שטעלט אַוועק כיבוד און בעט די געסט טועם־צו־זיין.

אויף אַ גרויסער טאַץ, אין דער מיט טיש מיט דעם שניי־ווייסן סערוועט־טישטוך, שטייט אַ ברייט־בייכיקער סאַמאָוואַר, אַרומגעשטעלט מיט געשליפענע גלעזער, אַריינגעשטעלטע אין געבלימטע האַלטער; צו דער שמעקנדיקער טיי, ווערט אויפן רוסישן שטייגער אוועקגעשטעלט אַ זילבערנע צוקער־פּושקע מיט קאַסטקעס צוקער און מיט אַ צווענגעלע

אָנצונעמען, און נעבן דעם — געשליפענע גלעזערנע טעלערלעך מיט איינגעמאַכטס און געשמאַקע פאַרבייסעכצער.

ר׳ איטשע־מאיר האָט זיך דאָ געפילט ווי אין אַ גאַנץ אַנדערער, נייער וועלט... ער האָט זיך צו אַלעם צוגעקוקט, צוגעהערט און געשוויגן. בלויז איינמאָל, האָט ער איינעם פון די אָפּטע איינגייער אין דעם הויז, געשטעלט אַ פראַגע. געווען איז די פראַגע געווענדעט צו אַ באַברילטן בלאַסן יונגערמאַן מיט אַ הויכן שטערן, לאַנגע גלאַט־אַרויפגעקעמטע האָר און אין אַ ברייטער שוואַרצער שלייף.

דער יונגערמאַן האָט פאַר די אַרומיקע פאַרגעלייענט זיינס אַ ליד אין יידיש „דער סאַד״, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ סימבאָלישע אָנצוהערעניש צו דער רעכטלאָזער לאַגע פון די יידן אין צאַרישן רוסלאַנד. נאָכדעם ווי דער יונגערמאַן האָט שטאַרק אויסגענומען ביים עולם, איז צו אים צוגעקומען ר׳ איטשע־מאיר, געדרוקט אים די האַנט און שטיל געפרעגט:

— איר האָט מסתמא, מיין איך, זיך פאַרנומען אַמאָל מיט סעדער און סעדער־פאַכט?...

דער יונגערמאַן אין דער אָפּגעשאָסענער שוואַרצער פעלערינע, האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט מיט זיינע פאַרחלומטע אויגן און געענטפערט:

— ניין, כ׳בין אַ שטאָטישער און כ׳לעב שטענדיק אין וואַרשע...

5

ר׳ גבריאל פעלדשטיין האָט פאַרמאָגט פיר קינדער — דריי יינגלעך אין עלטער פון דרייצן ביז זעכצן יאָר און אַן איינציקע טאָכטער, פייגעלע, אַ יונגע אלמנה אָן קינדער, אין עלטער פון צווייאונצוואַנציק יאָר.

ר׳ איטשע־מאיר יעלניק, האָט זיך נישט געקאָנט גענוג אָפּוואונדערן פון ר׳ גבריאלס יינגלעך, וואָס זענען געווען געקליידט אין גימנאַזיע־מונדירלעך באַנייטע מיט גלאַנציקע מעשענע קנעפּ, געטראָגן אויפן קאָפּ היטעלעך מיט קאָלירטע לאַמפּאַסן, געגילדעטע קריינדלעך און מיט לאַקירטע דאַשיקלעך.

יעדעס מאָל ווען ס׳איז אים אויסגעקומען צו זיצן מיט זיי ביים טיש, בעתן מיטאָג־עסן, האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי די „קליינע גענערעלער״, וואָס זעען אויס ווי די שקאָצעמלעך — וואַשן זיך צום עסן, און שטיל, מיט דרך־ארץ, זעצט זיך יעדער איינער אַוועק ביים טיש אויף זיין באַשטימט אָרט. ער פלעגט זיצן אַ פאַרגאַפטער מיט אַ האַלב־אָפן מויל,

און זיך צוהערן צו די וועלטלעכע שמועסן פון טאַטן מיט די קינדער, די גימנאַזיסטלעך, וואָס אויסער תורה־זאַכן, האָבן זיי אויך געקענט אַ פּליסיק רוסיש, און אַפילו פראַנצויזיש, און געוווּסט פון אויסנווייניק, ווי אַלע טייכן און לענדער רופן זיך, און ווו זיי געפינען זיך... אָבער מער פון אַלץ, איז ר׳ איטשע־מאיר געווען אַנטציקט פון ר׳ גבריאלס טאָכטער פייגעלע, די שיינע יונגע אלמנה, וואָס האָט געהאַט געענדיקט אַ גימנאַזיע און וואָס פלעגט צוגלייך מיט די מענער, נעמען אַ לעבהאַפטן אַנטייל אין אַלע שמועסן און וויכוחים ביי די פעלדשטיינס. ער וואָלט עס קיינמאָל נישט געגלויבט, איטשע־מאיר, אַז אַן אשה זאָל אַזוי פיל וויסן און קענען! נישט נאָר איר וויסן און קענען האָט אים פאַרכאַפּט, נאָר אויך איר שיינקייט. איר פיינער קערפּער־געבוי, די גאָלדיק־בלאָנדע האָר, אירע פאָספאָר־גרינלעכע אויגן, — האָבן אים נישט איינמאָל אַריינגעברענגט אין אַ וואַרעמער פאַרטרוימטקייט...

ער האָט געוווּסט, אַז גייסטיק טיילט זיי ביידן פונאַנדער אַ וואַנט... אָבער אירע אָפטע אויפמערקזאַמע בליקן, וואָס זי האָט אים געשענקט, האָבן אים אונטערגעזאָגט, אַז אויך זי, די יונגע אלמנה, איז ווייט נישט גלייכגילטיק צו אים... ס׳האָט אַלץ אָפטער געמומען טרעפן, אַז זייערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן... און אַ פלאַטער פון אַ לייכטער רויטקייט האָט אַ שפּיל־געטאָן אויף זייערע פנימער...

נישט איינמאָל האָט ער געשמועסט מיט פייגעלען וועגן פאַרשידענע זאַכן, אָבער פאַרפירן מיט איר אַ ליבע, האָט אים אויסגעפעלט מוט און — ער האָט סוף כל סוף גערופן צו זיך איינעם פון די שדכנים, און געהייסן אים אַדורכפירן דעם שידוך צווישן אים און איר — ר׳ גבריאל פעלדשטיינס טאָכטער פייגעלע.

ס׳איז געווען ווי ר׳ איטשע־מאיר יעלניק האָט פאָרויסגעזען. דער שדכן האָט נישט געהאַט קיין שווערע ארבעט ביי די פעלדשטיינס. ער האָט נישט באַדאַרפט אויסרעכענען די מעלות פון זיין קליענט, בכדי צו באַקומען זייער צושטימונג. זיי האָבן אים בלויז געבעטן קומען אויפן צווייטן טאָג, ווייל זיי דאַרפן דאָך אויך הערן די מיינונג פון זייער טאָכטער.

— עס זענען אַוועק די צייטן — האָט ר׳ גבריאל אויפגעקלערט דעם שדכן — ווען טאַטע־מאַמע האָבן באַשטימט מיט וועמען זייערע

קינדער זאָלן זיך פאַרבינדן; טאַטע־מאַמע דאַרפן בלויז זיין גוטע עצה־געבער; ביי „הארץ־זאַכן" קאָן בלויז דעצידירן דער אויסדערוויילטער אָדער די אויסדערוויילטע...

וואָס שייך פייגעלען, האָבן טאַטע־מאַמע נישט באַדאַרפט קיין סך איינטענהן מיט איר. די יונגע גאָלדיק־בלאָנדע אלמנה מיטן עטוואָס פאַרריסענעם נעזל, האָט גלייך, אָן וואַקלעניש, איינגעשטימט אויפן שידוך. פייגעלען האָט דווקא אימפּאָנירט וואָס — אַ מענטש אַ פּרימיטיווער, אַ צוריקגעשטאַנענער, — האָט זיך געקאָנט אַזוי שנעל אַרויפאַרבעטן און האַלטן זיך אַזוי קאָרעקט און פריי, אין זיין נייער סביבה ביי אירע עלטערן אין הויז.

די חופה פונעם גרויסן מעל־הורטאָווניק ר' איטשע־מאיר יעלניק מיט פייגעלען, די טאָכטער פונעם הורט־סוחר פון דער לעדער־בראַנזשע, ר' גבריאל פעלדשטיין, — איז אין אַ מזלדיקער שעה באַשטימט געוואָרן אויף ראש־חודש טבת.

היות פייגעלע האָט נאָכן טויט פון איר ערשטן מאַן, — מיט וועמען זי האָט סך־הכל געלעבט נישט קיין פעליק יאָר, — ליקווידירט אין ווילנע איר וווינונג מיט דער גאַנצער אויסמעבלירונג און צוריק אַראָפּגעקומען קיין וואַרשע צו די עלטערן — האָט ר' גבריאל פעלדשטיין אָפּגעפונען אַ שיינע זעקס־צימערדיקע דירה, געלאָזט זי גרינטלעך רעמאָנטירן, געמאַכט דערפון, ממש, אַ „פּאַלעי", און דאָס גאַנצע מעבל — באַשטעלט אין דער באַוווסטער פירמע „ברידער פלעמינגער", וואָס פלעגט אויס־מעבלירן די לוקסוס־אַפּאַרטאַמענטן פון אַ סך פּוילישע מאַגנאַטן און פּריצים.

עטלעכע טעג פאַר דער חתונה, האָט ר' איטשע־מאיר אַראָפּגעבראַכט קיין וואַרשע זיין יונגע שוועגערין פרידעלען — די שוועסטער פון זיין ערשט ווייב, טעמעלע. ער האָט באַשלאָסן, אַז ביז וואַנען ס'וועט נישט אונטערקומען עפּעס אַ לייטישער שידוך, — זי ווייטער צו האַלטן ביי זיך, ביי זיין פייגעלען, ווען ער איז אויף־צו־מאָרגנס נאָך דער חתונה אַריבער וווינען אין דער נייער דירה, אינעם לעבהאַפטן געגנט פון יידישן וואַרשע.

מיט דער מיטהילף פונעם שווערס גרויסע פאַרבינדונגען אין די יידישע סוחרישע קרייזן, האָט ר' איטשע־מאיר יעלניק זייער שנעל זיך

אויסגעאַרבעט אַ וועג צווישן די ערשטע אַנגראָסיסטן אינעם וואַרשעווער מעל־מסחר. ער האָט איצט דעם מסחר אָוועקגעשטעלט אויף אַ סך אַ ברייטערן באָדן ווי פריער. אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט, האָט ער שוין געהאַט סיי אין וואַרשע און סיי אין פּראָגע — אויף דער צווייטער זייט ווייסל — גרויסע מעל־סקלאַדעס מיט פערד און פלאַט־פאָרמעס, ווו ס'האָבן געאַרבעט אַ גרעסערע צאָל אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און צוויי בוכהאַלטערן. מיטן פּראָגער סקלאַד האָט אָנגעפירט זיין ווייב, פייגעלע, און מיטן וואַרשעווער סקלאַד — ער, ר' איטשע־מאיר יעלניק. אויפן געביט פון האַנדל און געשעפט־פירונג, האָט זיך פייגעלע אַרויס־געוויזן אַלס זייער אַ פעאיקע און זיך גוט אָריענטירנדיקע פרוי. אינעם ערשטן האַלבן יאָר נאָך זייער חתונה, האָט זי אַליין געפירט די ביכער און אַפילו אויסגעלערנט איר מאַן אַ סך זאַכן פון געשעפט־פירונג וועגן וועלכע ער האָט פריער קיין אַנונג נישט געהאַט און וואָס זענען אים שפּעטער צונוץ־געקומען.

צוליב זיינע אָפטע וויזיטן ביי „נאַטשאַלסטווע" פון וואַרשעווער גאַרניזאָן, און אַפילו אין די פעסטונגען פון מאָדלין און בריסק, האָט איטשע־מאיר באַדאַרפט קענען אַביסל לייענען און שרייבן, איבערהויפּט רוסיש. אָבער דאָ האָט פייגעלע פשוט באַוויזן ווונדער. נאָכן אָפּזיין עטלעכע און דרייסיק יאָר כמעט אַן אַנאַלפאַבעט, האָט זי אויסגעלערנט איר מאַן אויף אַזויפיל שרייבן און לייענען פויליש און רוסיש, אויף וויפל ס'האָט צו יענער צייט געקענט אַ דורכשניטלעכער פּאָליאַק אָדער רוס. עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד איז פייגעלע מיט אים געזעסן יעדן אָוונט אַ שעה און אַמאָל צוויי אין זיין קאַבינעט, און געקנעלט מיט אים די תורה פון שרייבן און לייענען. זי האָט זיך באַמיט צו שליפן זיין צונג אין די צוויי שפּראַכן און צוגעוווינען זיינע פינגער צו האַלטן אַ פען אין האַנט. די ערשטע צייט פלעגט זי דערביי האַרציק לאַכן פון דער אומבאַ־האָלפנקייט מיט וועלכער דער מאַיעסטעטישער מאַנספּערשוין, האָט אין זיינע גרויסע פעסטע דלאָניעס געהאַלטן די דינע פען און געפירט מיט איר איבערן פּאַפּיר. ווען ר' איטשע־מאיר יעלניק האָט ווייט אַוואַנסירט אין זיינע לימודים, האָט פייגעלע געהאַלטן, אַז ס'קומט איר פון איר מאַן אַ מעדאַל... ר' איטשע־מאיר האָט אָבער נישט איינגעשטימט מיט זיין ווייב און געהאַלטן, אַז דער מעדאַל קומט גאָר אים... ווייל — האָט ער געטענהט

— ווען איך וואָלט נישט געהאַט דעם ווילן, וואָלט נישט געהאָלפן דיין לערנען — און פייגעלע האָט אים געמוזט געבן גערעכט...

אין אָט די אַלע נישט־יידישע ערטער פון מונדירטער „נאַטשאַלסטוואָ" מיט געגילדעטע קנעפּ און עפּאָלעטן, מיט שווערדן און מעדאַלן, פלעגט ר' איטשע־מאיר קומען אין זיין יידישער הלבשה. פייגעלע, ווען ער פלעגט כמעט אין אַלעם נאָכגעבן, האָט אין קיין פאַל נישט געקאָנט ביי אים פועלן ער זאָל אָנהייבן זיך קליידן „קורץ", אָדער טאָן עס לכל הפחות, ווען ער גייט צו די גוים. אָבער ער האָט נישט נאָכגעגעבן און דערויף געענטפערט:

— דו קענסט זיי נישט, פייגעלע. ווען דער עסק לוינט זיי, קאָנסטו צו זיי קומען אַפילו אין אַ שטריימל, און ווען נישט — וועט אַפילו נישט העלפן קיין פראַק און צילינדער. דאָרט קוקט מען נישט אויף מיין קליידונג — דאָרט קוקט מען מיר אין די הענט אַריין...

ר' גבריאל פעלדשטיין האָט, ווי זיין טאָכטער, ביי יעדער געלעגנהייט, זיך באַמיט אַריינצופירן זיין איידעם אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. צו דעם צוועק, פלעגט ער אויף אַ סך שעהן זיך אונטערהאַלטן מיט אים אין זיין קאַבינעט און אַרויפפירן אים אויף פאַרשידענע אַלגעמיין־וועלטלעכע שמועסן. ער פלעגט אים אינפאָרמירן און אויפקלערן פאַרשידענע פראַגן פון יידישן לעבן אין קאָנגרעס־פּוילן און אין רוסלאַנד. דערציילט אים וועגן לעבן און שאַפן פון גרויסע יידן, וואָס זענען באַקאַנט ווייט און ברייט אין דער וועלט, נישט בלויז צווישן יידן, נאָר אַפילו צווישן נישט־יידן. ער האָט אים אויך אויפגעקלערט וועגן דער וויכטיקייט פון דער השכלה, וועגן דער חיבת־ציון־באַוועגונג און, אים צוגערעדט, ער זאָל יעדן טאָג אַריינקוקן אין אַ יידישער „גאַזעטע".

צו פייגעלעס גרויסער צופרידנקייט, האָט דער מאַן אירער מיט ערנסט זיך צוגעהערט צו איר פאָטערס אויפקלערונגען און עצות און, נאָך אַ קורצער צייט, זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט געזעלשאַפטלעך־פילאַנטראָפּישע ענינים: געוואָרן מיט דער צייט, פּרעזעס פון „עזרת־חולים"; מיט זיין מאַטעריעלער הילף, געגרינדעט אַ „בית־יתומים" און זיך אויך באַשטייערט מיט אַ גרעסערע געלט־סומע אויפצובויען אַ תלמוד־תורה פאַר אָרעמע קינדער.

דער נאָמען ר׳ איטשע־מאיר יעלניק, איז נאָך אַ געוויסער צייט באַקאַנט געוואָרן נישט נאָר אין די יידישע האַנדלס־קרייזן פון ווארשע, נאָר אויך ביי די אָרעמע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט.

6

יאָרן האָבן זיך געררוקט. דאָס לעבן פון ר׳ איטשע־מאיר יעלניק און זיין פרוי, פייגעלע, איז געפלאָסן רואיק און געמיטלעך, אָן שום אויפטרייס־לונגען. זיי האָבן שוין פאַרמאָגט פיר אונטערגעוואַקסענע קינדער — איין מיידל און דריי יינגלעך, וואָס האָבן באַקומען אַ פאַרשידנאַרטיקע דערציאונג — מחמת ר׳ איטשע־מאיר האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין קלאָרן באַגריף צו וואָס פאַרא קלאַס ער געהערט און וואָס פאַרא דערציאונג ער דארף געבן זיינע קינדער.

אויך ביי דער דעה־זאָגערין איבער דער דערציאונג פון די קינדער, ביי זיין ווייב פייגעלען אַליין, האָבן לויט די נייע ווינטן, וואָס האָבן צו יענער צייט געבלאָזן אויף דער יידישער גאַס — זיך געביטן די מיינונגען: זיך געפלאָנטערט צווישן רעליגיעזער וועלטלעך־טראַדיציאָנעלער און יידיש־נאַציאָנאַלער דערציאונג.

ר׳ איטשע־מאירס עלטסט קינד, אסתרל, איז שוין געגאַנגען אין אַ העברעישער גימנאַזיע. ס׳עלטסטע יינגל, אין אַ לאַנג קאַפּאָטקעלע מיט גוט־פאַרשטעקטע פאהלעך הינטער די אויערן — האָט געלערנט אין א ישיבה און ס׳פלעגט באַזונדער קומען צו אים אין די נאָכמיטאָג־שעהן, אין שטוב אַריין, אַ גימנאַזיסט פון זעקסטן קלאַס — אים געבן „שטונדן״ אין פויליש, רוסיש און אַנדערע וועלטלעכע לימודים. דאָס דאָזיקע יינגל איז סיי אין כאַראַקטער און סיי אינעם אויסזען און האַלטן עטוואָס פאַרריסן זיין שיינעם קאָפּ — נאָכמער ווי דאָס מיידל — געווען ענלעך צום פאָטער. דאָס מיטלסטע יינגל, דער צוועלפיאָריקער לייזערקע, איז סיי אין אויסזען און סיי אין כאַראַקטער, געווען דער קאָנטראַסט פון אסתרלען און וויגדערלען. ער איז געווען די גאַנצע מאַמע „אויסן אויג״: אַ שיין וווקסיק יינגעלע מיט דער מאַמעס גאָלדיק־בלאָנדן געקרויזלטן קאָפּ האָר, רונדע און עטוואָס פולע ראָזלעכע בעקלעך, אירע פאָספאָר־גרינלעכע אויגן, אַ קליין, אַביסל אַרויפצו פאַרריסן נעזל, און אין כאַראַקטער — אַ קאַפּריזנער. אויך ער איז שוין געגאַנגען אין אַ גימנאַזיע, אָבער אין א רוסישער. לייזערקע האָט

געטראָגן א ליכטיק־גראָ מונדירל מיט גלאַנציקע זילבערנע קנעפּלעך, און א העל־בלאָ היטל מיט אַ גרויסער רונדער „דענקע" באַזוימט מיט אַ זילבערנעם שוטאַש, און אינדערמיט, אין פראָנט א געגילדעטע מעטאַלענע קאָקאַרדע.

נישט געקוקט דערויף וואָס ביידע, סיי פייגעלע און סיי איטשע־מאיר, זענען געווען פאַראינטערעסירט צו געבן זייערע קינדער אַ וואָס בעסערן חנוך, האָבן זיי אָבער, צוליב זייער פּאַרנומענקייט, נישט קיין צייט געהאַט אָפּצוגעבן זיך מיט זיי, און די גאַנצע לאַסט פון אָפּגעבן זיך מיט די קינדער איז געפאַלן אויף דער לאָמער פריידעלען, די שוועסטער פונעם פאַרשטאָרבענעם ווייב.

פריידעלע, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן אַריינגיין אין די יאָרן פון אלט־מיידלשקייט, איז געווען די גאַנצע אָנפירערין און דעה־זאָגערין אין דער הויז־ווירטשאַפט פון די יעלניקס. אין איר טאָש פונעם ווייסן שירץ אַרומגענייט מיט ברייטע פאַלבאַנעס, האָט זיך שטענדיק געפונען א בינט מיט שליסעלעך פון אַלע מעבל־שטיק אין הויז...

פריידעלע האָט געזאָגט וואָס מען דאַרף קאָכן און באַקן, ווען מען דאַרף „מאַכן אַ וועש" און אַפילו מאָלן די צימערן. צו איר האָט זיך די קעכין און דאָס דינסטמיידל געווענדעט וועגן יעדער זאַך וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער ווירטשאַפט; זי האָט דורכגעקוקט די וועש צו זען ווו עס פעלט אַ קנעפּל, וואָס מען דאַרף פאַריכטן; געוועקט די קינדער צום אויפשטיין און אין אָוונט זיי געיאָגט שלאָפן־גיין. זי פלעגט זיי, ווען זיי זענען קליין געווען — דערציילן מעשהלעך וועגן מכשפות, לצים, וואַלד־רויבער און וועגן אַ גרויסן אוצר, וואָס איז געפונען געוואָרן אין בויך פון אַ פיש... און אין די שבתים און ימים־טובים האָבן די קינדער זיך געפונען אונטער די פליגל פון פייגעלען און ר' איטשע־מאירן.

די געשעפטן ביי ר' איטשע־מאיר יעלניק זענען געגאַנגען וואָס אַמאָל בעסער. ער האָט שוין געהאַלטן ביים ווערן א מיטשותף צום גרויסן דריי־הייפיקן הויז ווו ער האָט געוווינט. עס איז שוין אַפילו געווען באַשטימט דער טאָג פון גיין צום נאָטאַר איבערשרייבן עס. אָבער אומגעריכט, האָט אין אָט דעם רייכן און רואיקן הויז פּאַסירט אַ זאַך, וואָס האָט אונטערגעבראָכן פייגעלעס געזונט און פאַרפינצטערט דאָס געמיט פון איטשע מאירן.

די סיבה איז געווען זייער איינציקע טאָכטער אסתרל, וועלכע האָט נאָר־וואָס געהאַט געענדיקט אַ העברעישע גימנאַזיע, און וועגן וועמען טאַטע־מאַמע זענען שוין געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט שדכנים.

געשען איז די זאַך אַזוי: ווען ר׳ איטשע־מאיר איז איינמאָל, אַרום איינס אַזייגער ביינאַכט, אהיימגעקומען פון זיין קראַנקן שווער, איז אים שטאַרק אויפגעפאַלנד געוואָרן וואָס ער האָט נישט געזען אין פאָדער־הויז אויפן מלבושים־הענגער — זיין טאָכטערס מאנטל. מיט אַ שלעכטן פאָרגעפיל האָט ער שטיל געעפנט די טיר פון דער „סאַליע״ ווו זיין טאָכטער שלאָפט — און דאָס האַרץ האָט אין אים אַ צאַפּל־געטאָן — זיין אסתרל האָט זיך אין דער „סאַליע״ נישט געפונען. אין דער ערשטער מינוט האָט ער געוואָלט איבערוועקן זיין פייגעלען, נאָר באַלד איז אים אַדורכגעלאָפן אַ צווייטער געדאַנק: אפשר פריידעלען, און אפשר גאָר די קעכין, דאָס דינסטמיידל, אָדער גאָר די יינגלעך? ער האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט טאָן און איז געבליבן זיצן ווי אַ געליימטער אויף אַ שטול, אויף וועלכער ער האָט זיך שווער אַראָפּגעזעצט און אָנגע־שפּיצט די אויערן צו די פראָנט־טרעפּ.

אַ האַסטיק רייסן פונעם גלאָק הינטערן געשלאָסענעם טויער האָט איטשע־מאירן אויפגעריסן פונעם אָרט און ער האָט מיט לאנגע, אייליקע שפּרייזן זיך געלאָזט גיין צום פאָדערצימער. אויף די טרעפּ האָט זיך דער־הערט אַ טרעטן פון עטלעכע פּאָר באַשטיוולטע פיס, וואָס האָבן זיך געהויבן אַלץ העכער און נענטער צו זיין וווינונג. ס׳האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער קלונג אין דער טיר. ווען איטשע־מאיר האָט געעפנט, איז פאָר אים געשטאַנען דער „רעוויראָווי״ פון זיין „רעוויר״ און הינטער אים — אַ געהיים־אַגענט און דער הויזוועכטער.

— „אַ גוט אָוונט הער יעלניק״ — האָט זיך דער „רעוויראָווי״, מיט געמאַכטער העפלעכקייט באַגריסט מיט איטשע־מאירן.

— כ׳פאַרשטיי, הער יעלניק, דאָס הייסט... כ׳וויים די סיבה... צוליב וועלכער כ׳האָב איך נאָך געטראָפן אין אַזאַ שפּעטער שעה אין די קליי־דער... כ׳פיל איך מיט אין אייער פאָטערלעכער זאָרג און צער צוליב דעם אַרעסט פון אייער טאָכטער, כ׳בין דאָך אויך אַ טאַטע פון קינדער... גלויבט מיר הער יעלניק — האָט ער זיך אַרומגעקוקט, ווי היטנדיק זיך ס׳זאָל נישט ווער אויפכאַפּן זיינע ווערטער — גלויבט מיר, אַז כאָטש איך

געפּין זיך אויף א מלוכה־אמט, קאָן איך איך נישט גאַראַנטירן, צי אויך ביי מיר אין הויז, זאָל נישט אַמאָל, אין וועלכער ס'איז נאַכט, פּאַרקומען אַזאַ ענלעכע רעוויזיע — געקומען צייטן טייערע, אַז עלטערן ווייסן גאָר־נישט מיט וואָס פאַרא געדאַנקען זייערע קינדער טראָגן זיך ארום — אין דעם אַלעם שטעקט די שולד, הער יעלניק, אין דער פאַרשאָלטענער אַגיטאַציע פון די ניהיליסטן און פון אייערע בונדיסטן, וואָס שפּרייטן אויס זייער נעץ אויפן יונגוואַרג, סמען אָפּ די נשמות פון קינדער, וואָס טאַטע־מאַמע זשאַלעווען נישט זייער מי און געלט — צו פירן זיי אויף אן ערלעכן און אָנשטענדיקן וועג. — איר וועט מיר דערלויבן איך פרעגן, הער יעלניק, אין וועלכן צימער שלאָפט אייער טאָכטער? — האָט ער איבער־געריסן זיינע מיטפילנדיקע און קלוגע רייד...

ר' איטשע־מאיר האָט אים אָנגעוויזן אויף דער „סאַליע".

דער „רעוויראָווי" האָט דעם געהיים־אַגענט אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף דער „סאַליע" און צוואָרפנדיק אים „איך וועל דורכזוכן אַ צווייט צימער" — זיך פאַרמאַכט מיט איטשע־מאירן אין זיין קאַבינעט.

איבער דער גאנצער צייט פון דער רעוויזיע, האָבן די איבערגע־וועקטע ייִנגלעך, האַלב־זיצנדיק אין די בעטן זיך איבערגעקוקט מיט שטומע פרעגנדיקע בליקן, און פייגעלע מיט פריידעלען אין די אַרויפ־געכאַפּטע קליידער — האָבן מיט צעשראָקענע אויגן זיך אַרומגעדרייט פון צימער צו צימער און געבראָכן די פינגער פון די הענט... ווען דער „רעוויראָווי" האָט נאָך זיין „גרינטלעכער רעוויזיע" אין איטשע־מאירס קאַבינעט, זיך אויפגעשטעלט פונעם טיפן געבעטן פאָטעל, האָט שוין אין זיין הינטערשטער הויזנטאַש זיך געפונען א קנאַקנדיקער פינפאונצוואַנ־ציקער... און אַ צעהיצטער פון די עטלעכע איבערגעדרייטע קעלישעקלעך, האָט ער איטשע־מאירן געטרייסט, אַז ס'איז זייער און זייער מעגלעך, אַז זיין טאָכטער איז אַריינגעפאַלן אומשולדיק, צוליב אַ טעות, און זי קאָן נאָך אפילו היינט אַרויס אויף דער פריי. — ווי ס'זאָל נישט זיין — האָט ער פייערלעך צוגעזאָגט איטשע־מאירן — וועל איך טאָן אַלץ וואָס אין מיין דינסטלעכער מעגלעכקייט, צו העלפן אייך מיט אַ גוטן ראָט אָדער אויף אַן אַנדער אופן, כ'וועל אייך נאָך באַזוכן...

ביי די יעלניקס האָט מען קיין שום אומלעגאַלס און פאַרדעכטיקס נישט געפונען. און דאָך, נישט געקוקט אויף ר׳ איטשע־מאיר יעלניקס „שמירן״ ווו מען האָט באַדאַרפט, איז אסתרל ערשט באַפרייט געוואָרן נאָכן אָפּזיצן צוויי חדשים אין ווארשעווער „פּאַוויאַק״.

ביי די יעלניקס איז מען ביסלעכוויז דערגאַנגגען, אַז זייער אסתרל האָט נאָך מיט אַ קנאַפּ יאָר צוריק, פאַרן ענדיקן די גימנאַזיע, זיך באַקענט מיט אַ געוויסן אַרטשיק דאַרפסמאַן, אַ הענטשקע־מאַכער, וואָס זיצט שוין ביי אַ האַלב יאָר אין „פּאַוויאַק״, פאַר אָנגעהערן צו דער אומלעגאַלער אַרבעטער־פּאַרטיי „בונד״, וואָס אַגיטירט צו שטרייקן און צו אַראָפּוואַרפן פון טראָן דעם רוסישן צאַר... זיך דערוווּסט אויך, אַז מיט אָט דעם אַרטשיקן, פלעגט זי זיך יעדן אָוונט טרעפן אין אַ טיי־הויז אויף דער נאָוואָליפּיע גאַס, באַקומען פון אים אומלעגאַלע ביכלעך און בראָשורן און — ווי מען האָט געוווּסט איבערצוגעבן — געווען מיט „אים״ אין גאָר נאָענטע באַציאונגען...

ווען ווייטער באַלעסטיקן שדכנים — האָט שוין איצט נישט געקאָנט זיין קיין רייד. ערשטנס, האָבן וועגנט אויערן... און צווייטנס, ווייל נאָך דעם ווי פייגעלע האָט איר געגומען אויף אַן אינטימען פאַרהער אונטער פיר אויגן, האָט איר אסתרל אָפן דערקלערט, אַז זי וועט אויף „אים״ וואַרטן ביז וואַנען ער וועט אַרויס פון דער תפיסה און... ווען ער זאָל אפילו פאַרשיקט־ווערן קיין סיביר, וועט זי „אים״ נאָכפאָרן...

קענענדיק דעם פעסטן אומבויגזאַמען כאַראַקטער פון זייער אסתרלען, האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז די זאַך איז ביז גאָר ערנסט, און אַז עס קאָן אפילו שטערן צו אַ שידוך מיט זייער עלטסטן זון וויגדערל — האָבן טאַטע מאַמע אירע, און אויך פּריידעלע, זיך באַמיט צו ווירקן אויף איר, זי זאָל פאָרן קיין פּאַריז צו פייגעלעס עלטסטן ברודער מיט זיין פרוי. די אויס־רעכענונג איז געווען, אַז אין אויסלאַנד וועט זי זיך ביסלעכוויז אָפּגעּ־וווינען און פאַרגעסן אינגעם „אָנשיקעניש״ אירן — אַרטשיקן; אַז מיט דער הילף פונעם פעטער און דער מומען, וואָס זענען געווען זייער גוט אַוועק־געשטעלט און געהאַט אַ ברייטע באַקאַנטשאַפט מיט בעסערע יידישע הייזער אין פּאַריז, וועט זייער אסתרל געפינען דאָרט איר ריכטיקן זיווג. אָבער דאָס אַלץ איז בלויז געבליבן אַ גוטער ווונטש פון טאַטע־מאַמען. אסתרל האָט קאַטעגאָריש צוריקגעוויזן דעם פאַרשלאַג צו לעבן

אין דער וועלט־שטאָט פּאַריז און — ווייטער אַריינבאַזאָרגט „וואָלוווקעס" פּאַר איר ארטשיקן אין „פּאַוויאַק".

אין דער צייט פון דער געשיכטע מיט אסתרלען, האָט שוין וויגדערל, איטשע־מאירס עלטסטער זון, געהאַט געענדיקט זיבעצן יאָר. עס האָבן אים שוין געשפּראָצט שוואַרצע וואָנסעלעך און שיטערע הערעלעך אויף דער גאָמבע, און זיך געפונען שוין אויסער דער ישיבה. ר׳ איטשע־מאיר האָט אָנגעהויבן אריינפירן וויגדערלען אין מסחר און באַקענען אים מיט זיינע מעל־געשעפטן. צו איטשע־מאירס גרויס צופרידנקייט, האָט וויגדערל מיט זיין שאַרפן מוח און פלינקער אָריענטאַציע, זייער שנעל אויפגענומען די „תורה" וואָס האָט זיך געפאָדערט אינעם דאָזיקן מסחר. נישט געקוקט דערויף, וואָס אסתרל איז געווען דאָס עלטסטע קינד אין הויז, האָבן צו איטשע־מאירן זיך אָנגעהויבן יאָווען שדכנים, מיט שידוכים פאַר זיין עלטסטן זון.

נאָך דעם ווי וויגדערל איז אַרויס פון דער ישיבה און ר׳ איטשע־מאיר האָט אים אָנגעהויבן אַריינפירן אין זיינע מעל־געשעפטן, האָט ער נאָך אַלץ גענומען „שטונדן" ביים זעלבן לערער וואָס איז שוין איצט געווען אַ סטודענט, אויפן הומאַניסטישן פאַקולטעט.

דער דאָזיקער סטודענט, וואָס האָט זיך אויסגעהאַלטן פון געבן „שטונדן" אין פאַרמעגלעכע ידישע הייזער, האָט נאָך געהאַט צו לערנען מיט וויגדערלען עטלעכע חדשים כדי אים צוצוגרייטן אַלס עקסטערן צו די מלוכהשע מאַטורע־עקזאַמענס. אויסער צוגרייטן אים צו די מאַטורע־עקזאַמענס, האָט דער סטודענט, אָן שום באַצאָלטס, געווידמעט אויך אַ סך צייט אויף באַקענען אים מיט פאַרשידענע פּאָליטישע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. אין געהיים, הינטערן וויסן פון ר׳ איטשע־מאירן און פייגעלען, פלעגט דער סטודענט אים יעדעס מאָל ברענגען אומלעגאַלע ביכלעך און בראָשורן וועגן סאָציאַליזם און פועלי־ציוניזם און — די געוואָרפענע זוימען, האָבן אינעם פאַרשטענדיקן, פּילבארן בחורל, געפונען אַ פּאַסיקן באָדן...

אין די קעמערלעך פון וויגדערס יונגן מוח האָבן זיך שוין געהאַט איינגענעסטיקט אַ סך געדאַנקען, פראַגעס און ענטפערס. ער האָט שוין געוווסט, וואָס זענען די סיבות פון אָרעמקייט און רייכטום; די סיבות פון אַנטיסעמיטיזם; וועלכער איז דאָס דער ריכטיקער ציל און וועג מיט

וועלכן די יידן, ספּעציעל דער יידישער אַרבעטער־קלאַס, דאַרף גיין און פּאַר וועלכן ער דאַרף קעמפן, — די יידן זאָלן זיך פילן ווי גלייכע מיט גלייכע — אומעטום ווו זיי געפינען זיך.

7

נאָך אַ לענגערע שליחות פארן טאַטנס מסחרים אין די פּוילישע דערפער, איז ווידער איינמאָל פלוצלינג אַהיימגעקומען אָן די באַהאַלטענע פעה־לעך הינטער די אויערן, אָן דער קאַפּאָטע און אָנעם טוכענעם „יידיש היטעלע". זיין יונגער ברודערל לייזערקע, וואָס האָט שוין פון לאַנג געטראָגן אַ גימנאַזיע־מונדירל, און אויך זיין שוועסטער אסתרל, האָבן מיט פריידיקע אויסרופן אויפגענומען די גרויסע ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען מיט זייער ברודער. אויך פריידעלע האָט אין זיך געשמייכלט און נייגעריק באַטראַכט אים אין זיין קורץ רעקל און אין קאַפּעלוש; זי האָט נאָר מורא געהאַט ס'זאָל נישט אַרויסקומען דערפון אַ שטיקל קריג אין שטוב, נישט מצד פייגעלען, נאָר מצד איטשע־מאירן. בלויז דער יונגסטער ברודער, דער ישיבהניק יואל־הערשעלע, האָט זיך אויף אים אָנגעבלאָזן און ברוגז־לעך אַ בורטשע־געטאָן: נאָך אַ גוי אין שטוב! נישט געקאָנט מער אויס־האַלטן דאָס יידישקייט!

ווען ר' איטשע־מאיר יעלניק איז פאַרנאַכט אַהיימגעקומען צוזאַמען מיט פייגעלען פון זיין פראַגער מעל־סקלאַד און דערזען זיין זון אין דער נייער הלבשה, האָט ער אויפגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר פרעגנדיקע פאַר־וווּנדערטע אויגן. ווידער האָט זיך געדרויטלט און פאַרלעגן געשמייכלט... אויך ר' איטשע־מאיר, האָט באַטראַכטנדיק זיין זון אין זיין פאַרלוירנקייט, געגומען שמייכלען. ווו איז דאָס געשריבן — האָט ער אַ קלער־געטאָן — אַז זיין יונגערער זון, לייזערקע, מעג יאָ גיין קורץ־געקליידט און ער, ווידער, טאָר נישט? אָבער באַלד איז ער ערנסט און אומרואיק געוואָרן. עס האָט אים נישט באאומרואיקט דער עצם פאַקט, וואָס זיין זון איז ראַפּטעם איבערגעגאַנגען פון לאַנגע קליידער אויף קורצע, עס האָט אים נאָר באַאומרואיקט אַן אַנדער פלוצלינג־אַנגעלאָפענער געדאַנק:

צי איז עס נישט אַמאָל פאַרבונדן מיט עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן, נאָך דער געשיכטע מיט אסתרלען, ווידער צעשטערן די קוים־אריינגעטראָטענע רו אין זיין הויז...

— וואָס זאָל דאָס באַדייטן מיין זון? — האָט איטשע־מאיר, מכלו־מרשט געלאָסן, אַ פרעג־געטאָן.

וויגדער האָט זיך נאָך מער פאַררויטלט און אַרויסגעשטאַמלט:

— אַזוי קליידט מיר בעסער. אַ סך פון מיינע חברים טראָגן קורצע קליידער.

ר׳ איטשע־מאיר האָט אָבער אַרויסגעלייענט פון וויגדערס פּנים און פון זיין שטאַמלען, אַז ער האָט אים נאָך עפּעס מער צו זאָגן, נאָר ער קווענקלט זיך.

פייגעלע, דערקעגן, וואָס איז געווען צופרידן פונעם זונס אויפטו, האָט זיך אָנגערופן צו איר מאַן: — וואָס ווילסטו איטשע־מאיר, עס קליידט אים זייער גוט און, ער זעט איצט טאַקע אויס ווי אַן אמתער חתן־בחור...

דאָס וואָרט אַ „חתן־בחור" האָט איטשע־מאירן אויפגעמונטערט, געמאַכט פאַרגעסן אין זיינע חשדים און אים דערמאָנט אין עפּעס זייער וויכטיקס, וועגן וואָס ער וועט נאָך היינט אָוונט, זיך דורכשמועסן מיט אים אונטער פיר אויגן ביי זיך אין קאַבינעט.

דער מאַמעס קאָמפּלימענט האָט וויגדערן נישט געוואָרעמט. אַ שוויי־גנדיקער און אַ פאַרטראַכטער איז ער געזעסן ביים אָוונטברויט און, געפלאָמט פון אומגעדולד. ער האָט זיך געגרייט מיט אַ דערקלערונג פאַר טאַטע־מאַמע, און פון פאָרויס געוווּסט, אַז ס׳וועט קומען פון זייער זייט אַ שאַרפע רעאַקציע... די דאָזיקע ביטערע פּיל האָט ער געוואָלט וואָס שנעלער אַראָפּשלינגען. ער האָט גענומען באַוועגן מיטן מויל ווי אַ פיש, — אָבער קיין ווערטער זענען נישט אַרויסגעקומען. קוים באַוויזן אַראָפּ־צושלינגען דעם לעצטן ביסן, האָט וויגדער מיטאַמאָל זיך אויפגעשטעלט פון טיש, און מיט אַ צעשטרייטן בליק און מיט אַ ציטערדיקער שטים אַ זאָג־געטאָן:

— טאַטעשי!... כ׳האָב באַשלאָסן... נאָך אַ לאַנגן נאָכטראַכטן... צו ווערן אַן אַרבעטער! — כ׳וויל מיט מיינע אייגענע הענט פאַרדינען אויף מיין אויסהאַלט!...

און כאָטש ר׳ איטשע־מאיר האָט באַלד אין אָנהויב געהאַט אַ פאָר־געפיל, אַז עפּעס נישט גוטס איז פאַרבונדן מיט זיך זונס אָפּשערן די פאות און אַראָפּוואַרפן פון זיך די לאַנגע קליידער, האָט וויגדערס דערקלערונג געטראָפן ווי אַ דונער, נישט נאָר אים, נאָר אויך פייגעלען. זיי זענען

געבליבן זיצן ווי געליימט און נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען קיין וואָרט פון מויל; געזעסן, און מיט פאַרצווייפלטע בליקן באַטראַכט זייער זון, ווי ער וואָלט חס־וחלילה אַראָפּ פון זינען... די פאַרב פון זייערע פּנימער האָט זיך כסדר געביטן. איטשע־מאיר האָט גענומען די באָרד אין דער פויסט־אַריין און געביסן די ליפּן. אויך פייגעלע האָט געקרומט די ליפּן און זיך געשטאַרקט נישט ארויסצולאָזן די טרערן וואָס האָבן גענומען שפּאַרן צו די אויגן...

פריידעלע, וואָס איז אין דער ערשטער רגע געבליבן זיצן מיט אָ האַלב־אָפן מויל, האָט באַלד דערשפּירט אויף וואָס עס פאַרנעמט זיך און, געגעבן א ווונק צו אסתרלען. אסתרל האָט זיך תיכף אַרויסגעשאַרט פונעם עסצימער און באַלד נאָך איר —ביידע יונגערע ברידער, לייזערקע און יואל־הערשעלע.

געזען דעם געוואלדיקן רושם וואָס זיין דערקלערונג האָט געמאַכט אויף אַלע, האָט וויגדער ווידער אַמאָל, מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכל אויף זיין צעטראָגן פּנים, און מיט אַ געמאַכטער רואיקייט — איבערגעחזרט דאָס פריערדיקע און צוגעגעבן:

— כ׳מיין, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום סיבה צו זיין פאַרצווייפלט איבער מיין באַשלוס. איר וואָלט באַדאַרפט, מיין איך, זיין צופרידן פון מיין פאַרלאַנג צו ווערן זיין זעלבשטענדיק. קיין סוחר וועל איך שוין נישט זיין!...

אין איטשע־מאירן האָט זיך אָנגעצונדן אַ נישט־געצוימטער כעס. ער האָט זיך פלוצלינג אַ שטעל־אויף־געגעבן, און צום ערשטן מאָל, נישט ווי זיין טבע, גענומען קלאַפּן מיט דער פויסט אין טיש אַריין און שרייען אין איין אָטעם:

— נאָך וויניק אסתרל?! אויך דו?! נישט אין מיין הויז! נישט אין מיין הויז!

אַ דערשראָקענע איז פייגעלע אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט און אָנכאַפּנדיק איטשע־מאירן פאַרן אָרעם, געפּרוווט אים איינעמען מיט גוטן:

— וואָס נעמסטו עס, איטשע־מאיר, אַזוי ערנסט די יינגלישע שטיק? אָט באַלעבעטשעט ער — ווער ס׳קוקט נישט אָן דעם אַרבעטער מיט די ווייסע אויסגעאיידלטע הענטעלעך פון דער ישיבה אַרויס, — וואָלט ער

כאָטש געזאָגט אַ דאָקטאָר, אַן אינזשיניער, אַן אַדוואָקאַט — פאַרוואָס נישט? אַדרבה!...

דעם טאַטנס זעצן מיט דער פויסט אין טיש און שרייען „נישט ביי מיר אין הויז"; דער מאַמעס אָפּשפּעטן פון זיינע אויסגעאיידלטע הענטע־לעך מיט וועלכע ער וויל ווערן אַן אַרבעטער און, אויך דער שידוך, וואָס מען האָט שוין פאַר אים צוגעגרייט — האָט אים נאָך מער אַריינגעיאָגט אין דער אַמביציע דורכצופירן זיין באַשלוס.

עטלעכע טעג נאָך דער סצענע וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אים אויפ־געשפּילט, האָט וויגדער איבערגעלאָזן אַ בריוול אין זייער פאָסט־קעסטל און, אומבאַמערקט פון וועמען ס'איז — אַוועק פון שטוב.

8

אַ מרה־שחורה און אַ געדיכט־געפּרעסטע אָנגעצויגנקייט האָט מיט־אַמאָל אויסגעפּילט די רייך־אויסמעבלירטע זעקס־צימערדיקע וווינונג פון די יעלניקס. איטשע־מאיר און פייגעלע זענען ארומגעגאַנגען שווייגנדיקע, פאַרכמורעטע און, זיך געטרייסט אַז „דאָס פייגעלע וועט זיך סוף כל סוף אומקערן אין דער וואַרעמער נעסט אַריין"... ר' איטשע־מאיר יעלניק האָט נישט איינמאָל זיך פאַרענטפערט פאַר זיין פייגעלען, — אַז ער האָט קיינ־מאָל אין זיין לעבן קיין שלעכטס נישט געטראַכט וועגן אַרבעטער. פאַר־קערט, ער האָט נישט איינמאָל ארויסגעהאָלפן אַזעלכן אין אַן עת־צרה, געהאַלטן זיי פאַר ליבער און נענטער צום הארץ ווי די נגידים... אָבער, אַ יינגל זאָל נעמען און בידים צעברעכן אַ בעסער לעבן... — איז דאָך פּשוט אַ משוגעת!...

פייגעלע, וואָס האָט ביי יעדער געלעגנהייט זיך באַמיט אָפּצוווענדן איטשע־מאירן פונעם שוויגעניש און פאַרכמורעטקייט, איז אַליין אַרומ־געגאַנגען מיט אַן אויסגעבלייכט פּנים, און אין אירע, נאָך שיינע אויגן, האָט זיך איינגענעסטיקט אַן אומרואיקייט און פּחד. אויך איר, זענען די אַרבעטער, צו וועמען ס'האָט געצויגן איר עלטסטן זון — געווען אַביסל „גוט־געזען"... אָבער אירס אַ זון זאָל פּלוצלינג ווערן איינער פון „זיי", איז פּשוט, ווי לייגן אַ שוואַרצע לאַטע אויף אַ ווייס בגד...

נישט ווייניקער ווי אויף טאַטע מאַמען, האָבן די לעצטע געשעענישן אין הויז געווירקט אויף פריידעלען, — די גאַנצע, זאָרגערין און אַרומ־גייערין אַרום די קינדער — זינט זיי זענען אויף דער וועלט געקומען.

אויפגעגעבן די האָפענונג אויף חתונה־האָבן און פירן אן אייגן פאַמיליע־לעבן מיט אייגענע פריידן אוןליידן — האָט די לאָמע פריידעלע געזוכט איר פאַרגעסונג אין מיטליידן און זיך מיטפרייען מיט אַלעם וואָס ס׳איז פאָרגעקומען ביי די יעלניקס. די שטענדיקע וויצלערין און היימלעכמאַ־כערין ביים טיש, האָט איצט, נאָך דער געשיכטע מיט אסתרלען און וויג־דערן, אָנגעהויבן אַרומגיין אַ מוטלאָזע און אַ שטילע ווי אַ טויב.

אויב מיט וויגדערס אַוועקגיין פון שטוב איז נאָך נישט פול געווען דאָס מעסטל, האָט אסתרל, נאָך דעם ווי איר בחור איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף צען יאָר „וויסילקע״ אין אַ פאַרוואָרפן טיף־סיבירער דאָרף — אָנגע־הויבן מאַכן די נויטיקע צוגרייטונגען — אים נאָכצופאָרן אין זיין פאַר־שיקונגס־אָרט. זי האָט איינגעקויפט וואַרעמע וועש און קליידער פאַר זיך און פאַר „אים״; אין צוויי לאַנגע, שעפּסענע פּעלעכלעך — איינגענייט צוואַנציק צענרובלדיקע גאָלדשטיקלעך, וואָס פריידעלע האָט זיי איר געגעבן פון די עטלעכע הונדערט רובל, וואָס זי האָט שטענדיק געהאַט ליגן און, געקאָנט פאַרווענדן לויט איר ווילן און איינזען. ס׳האָט געקאָנט הייסן, אַז דאָס געלט איז נישט אירס און יאָ אירס, ווייל זינט זי איז געווען ביי איטשע־מאירן און אָנגעהויבן פירן ביי אים די ווירטשאַפט — האָט זי, ווי אן אייגענער מענטש, קיין שכר נישט גענומען און פאַרברויכט האָט זי אויף זיך ווייניקער ווי יעדער איינער אינעם הויז.

ס׳איז געשען אזוי, אַז פריידעלע אַליין איז געוואָרן די מיטבאַטיי־ליקטע אינעם געהיימען צוגרייטן זיך פון אסתרלען צום נאָכפאָרן איר בחור קיין סיביר. פריידעלעס איינשטימיקייט ארויסצוהעלפן אסתרלען אין איר רייזע קיין סיביר, איז געקומען ערשט נאָך דעם, ווי אסתרל האָט מיט איר עטלעכע מאָל איינגעטענהט און איר אויפגעקלערט, אַז איר אַוועקפאָרן וועט זיין לטובה סיי פאַר איר, אסתרלען, און סיי פאַר די עלטערן. — דו דאַרפסט וויסן — האָט זי געגעבן פריידעלען צו פאַרשטיין — אז איך וועל שוין אַנדערש נישט ווערן.. ס׳קאָן אויך געשען, אַז כ׳זאָל אין אַ געוויסן טאָג ווידער אַריינפאַלן... דעמאָלט, מיין איך, וועט שוין אויך דעם טאַטעשיס „שמירן״ נישט העלפן... מען האָט מיך געוואָלט אַוועק־שיקן קיין פאַריז. כ׳האָב גאַנץ גוט פאַרשטאַנען זייער אויסרעכענונג — ס׳איז פון זייער זייט גוט געווען צוגעטראַכט — פאַר מיין טובה און פאַר דער טובה פון דער שטוב... דאָס זעלבע, פריידעלע, טראַכט איך דאָך איצט

צו טאָן, נאָר אָנשטאָט פּאַריז, וועט עס זיין סיביר... כ׳ווייס פריידעלע, אַז סיביר איז נישט פראַנקרייך... אָבער דו דאַרפסט פאַרשטיין, אַז בלויז דאָרט ווו מיין בחור וועט זיך געפינען, וועט זיין מיין היים, מיין פּאַריז...

— אָבער אסתרל, פאַרשטיי דאָס האַרץ פון טאַטע־מאַמע און אויך מיינס... א קלייניקייט צו זאָגן „צען יאָר" — דאָס איז דאָך אַ שטיק לעבן! האָט פריידעלע פאַרבראָכן די הענט.

אסתרל האָט זיך געהאַלטן ביי אירס — כ׳קאָן נישט מקריב זיין מיין לעבן פון מאָרגן פאַר די געפילן צום „נעכטן" — צווייטנס, דאַרף מען נישט פאַרצווייפלען, ס׳קאָן נאָך איבער דער צייט פאַרשידנס פּאַסירן מיטן צאַרישן רוסלאַנד... אפשר אן אמנעסטיע, און פון צען יאָר קאָן ווערן פינף און... אז מען טויג זיך — קאָן מען זיין צוגעשריבן אין דאָרף און וווינען אין שטאָט. אויך דאָרט זענען פאַראַן שטעט.

— צי טראַכסטו אסתרל, צו פאַרלאָזן די שטוב אָן אַ „זיי געזונט" און אָן אַ ברכה פונעם טאַטעשי און דער מאַמעשי?

— חס וחלילה, פריידעלע, ווי פאַלט דיר איין אַזאַ זאַך? כ׳ווייס אַז מיין באשלוס וועט זיי זייער שווער טרעפן, טאָ צו וואָס זיי מודיע־זיין מיט זעקס וואָכן פריער? — ס׳וועט גענוג זיין ווען כ׳וועל זיי דאָס זאָגן עטלעכע טעג פאַרן אָפּפאָרן. אויב זיי וועלן מיך נישט לאָזן מיט ליידיקע הענט, וועל איך דיר אַלץ גלייך אומקערן.

אַ וואָך פאַר איר אָפּפאָרן קיין סיביר, האָט אסתרל מודיע־געווען אירע עלטערן וועגן איר באַשלוס. די ידיעה פון זייער איינציקער טאָכטער האָט די יעלניקס געטראָפן ווי א דונער, אָבער — ווי א דונער וואָס איז שוין געקומען נאָך אנדערע, פריערדיקע...

זעענדיק אז אלע זייערע באמיאונגען אָפּצורעדן זייער טאָכטער פונעם אומגעוויינלעכן שריט, זענען אומזיסטע, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם אז אסתרל זאָל אומבאַדינגט פאַר איר אָפּפאָר, שטעלן אַ חופה כדת משה וישראל, מיט זייער אומבאַקאַנטן, צוקונפטיקן איידעם.

אסתרל, וואָס האָט די גאַנצע צייט נישט געטראַכט וועגן דעם, — איז נאָכגעקומען דעם פאַרלאַנג פון טאַטע־מאַמע. נאָך אַ ריי באַמיאונגען וואָס ר׳ איטשע־מאיר האָט געמאכט ביי די געהעריקע מאַכט־אָרגאַנען, איז דעם פּאָליטישן אַרעסטאַנט פון יידישן גלויבן, אהרן אבראַמאָוויטש דאַרפסמאַן, דערלויבט געוואָרן צו שטעלן אין תפיסה א חופה מיט דער

פרייער בירגערין אסתר איסאקאָוויטש יעלניק — אין דער אָנוועזנהייט פון אַ רב און די נאָענטסטע פאַמיליע־מענטשן. ווי די חופה — אַזוי איז אין אַ ווינטערדיקן נאָכמיטאָג, שטיל און באַהאַלטן פון זייטיקע מענטשן, פאָרגעקומען אין הויז פון די יעלניקס, דאָס געזעגענען זיך פון טאַטע־מאַמע און די איבעריקע שטוב־מענטשן — מיט אסתרלען.

אָן פון ווערמען באַגלייט צו־ווערן איבער דער שוועל פון דער רייכער זעקס־צימערדיקער וווינונג, האָט אסתרל אין אַ פעברואַר־אָוונט, אין אַ שניי־זאַווערוכע, צום לעצטן מאָל פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר פון די עלטערנס וואַרעמען הויז, און נעמענדיק אין אַ צווייטער גאַס אַ שליטן — זיך אַוועקגעלאָזט צום ווילנער וואָקזאַל אין פּראַגע, פון וואַנען ס'האָט זיך אָנגעהויבן איר שווערער וואַנדער־וועג — צום אומבאַקאַנטן.

9

כאָטש די העל־ברוינע קאַכל־אויוונס ביי די יעלניקס, זענען יעדן צווייטן טאָג געהייצט געוואָרן, האָט עס נאָך אסתרלס אוועקפאָרן געיאָגט מיט קעלט פון יעדן ווינקל... געציילטע זענען איצט געווען די ווערטער וואָס האָבן זיך געהערט אין הויז. מען האָט בלויז גערעדט דאָס, וואָס מען האָט געמוזט — דאָס וויכטיקסטע. געגאַנגען איז מען איבער די פּראָטע־רירטע הילצערנע „פּאָסאַדזקעס" מיט שטילע פאַרזיכטיקע טריט, ווי ס'וואָלט געדראָט זיך אויסצוגליטשן אָדער ווי ס'וואָלט געלעגן אין הויז אַ מסוכן־קראַנקער מענטש. אין געציילטע וואָכן נאָך אסתרלס אוועקפאָרן, האָבן זיך אין איטשע־מאירס פעך־שוואַרצער ברייטער באָרד, צום ערשטן מאָל, אריינגעכאַפּט אַ שפּאַר ביסל זילבער־ווייסע פעדים, און דער גלאַנץ פון זיינע טונקעלע אויגן, איז עטוואָס פאַרהויכט געוואָרן... יעדעס מאָל ביים מיטאָג־עסן, ווען זיין בליק איז געבליבן הענגען אויף די צוויי נישט־פאַרנומענע שטולן ביים טיש, האָט ער, היטנדיק זיך פאַר פּייגעלען, פאַרקלעמט די ליפּן און געדריקט אין זיך אַ נישט־אַרויסגעבראָכענעם זיפץ... כאָטש ס'איז נישט געווען וואָס צו איילן זיך, האָט ער זיך מער נישט צוגעשפּאַרט נאָכן עסן, אויף דער אָטאָמאַנע אין דער „סאַליע", ווי ער פלעגט עס שטענדיק טאָן, נאָר שנעל זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן מיטאָג און אַרויס פון שטוב. ער האָט זיך איצט מער ווי אַלע מאָל אָנגעהויבן אָפּגעבן מיט זיינע פילאַנטראָפּישע ענינים, מיט זיצונגען און פאַרזאַמ־

לונגען אין פֿאַרשידענע וווילטעטיקע חברות. ער איז אָבער געוואָרן לאַנגזאַמער אין זיינע מעל־געשעפֿטן, אויפגעהערט צו „יאָגן די קויל".

— נישטאָ פאַר וועמען צו „יאָגן די קויל", — האָט ער איינמאָל פֿאַרטרויט זיך פֿאַר פייגעלען, און דערביי צוגעגעבן: ווי כ'זע פייגעלע, מוז זיין אמת דאָס ווערטל, אַז קינדער זענען געראָטן אין דער מאַמעס ברידער...

— נאַרישער קאָפּ וואָס דו ביסט — האָט אים פייגעלע געענטפערט מיט אַ באַצוווּנגענער גוטמוטיקייט — און ווי איז, אַז די מאַמע האָט נישט קיין ברידער?... צווייטנס, נישט אַלע מיינע ברידער זענען אַוועק אין אַזעלכע וועגן, און אויך נישט אַלע מיינע קינדער וועלן אין זיי גיין.

נישט געקוקט דערויף וואָס פייגעלע איז געווען די, וואָס האָט שטענדיק זיך באַמיט אונטערצוהאַלטן די גלייכגעוויכט ביי איטשע־מאירן, האָט דאָס פלוצלינגע פֿאַרלאָזן די שטוב דורךביידע קינדער, זיך מער אָפּגערופֿן אויף איר ווי אויף אים. זי האָט אין אַ קורצער צייט באַקומען אַ געלבלעך גערינצלט פּנים, און אירע אויגן, וואָס האָבן נאָך פֿאַרמאָגט דאָס פייערל פון אַמאָל, האָבן געקוקט אַרום זיך מיט אַ בלאָנדזשענדיקן, אומרואיקן בליק. צו די ליידן אויף גאַל־שטיינער, איז צוגעקומען אַ האַרץ־אָפּשוואַכונג און זייער אָפטע אַטאַקעס פון שאַרפֿער קאָפּ־ווייטיק. זי האָט אָנגעהויבן אָפט ליגן אין בעט. געלעגן, אָדער מיט אַ קאַלטן קאָמפּרעס אויפן שטערן, אָדער מיט אַ הייסער וואַרעם־פלאַש אויפן בויך.

קיין שותּף צום דריי־הייפיקן הויז ווו ער האָט געוווינט, איז שוין איטשע־מאיר נישט געוואָרן. נאָך ווייגדערס אַרויסגיין פון שטוב, האָט ער אָנגעהויבן אָפּלייגן מיטן קויף, און מיט אסתרלס אַרויסגיין פון שטוב — האָט ער עס אינגאַנצן אויפגעגעבן, שוין מער נישט געוואָלט הערן דערפון. אין איינעם אַ טאָג, האָט איטשע־מאיר, מיטנעמענדיק מיט זיך אַ גרעסערע סומע געלט, — זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעפֿאָרן קיין פּלאָצק; צונויפגערופֿן דאָרט אַלע זיינע נאָענטע קרובים און צוויי פון זיינע יוגנט־חברים — אַלע ביטערע אָרעמעלייט — און לויטן מצב פון יעדן איינעם, — פֿאַנאַנדערגעטיילט ביז אַ גראָשן פונעם מיטגענומענעם געלט. מער ווי אַלע מאָל, איז ער דאָסמאָל אַנטקעגנגעקומען דעם קרובֿ זיינעם, וואָס האָט אים מיט צוואַנציק יאָר צוריק, אַרויסגעבאָרגט אַביסל געלט — אויף צו סיליקן עס דעם פריץ יאַנוש קאַוואַרטשיק פֿאַר די געפּאַכטעטע סעדער...

צוריקגעקומען פון פלאַצק, האָט איטשע־מאיר מיט צופרידנקייט דערציילט פאַר פייגעלען און פריידעלען, וועגן דער גרויסער פרייד וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט מיט זיין געלט־שטיצע אין די אָרעמע פאַרחושכטע שטובן, און דערביי צוגעגעבן:

— אַז מענטשן וואָס האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו פירן אַ לייטיש לעבן — האָבן עס נישט געוואָלט, — דאַרף מען העלפן די, וואָס ווילן לעבן און האָבן נישט פון וואָס...

עטלעכע חדשים נאָך אסתרלס אַוועקפאָרן קיין סיביר, האָט פריידעלע גייענדיק אין גאַס זיך צונויפגעטראָפן מיט וויגדערן, וואָס איז איר אַנטקעגנגעקומען אין פאַרשמירטע קליידער און באַלאָדן מיט עמערס און פושקעס, און מיט אַ הויכער לייטער, וואָס איז אים געהאַנגען אויף אַן אַרויפצו־פאַרריסענעם אַקסל.

דערזען וויגדערן אין אַזאַ „מעמד", האָט זי פון גרויס צעטומלטקייט אַ פאַטש־געטאָן מיט די אויפגעהויבענע הענט, און אָנכאַפנדיק אים פאַרביידע אָרעמס, אַרויס מיט אַ געוויין:

— וויגדערשי קרוין, זע נאָר וואָס דו האָסט פון זיך געמאַכט!... קוק דיך נאָר אָן ווי דו זעסט אויס!... פאַרלאָזט אַזאַ גוטס און זיך אָנגעטאָן אַ כאַמעט אויפן האַלדז!... פאָלג מיך וויגדערשי און קום מיט מיר אַהיים. דער טאַטעשי און די מאַמעשי וויסן דאָך שוין נישט וואָס איבערצוקלערן. זיי האָבן פאַר דער גאַנצער צייט בלויז דריי בריוועלעך פון דיר דערהאַלטן, אָבער אָן אַן אַדרעס אויף צוריק. זיי רעדן מיט מיר אָפט וועגן דעם: ווו דו עסט, וואָס דו עסט, ווו דו שלאָפסט, און ווו דו נעמסט אַ קלאָר העמד. יאָ, געוואָלט דיר עפּעס זאָגן וויגדערשי — האָט פריידעלע זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ־געטאָן אינעם שנעלן וויינענדיקן גערייד — אויסער מיט דיר... איז נישט לאַנג נאָך דיין אַוועקגיין, נאָך אַ צרה געשען אין שטוב... דו ווייסט, אסתרל איז דאָך נאָכגעפאָרן איר בחור קיין סיביר אויף זיין „וויסילקע". ס'הייסט... ער איז שוין איר מאַן, זיי האָבן געשטעלט אַ חופה אין „פּאַוויאַק" — אַז אַך־און־וויי! אַזאַ קלוג און גאָלדן קינד, האָט גענומען און פון זיך אַ תל־געמאַכט! נישט אַנדערש וויגדערשי, נאָר אַ שלעכט אויג איז געפאַלן אויף אונדזער הויז... — וואָס נאָך האָב איך דיר געוואָלט זאָגן? — די מאַמעשי קרענקט כסדר, ס'איז איר ערגער ווי געווען, און דער טאַטעשי — ער עסט זיך אויף פון עגמת־נפש, וואָלסט

אים נישט דערקענט. נישט געזשאַלעוועט — זאָגט ער — קיין געלט אויף לערע, געמיינט, אַזאַ מיידל און יינגל, קינדער מיט גוטע קעפּ — אַז זיי וועלן גאָר ווייט דערגרייכן... און דאָ — נאַ דיר !...

פריידעלע האָט זיך אויסגעווישט אירע פאַרטרערטע אויגן און ווידער אַמאָל אָנגעהויבן: — פאָלג מיך ווידגדערל, ווי דו האָסט מיך שטענדיק געפאָלגט, צו וואָס זיי אָנטאָן צרות? — קום אַהיים...

ווידגדער האָט באַטראַכט מיט מיטלייד זיין „וויכאַוואַניצע” פריידעלען, די קאַליקע און אַלטע מויד, וואָס נישט האָבנדיק קיין אייגן פאַמיליע־לעבן פרייט זי זיך מיט פרעמדער פרייד און ליידט־מיט מיט פרעמדע ליידן. פאַקטיש איז זי אים אַלע זיינע קינדער־יאָרן געווען נענטער פון דער מאַמען, ווייל די מאַמע האָט צוליבן אַרויסהעלפן דעם טאַטן אין זיינע גרויסע געשעפטן, ווייניק צייט געהאַט אויף אָפּצוגעבן זיך מיט די קינדער. אָפילו ווען ס'איז געווען שטילשטאַנד אינעם מעל־מסחר, האָט זי אויך נישט געקאָנט זיך אָפּגעבן מיט זיי. זי איז צו יענער צייט אַרויסגעפאָרן אין אויסלענדישע קור־ערטער צוליב אירע גאַל־שטיינער, אויף וואָס זי האָט אָנגעהויבן ליידן נישט לאַנג נאָך איר חתונה. ווידגדער, ווי אויך די איבעריקע קינדער, האָבן אָפילו פון איר מילך נישט פאַרזוכט. זיי זענען אַלע געקאָרמעט געוואָרן דורך קריסטלעכע דאָרפישע אַמען.

קוקנדיק איצט אויף פריידעלעס רויטלעכע אויגן פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשלאָגן אַ מוטערלעכע זאָרג און מורא פאַר זיין גורל, האָט ווידגדער אָפּגעפילט ווי שטאַרק איר האַרץ צאַפּלט פאַר אים... און פאַרגעסנדיק, אַז מיטן טאָג ווען ער איז אַריין לערנען אין דער ישיבה האָט ער זיך גענומען אויסהיטן נישט אָנצורירן זי — האָט ער אַ נעם־געטאָן אירע קליינע, כמעט קינדערישע פויסטלעך אין זיינע גרויסע דלאָניעס אַריין.

פון אומגעריכטקייט, האָט זיך פריידעלע פאַררויטלט, געמאַכט אַ לייכטן פּרווו אַרויסצובאַקומען אירע הענט פון זיינע, אָבער גלייכצייטיק — געפילט אַ הנאה פון זיינע פעסטע מענערישע הענט...

— זאָג מיר פריידעלע — האָט ער האַלטנדיק אירע הענט אין זיינע, זיך געווענדעט צו איר מיט אַ מילדער בעטנדיקער שטים:

— דו ווילסט דאָך געוויס מיין גוטס! וואָס? נישט?

— וואָס הייסט עס, ווידגדערשי? וואָס איז דאָס פאַר אַ שאלה?! — האָט זי אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— אויב אַזוי, ווייס פריידעלע, אַז מיר איז, אַזוי ווי דו זעסט מיך איצט, גוט! וויסן זאָלסטו, אַז קיין שום תפילות און תעניתים, לייטערן נישט אַזוי דעם מענטש, ווי דאָס עסן ברויט וואָס איז פאַרדינט געוואָרן דורך דער מי פון די אייגענע צען פינגער. — זאָג מיר פריידעלע, פון וואָס לעבסטו? — נישט פון דער אַרבעט?

— נאָר פון וואָס דען, פון גניבה?...

— זינט איך לעב, זע איך אַז דער גאַנצער עול פון דער הויז־ווירטשאַפט ליגט אויף דיינע אַקסלען. דו ביסט טאַקע אַן אייגענער מענטש, נאָר דו אַרבעטסט, מיין איך, נישט ווייניקער פון דער קעכין און פונעם דינסטמיידל.

— אוודאי!

— ביסטו צופרידן וואָס דו פאַרדינסט אויף דיין ברויט דורך ערלעכע אַרבעט?

— געוויס, כ'וואָלט נאָר נישט געווען געשטראָפט פון גאָט, מ'ית מיין מום.

— איז, אויב אַזוי, טאָ וואָס איז די טראַגעדיע, פריידעלע? ציי איז מיין בלוט מיוחסדיקער פון דיין בלוט?...

— יאָ, ס'איז אמת. — אָבער אַזוי איז שוין אויף דער וועלט.

— דאַרף מען זי איבערמאַכן די וועלט! — און איצט פריידעלע, גיי אַהיים און גיב איבער אַ האַרציקן גרוס און אַ רפואה־שלימה דער מאַמען, גרוסן פאַרן טאַטן, לייזערקען, יואל־הערשלען און דער קעכין מיטן דינסטמיידל. דו קאָנסט זיי אויך איבערגעבן, אַז זייער זון איז חלילה נישט אַראָפּ פונעם דרך הישר, נאָר ארויף אויף אים.

שווערע וואָלקנס האָבן מיטאַמאָל פאַרשטעלט די זון. פריידעלע האָט אַ בליק־געטאָן אין דער הייך, און געזאָגט: זיי געזונט, וויגדער, און געלאָזט זיך גיין.

די גאַנצע צייט זינט וויגדער איז אַוועק פון דער היים, האָט ער זיך ווייטער געטראָפן מיט זיין לערער דעם סטודענט פון הומאַניסטישן פאַקולטעט, וואָס האָט אים שוין געלערנט „אויף קרעדיט" און אַזוי אַרום אים דערמעגלעכט צו באַלייגן די עקזאַמענס אַלס עקסטערן און באַקומען די „מאַטורע".

די שטוב־מאַלער און די אַנדערע יידישע בוי־אַרבעטער מיט וועמען וויגדער איז געקומען אין אַן ענגערן קאָנטאַקט, האָבן דערוויסנדיק זיך, אַז ער איז אַ „געענדיקטער", געקרוינט אים מיטן נאָמען „פּראָפעסאָר". דורך אַ מאַלער וואָס האָט צופעליק געאַרבעט מיט אַ יאָר צוריק אין הויז פון די יעלניקס, האָט זיך חברה אויך דערוווּסט, פון וואַנען עס שטאַמט דער פּריש־אַרויסגעשווומענער „העכט", וואָס איז מגולגל־געוואָרן אין אַ שטובן־מאַלער...

אַ טייל האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ גרויסן העלד; אַ טייל ווידער, האָט אין דער גאַנצער געשיכטע געזען נישט מער ווי אַ ייִנגלישע אַוואַנטורע און פאַרויסגעזאָגט, אַז ער וועט זיך גאַר שנעל אויסניכטערן; אַז ס'וועט בלויז גענוג זיין עס זאָל זיך אים ביינאַכט חלומען דאָס וואַרעמע ציכטיקע בעט און די גוטע געשמאַקע מאַכלים — ער זאָל ווערן אַ „האָז" און — „אַהיימציען".

נישט געקוקט אויף די אַלע זאָגעכצער און רעדעכצער, האָט וויגדער ביסלעכווייז געוווּנען אַן אַלץ־גרעסערע סימפּאַטיע און אָנערקענונג אין די יידישע אַרבעטער־קרייזן אין וואַרשע.

דער צוגעקלעפּטער ביינאָמען „פּראָפעסאָר" איז שוין מער נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ לייכטער איראָניע, נאָר ווי אַ זעלבסטפאַר־שטענדלעכקייט.

וויגדער האָט מיט זיין גאַנצן הייסן טעמפּעראַמענט זיך אַריינגע־וואָרפן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אַדאַנק זיין באַוווּסטזיניקייט און אינטעליגענץ, איז ער גאָר גיך געוואָרן אַן אויסגעצייכנטער פּרעלעגענט און פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר דער נאָך גאָר יונגער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג. ער האָט זעלטן־ווען געהאַט אַביסל פרייע צייט פאַר זיך. נאָכן ענדיקן זיין אַרבעט־טאָג, איז ער שטענדיק געווען ערגעץ איינגעלאַדן אין אַרבעטער־קרייזלעך, וואָס האָבן זיך על־פּי־רוב געפונען אין קעלער־שטובן אָדער פּאַציאַטעס. אויף די דאָזיקע קרייזלעך, פלעגט ער פאַר אַ קליינער אוידיטאָריע רעדן אויף סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע טעמעס: רעדן וועגן אַנטיסעמיטיזם און ספּעציעל — וועגן דעם אָנגעווייטיקטן יידן־פּראָבלעם.

וויגדער האָט ענדלעך דערגרייכט צו אַן אייגענעם אדרעס אויף וועלכן פריידעלע פלעגט אים פון צייט צו צייט באַזוכן. געוווינט האָט ער ביי אַן

אָרעמער משפחה — ביי אַ ייד אַן אײנבינדער, אַ מטופל מיט קינדער. דאָס שמאָלע אײַזערנע בעטל וואָס איז אים פֿאַרדונגען געוואָרן צום שלאָפֿן, איז געווען אַרײַנגעקוועטשט אינעם ענגן קיכל צווישן דעם ווענטל פֿונעם קלאָזעט און וואַסער־זלעווו אויף דער פֿענצטער־וואַנט. ווי נאָר וויגדער פֿלעגט גאַנץ פֿרי פֿאַרלאָזן דאָס בעטל און קוים באַוויזן עס צו פֿאַרבעטן, זענען שוין אויף בײדע אײַזערנע קאָפּשטיקן געוואָרן אַרויפֿגעלייגט עטלעכע לאַנגע ברעטער, און פֿונעם אײַזערנעם בעטל איז געוואָרן אַן אײַנבינדער־וואַרשטאַט... יעדעס מאָל וואָס פֿרײדעלע פֿלעגט צו אים קומען, פֿלעגט זי אים באַטראַכטן מיט פֿאַרוווּנדערונג און נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי קאָן דאָס אַ מענטש, וואָס האָט געלעבט אין אַזאַ „קייזערלעכן הויז", וווינען אין אַזאַ ענגשאָפּט און שמוץ און אין אַ געפּילדער, וואָס האָט איר קיינמאָל נישט געגעבן ביי אים די מעגלעכקייט זיך רואיק אַדורכצושמועסן מיט אים.

אין אַ געוויסן אָוונט, געפֿינענדיק זיך אַלס אײַנגעלאַדענער פּרעלע־גענט אויף אַ צוזאַמענטרעף מיט אַ גרעסערן אַרבעטער־קרייז וואָס איז דאָס מאָל פֿאָרגעקומען אין אַ גרויסער סוטערינע, וווּ ס'האָט זיך געפֿונען אַ פֿאַבריקל פֿון געגריוועטע שיך, האָט וויגדער זיך אָנגעטראָפֿן מיט אַ יונגער אַרבעטערין, וואָס האָט מיט אירע לאָגיש־געשטעלטע פֿראַגן און דעם אופֿן פֿונעם אַרויסזאָגן אירע מיינונגען — געצויגן אויף זיך זײַן אויפֿמערקזאַמקייט. זעלטן־ווער פֿון די אָנוועזנדיקע אַרבעטער, האָט זיך אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענטרעף אַזוי פֿאַנאַנדערגעקליבן אין דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פֿון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פֿראַגן, ווי זי.

וויגדער האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז נאָך דעם אָוונט זיך נענטער באַקענען מיט איר.

ווען די אַרבעטער האָבן נאָך זײַן רעפֿעראַט זיך אָנגעהויבן פֿאַנאַנ־דערגיין איז ער צו איר צוגעגאַנגען און געזאָגט אַז ער וויל אַביסל זיך דורכשמועסן מיט איר, און אויב זי איז נישט קעגן דעם, וועט ער זי אַהיימבאַגלייטן.

— מען רופֿט מיך „פּראָפֿעסאָר" — האָט ער זיך פֿאַר איר פֿאָרגע־שטעלט — אָבער פֿאַר אײַך, וועל איך זאָגן מײַן ריכטיקן נאָמען: איך הייס וויגדער. האַלטנדיק איר קליינע פּולע, אָבער אויסגעאַרבעטע האַנט אין זײַנער, האָט דאָס מיידל געענטפֿערט:

— מיין נאָמען איז לייטשע — כ'מיין, אַז איר קענט מיך אַזוי גוט, ווי איך אייך.

ווידגער האָט זיך אין איר נעענטער איינגעקוקט.

— כ'זע אייך היינט צום ערשטן מאָל. כ'גלויב, אַז איר פאַרטוישט מיך מיט וועמען.

— איך פאַרטויש אייך נישט מיט קיינעם. נישט בלויז אייער נאָמען איז מיר שוין פון לאַנג באַקאַנט, נאָר אויך אייער פאַמיליע־נאָמען. כ'קען אויך זייער גוט אייערע עלטערן און ביידע יינגערע ברידער — דערפאַר איז דאָס טרעפן אייך דאָ, געווען פאַר מיר אַ גרויסע איבעראַשונג. ווי איר זעט, זענט איר מיר נישט פרעמד, דעריבער נעם איך גערן אָן אייער אָנבאָט מיך אַהיימצובאַגלייטן — אויב די גאַס ווו איך וווין, וועט פאַר אייך נישט זיין קיין שטערונג...

לייטשע האָט גענומען פאַריכטן איר לויז־געוואָרענעם געדיכטן גרעק, און האַלטנדיק, בעת מעשה, די האָרנאָדלען צווישן אירע ליפּן, — נישט אַראָפּגענומען פון אים די אויגן.

ווידגער האָט מיט גרויס נייגער זי באַטראַכט און בשום אופן נישט געקאָנט זיך דערמאָנען ווער זי איז.

— איר האָט מיך פאַראינטריגירט מיט אייער וויסן אַזויפיל וועגן מיר, און אויך מיט אייער באַמערקן, אַז די גאַס ווו איר וווינט, קאָן אַמאָל זיין פאַר מיר אַ שטערונג אַהיימצובאַגלייטן אייך.

— דאָס איז דערפאַר — האָט לייטשע געענטפערט מיט איר אָנגענומענעם שמייכל — וואָס מיינע עלטערן וווינען אויף דער זעלבער גאַס וואָס אייערע עלטערן, סך־הכל מיט דריי הייזער אָפּגערוקט פון אייך. איך קען אייך נאָך פון דער צייט איידער איר האָט אָנגעהויבן לערנען אין דער ישיבה אין בעקערס הויז, ווען איר זענט נאָך אָט אַזוי גרויס געווען, און איך, נאָך קלענער. כ'געדענק ווי עס וואָלט ערשט נעכטן געווען — ווי איינמאָל, געווען איז עס אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט, האָט איר, גייענדיק אַהיים פון דער ישיבה, געקוקט מיט פאַרחלומטע אויגן אין הימל אַריין און ביים ווינהאַנדל זיך אָנגעשטויסן אָן מיר און, אַרויסגעשטויסן פון מיין האַנט אַ קריגל מיט מילך. כ'געדענק, ווי כ'בין איך, כליפּענדיק, נאָכגעלאָפן און געזידלט ביז צו אייער הויז צו... כ'בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר צוועלף. איר האָט וואָס אָן אמת, צומאָרגנס אינדערפרי געוואָלט באַצאָלן

מיין מאַמען פאַרן קריגל מיט דער מילך, זי האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון.

ווייגדער האָט זיך הילכיק צעלאַכט און אָננעמענדיק לייטשען פאַרביידע אָרעמס — געזאָגט:

— ווי איר געדענקט דאָס אַלץ אַזוי גוט! און איך קאָן זיך עס פאָרט נישט דערמאָנען! אָבער זאָגט מיר שוין אַמאָל, ווער זענט איר און ווער זענען אייערע עלטערן?!

— וואָס? — אויך איצט, געדענקט איר מיך נאָך אַלץ נישט? — האָט זיך לייטשע געוווּנדערט — אויב אַזוי געדענקט איר אפשר אויך נישט, אַז כ׳פלעג אַרויפטראָגן צו אייך אין שטוב אַריין די אַרבעטן וואָס דער טאַטע מיינער האָט פאַר אייך געמאַכט? — מיין טאַטע איז וועלוול שוסטער און די מאַמע מיינע הייסט זלאַטקע. מיך האָט מען דעמאָלט גערופן לייקעלע. אויב אויך דאָס זאָל פאַר אייך זיין ווייניק, וועל איך אייך דערמאָנען נאָך אַ קאַמישן עפּיזאָד, וואָס כ׳בין זיכער, אַז איר געדענקט אים שוין יאָ זייער גוט: איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, ווען כ׳האָב אַרויפגע־טראָגן צו אייך אין שטוב אַ שטיקל אַרבעט, האָט מיך אייער מוטער אַריינגערופן אין דער „סאַליע״ און געגעבן אַ פולע האַנט מיט קיכלעך און דערצו נאָך — אַ גאַנצן זעקסער „פאַרן וועג״. כ׳בין דעמאָלט אַזוי צעמישט געוואָרן פונעם באַקומענעם און פון די שפּיגלען, וואָס איך האָב דערזען ביי אייך, אַז אָנשטאָט אַרויסצוגיין דורך דער טיר, בין איך מיטן גאַנצן כוח אַריין אין אַ גרויסן שטיי־שפּיגל וואָס אַנטקעגן דער טיר... כ׳האָב באַקומען, געדענק איך, אַ שטאַרקן קלאַפּ און זיך געשעמט צו וויינען... אַלע ביי אייך, האָבן געלאַכט, אויך איר האָט געלאַכט און געזאָגט, אַז כ׳האָב געהאַט אַ נס וואָס דאָס גלאָז איז אַזוי דיק.

ביים קאַרגן שיין פון אַ לאַמטערן, האָט ווייגדער, נאָך לייטשעס דערציילן די געשיכטע מיטן שפּיגל — וואָס ער האָט גראָד זייער גוט געדענקט — נאָכאַמאָל זיך גוט איינגעקוקט אין איר פּנים און זי אָנגעהויבן צו דערקענען.

— ווי איר האָט זיך דאָס געענדערט לייטשע! ווי איר האָט זיך דאָס געענדערט! געווען א מיידעלע — און אַט — אַ פרוי!...

וועלנדיק אַרויספירן לייטשען פון איר חשד, אַז ר׳ איטשע־מאיר יעלניקס זון וועט זיך נישט וואַגן צו ווייזן מיט דער טאָכטער פון „וועלוול

סמאַלע״ אויף דער גאַס ווו ס׳ווױנען זײַנע עלטערן, האָט װיגדער זי אַ נעם־געטאָן פעסט אונטערן אָרעם און אַ זאָג־געטאָן:

— אויב אַזױ לייטשע, פיר איך אײַך טאַקע צו ביז אײַער טיר!

אויפן וועג האָט אים לייטשע דערציילט, אַז זי אַרבעט שוין איבער דריי יאָר אין אַ פֿאַבריק פֿון קנעפּ, און אַז אויך די ייִנגערע שוועסטער אַרבעט שוין; דערציילט אים אַז איינער פֿון די צוויי עלטערע ברידער, נפתלי, וועמען װיגדער האָט גוט געקענט, זיצט פֿאַר פּאָליטישער טעטי־קייט, שוין מער ווי אַ יאָר צייט אין „פּאַוויאַק״, און דער ייִנגערער, משה־לייב, איז אַ קראַוואַטן־מאַכער, שפּילט אין אַן אַמאַטאָרן־טרופּע און זאַמלט „רענדלעך״ אויף אַריבערצוקאָפּן זיך אין גאָלדענעם לאַנד, קיין אַמעריקע — איידער ס׳רוקט זיך אונטער דער פּריזיוו.

אויף לייטשעס געשטעלטע פֿראַגן וועגן זײַן אומוואַנדלונג, האָט שוין אויך װיגדער גענומען דערציילן וועגן די סיבות וואָס האָבן אים באַוויגן אָוועקצוגיין פֿון שטוב, און דערמאָנט דערבײַ די גרויסע השפּעה, וואָס זײַן לערער, דער סטודענט, האָט אויף אים געהאַט. פּאַראיינוועגס האָט ער איר שוין דערציילט, אַז אין אַ געוויסער מאָס האָבן דערבײַ מיטגעווירקט אויך די גרויסע קאָנטראַסטן אין די כאַראַקטערן פֿון די ברידער, און אויך אין די אָנשויאונגען פֿון יעדן באַזונדער; אַז דער שטאַרקער אַנטאַ־גאָניזם צווישן זיי און דאָס נישט געפֿינען קיין געמיינזאַמע שפּראַך, האָט פּשוט אוממעגלעך געמאַכט דאָס געפֿינען זיך מיט זיי אונטער איין דאַך. אָבער ווען לייטשע האָט זיך אָנגעפֿרעגט אויף זײַן שוועסטער אסתרל, האָט װיגדער געזאָגט אַ ליגנט: אַז זי איז געפֿאָרן אויף אַ לענגערן באַזוך צו קרובים קיין פֿראַנקרייך, און לויט ווי זי שרײַבט, איז גאַנץ מעגלעך זי זאָל דאָרט פֿאַרבלײַבן.

מיט אָט דעם ליגנט, וואָס איז אים זייער שווער געווען צו זאָגן — איז ער נאָכגעקומען דעם פֿאַרלאַנג פֿון זײַנע עלטערן.

װיגדער מיט לייטשען זענען, גייענדיק, געווען אַזוי פֿאַרטיפֿט אין זייער שמועסן, אַז זיי האָבן צומאָל נישט באַמערקט און נישט אָפּגעפּילט, נישט די וואָרעמע, גרויסע רעגנטראָפּנס, וואָס האָבן אויפֿגעפּלאַצט אויף זייערע פּנימער, און נישט די פֿאַרלאָפֿענע צייט.

ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט האַרט פֿאַר דער פֿענצטער־טיר פֿון לייטשעס געוועלב־שטוב, פֿון וואַנען ס׳האָבן זיך נאָך געהערט מידע קלעפּ פֿון אַ שוסטער־העמערל — איז שוין דער זייגער געווען נאָענט צו עלף.

10

מיט לייזערקען, — איטשע־מאירס מיטלסטער זון, וואָס האָט שוין געהאַלטן ביים אַריינגיין אין פּאָליטעכניקום — האָט ווידער פאַר דער גאַנצער צייט זינט ער איז אַוועק פון שטוב, זיך זייער זעלטן געזען.ביידע, האָבן זיי נישט געהאַט דעריך קיין גרויסן אינטערעס. אויך צווישן לייזערקען און איטשע־מאירס יינגסטן זון, יואל־הערש, וואָס האָבן זיך די גאַנצע צייט געפונען אונטער איין דאַך, — זענען די באַציאונגען, נישט בלויז נישט געווען קיין בעסערע, נאָר אַ סך ערגערע. שוין עטלעכע יאָר ווי זיי האָבן אויפגעהערט צו שלאָפן אין איין צימער.

קוים געענדיקט די פינפטע קלאַס גימנאַזיע, האָט לייזערקע זיך גענומען שניידן אין אַ וועג, וואָס איטשע־מאירן און פייגעלען, האָט עס נאָך מער באַאומרואיקט — ווי די וועגן אין וועלכע עס זענען אַוועק אסתרל און ווידער. נישט בלויז וואָס ער האָט אויפגעהערט מיטצוגיין מיט זיין פאָטער אין שול אַריין און בכלל אויפגעהערט צו דאַווענען, נאָר אַלץ וואָס האָט געהאַט וועלכן ס׳איז שייכות מיט יידן און יידישקייט איז אים דערווידער געוואָרן. מיט דער צייט האָט ער אָנגעהויבן רעדן נאָר פּויליש — אַפילו צו פריידעלען; געזונגען פּוילישע לידער און געהאַט בלויז פּוילישע חברים, אָדער יידישע חברים און חברטעס פון אַסימילירטע עלטערן.

אַז איטשע־מאיר האָט אים גענומען מוסר־זאָגן, אַז אַזאַ פירונג ברענגט סוף כל סוף צו שמד, האָט אים לייזערקע אויפן אָרט אָפּגעענטפערט:

— שמדן קאָנען זיך נאָר אַזעלכע ווי יואל־הערש! איך האָב נישט וואָס אויף וואָס צו פאַרבייטן. זיין אַ פּאָליאַק, הייסט נאָך נישט זיין אַ קריסט...

ר׳ איטשע־מאיר, וואָס האָט דעם אייגנטלעכן זין פון לייזערקעס ווערטער נישט אויפגעכאַפּט, נאָר בלויז געזען אין דעם אַ חוצפהדיקע פאַרריסנקייט — איז אויפגעשפּרונגען מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט, און ווען נישט פייגעלע — וואָלט לייזערקע דעמאָלט נישט טרוקן אָפּגעשניטן.

פייגעלע, וועלכע האָט יאָ פאַרשטאַנען, „ווו אַהין דער ווינט בלאָזט", האָט זיך נישט געקאָנט שענקען, פון וואַנען נעמען זיך עס אַזעלכע ווערטער צו אַזאַ יונג יינגל. נישט אַנדערש — האָט זי געטראַכט, — נאָר דער זון אירער קומט ערגעץ אין אַזאַ אָרט, ווו עס ווערט געפּרעדיקט די־אַ תורה. קאָן זיין, אַז שוין אין לייזערקעס ריין־פּוילישן אַקצענט און הונדערט־

פּראַצענטיקן אַרישן אויסזען, איז געלעגן זיין פּאָזיטיווע באַציאונג צו אַלץ וואָס איז פּויליש, און נעגאַציע צו אַלץ וואָס איז יידיש. צוליב אָט די אייגנשאַפטן, איז לייזערקע קיינמאָל אין ערגעץ נישט באַליידיקט געוואָרן אַלס ייד. אַפילו די קריסטלעכע שילער פון זיין קלאַס אין דער גימנאַזיע, האָבן אינגאַנצן נישט פאַרדעכטיקט, אַז לוציאַן יעלניק איז אַ ייד. אַדרבא! אַ קלוגער חברהמאַן און דערצו נאָך, נישט מיט קיין לייִדיקע טאַשן — האָבן די פּוילישע שילער געהאַלטן פון אים און אָפט אים פאַרבעטן אין זייערע קריסטלעכע היימען, ווו לייזערקע האָט קונציק אויסבאַהאַלטן זיין יידישקייט...

ס'איז שוין געווען שפּעט־זומער. די וואַקאַציעס אין די שולן האָבן זיך געענדיקט. ס'האָבן אָנגעהויבן ציען פויערישע פורלעך מיט צוריקגעקומענע דאַטשניקעס, און אין די הייף און שטובן איז געוואָרן טומלדיקער און היימלעכער.

אַנדערש איז עס געווען ביי די יעלניקס. אין דער גרויסער וווינונג ווו ס'איז אמאָל אָנגעגאַנגען אַ קאָכיק לעבן, האָט איצט געהערשט אַ געפּרעסטע אומדערטרעגלעכע שטילקייט. פייגעלע האָט זיך שוין איבער צוויי וואָכן געפונען הינטערוועגס, איבערלאָזנדיק די געשעפטן אונטער דער השגחה פונעם הויפּט־בוכהאַלטער און דעם קוים ניינצן־יאָריקן יואל־הערשן. נישט געקוקט אויף זיין יונגן עלטער, האָט יואל־הערש אויסגעזען ווי אַ יוסטער באַלעבאָס: ברייט, פעט, מיט אַ שפּאָר בייכל, געדרייטע פיאות און פאַרמאָגט שוין אַ שפּאָר מאָכיק שאָטין בערדל. זיין תקיפותדיקע האַלטונג אין באַצוג צו ביידע עלטערע ברידער, לייזערקען און וויגדערן, איז געווען אַזאַ, ווי ער וואָלט עס געווען דער עלטערער. אָנגעטראָפן וויגדערן אין גאַס, אינעם זעלבן טאָג וואָס ער האָט באַקענט לייטשען „וועלוול סמאָלעס“ טאַכטער, האָט ער אים אָפּגעשטעלט און גענומען מוסרן, הלמאי ער פאַרשפּרייט — ווי מען האָט אים איבערגעגעבן — אַפּיקורסישע געדאַנקען, און פאַרוואָס ער נעמט זיך די חוצפה פאַרויס־צולויפן משיחן, — מיט זיין וועלן ברענגען די יידן קיין ארץ־ישראל... לסוף האָט ער וויגדערן געעצהט, אַז ס'איז קיינמאָל נישט צו שפּעט תשובה־צו־טאָן, און אַז מען וויל שוין גאָר, קאָן מען זיין אַ בעל־מלאכה

און איינצייטיק א גוטער און אַפילו אַ גרויסער ייד — והראיה — יוחנן הסנדלר.

ווי פאַרגעסן וועמען ער האָט פאַר זיך, האָט וויגדער, ווי ס׳וואָלט געשטאַנען פאַר אים אַן ערנסטער אָפּאָנענט אויף אַ צוזאַמענטרעף פון אַן אַרבעטער־קרייז — גענומען אים אויפקלערן:

— ווען דו וועסט אַביסל עלטער ווערן, יואלקע, און דו וועסט וועלן וויסן, — וועסטו דאַן פאַרשטיין, אַז דער הייליקסטער געבאָט אויף דער וועלט, איז דאָס באַקעמפן די אומגערעכטיקייט פון מענטש צו מענטש. קיין העכערס פון דעם איז נישטאָ. משיח, — הייסט דערלייזונג, באַפרייאונג, באַפרייען פון אויסנוץ און אויך נאַציאָנאַלע באַפרייאונג. דער־אָ משיח קומט נישט אויף אַ ווייס פערד! זיין קומען מוז מען אויסקעמפן!

יואל־הערש האָט אָנגעשטעלט אויף וויגדערן זיינע קליינע שמאַלציקע פיש־אויגן און נאָך אַ ווײַלע זיך איינקוקן אין אים, — אויסגעשפּיגן און האַסטיק אים צוגעוואָרפן: שמדניק! אַפּיקורס! און — זיך אָפּגעטראָגן אַן אַ „זיי געזונט“.

טראָץ זיין שטאַרקער גאָטספאַרכטיקייט און „קריכן אויף די גלייכע ווענט“, איז יואל־הערש געווען א דורכגעטריבענער סוחר מיט א „גראָבן פינגער“ און מיט אַ „סמיקאַלקע“. אין די אַלע טעג פון ר׳ איטשע־מאירס אָפּוועזנהייט, איז יואל־הערש אין מיטן טאָג נישט אַהיימגעקומען. ער האָט זיך ערשט באַוויזן אין שטוב, אַכט אַזייגער אָונט. דאָס מיטאָג האָט אים די קעכין אַראָפּגעבראַכט אין קאַנטאָר פונעם וואַרשעווער סקלאַד.

אין איטשע־מאירס הויז האָט אַ דריקנדיקער אומעט געיאָגט פון יעדן ווינקעלע און פון יעדן קעגנשטאַנד. דער איינציקער סימן פון לעבן הינטער די פאַרמאַכטע טירן פון די צימערן — האָט געלאָזט פון זיך הערן — דער געפרעסטער מעטאַלענער קלאַנג פונעם גרויסן שטיי־זייגער. פריידעלע און די קינדערלאָזע אלמנה, די קעכין, זענען יעדע פרייע צייט געזעסן אין דער קיך און זיך קעגנזייטיק, שוין צום וויפלטן מאָל, זיך אַראָפּגערעדט איינע פאַר דער צווייטער, פון האַרץ — וועגן די אַוועקגיי־ענדיקע יאָרן, און וועגן זייערע פינצטערע מזלות...

ר׳ איטשע־מאיר האָט זיך געפונען הינטערוועגס. ער איז אַרויסגע־פאָרן נישט אַזוי צוליב ענינים פון זיין מעל־מסחר, ווי צוליבן וועלן אויף אַ קורצער צייט אַנטלויפן פונעם אומעט און פוסטקייט, וואָס האָבן אים אַרומגענומען נאָך פייגעלעס אַרויספאָרן קיין טשעכיען אויף קוראַציע.

ווען ר׳ איטשע־מאיר יעלניק איז צוריקגעקומען פון הינטערוועגס און איז אַריין אין זיין קאַבינעט, האָט ער אויפן שרייבטיש, אונטערן שווערן טינטלעשער, געזען ליגן אַ טעלעגראַמע פון פייגעלען. אין דער טעלעגראַמע וואָס איז בסך־הכל אָנגעקומען מיט איין שעה פריער פאַר אים, בעט אים, פייגעלע, אַז ער זאָל, למען השם, תיכף קומען זי אַהיימנעמען, ווייל זי פילט זיך נישט בכוח אָן זיין הילף פון דאָרט אַרויסצופאָרן. מיד פון וועג האָט ער אַ כאַפּ־געטאָן די טעלעגראַמע און זיך אָוועקגעלאָזט דערליידיקן די פאָרמאַליטעטן, וואָס זענען געווען נויטיק אויף אַריבערצוגיין די טשעכיש־עסטרייכישע גרענעץ. שוין אויפן דריטן טאָג נאָכן דערהאַלטן די טעלעגראַמע, האָט זיך ר׳ איטשע־מאיר יעלניק געפונען מיט זיין פייגעלען אין אַ באַזונדערער ערשטער־קלאַס־קופּע אויף זייער צוריקוועגס קיין וואַרשע.

אונטערגעלייגט אונטערן קאָפּ אַן אָנגעבלאָזן יידן קישעלע, איז פייגעלע געלעגן אויף איינע פון די צוויי אויסגעבעטע בענק, און מיט אַ מידן בליק פון הינטער אירע האַלב־געשלאָסענע שמאָלע גרינלעכע אויגן, געקוקט, אַרויף צו דער ווייס־לאַקירטער סטעליע פונעם וואַגאָן. פון איר פולבלעך קיילעכיק פּנים, מיט דער אַמאָליקער לייכטער ראָזלעכקייט, איז מער קיין זכר נישט פאַרבליבן. ווי אַראָפּהענגנדיקע זעקעלעך, האָט זיך די לויז־געוואָרענע גערונצלטע הויט ביי איר געלייגט אין דער אונטערשטער טייל פון די באַקן, און די גאָמבע איז געווען אויסגעצויגן און פאַרשפּיצט.

איטשע־מאיר יעלניק איז געזעסן אַנטקעגן נעבן אָפענעם וואַגאָן־פענצטער, אָנגעשפּאַרט אָנעם אויסגעבעטן קאָפּ־אָנלען, און פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ קוק צו זיין ווייב. עס איז אים שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז דאָס פּריצייטיק פאַרעלטערטע פּנים, וואָס אויסער די גאָלדיק־בלאָנדע האָר, וואָס האָבן באַשיינט איר קאָפּ, האָט עס אויסגעזען ווי פון איין עלטער מיט איר מוטערס, — געהערט צו זיין פייגעלען, וואָס איז איצט סך־הכל אַלט געווען פינפאונפערציק יאָר. ער איז געזעסן און געטראַכט וועגן דער שנעלער און גרויסער אומוואַנדלונג פון איר שיינקייט, וואָס האָט מיט אַ צוויי־אונצוואַנציק יאָר צוריק, אים אַזוי אויפגערודערט זיין בלוט... איטשע־מאירן איז פּלוצלינג איינגעפאַלן אַז קוקנדיק אַזוי אין איין פּונקט צו דער ווייס־לאַקירטער סטעליע, טראַכט איצט זיין פייגעלע:

„דאָס איז סוף כל סוף אַ מאַנספּערזאָן — באַגראָבן איין ווייב, גענומען אַ צווייטע... און איצט — איצט טראַכט ער שוין מעגלעך וועגן אַ דריטער...

כאָטש ער האָט געוווּסט, איטשע־מאיר, אַז ער איז ריין פון אַזעלכע זינדיקע געדאַנקען, איז ער אָבער זיכער געווען, אַז זי טראַכט איצט אַזוי... און כדי אָפּצוּווענדן זיין ווייב פון אַזעלכע מחשבות, האָט ער געפונען פאַר נויטיק צו זאָגן איר עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל איר באַפרייען פון זיי.

ער האָט זיך גלייכגעזעצט, איינגעקוקט אין איר, און גענומען צו איר אַריבערעדן:

— הערסט פייגעלע, כ׳טראַכט מיר אַזוי: אָט, ווען אונדזער יואל־הערש וואָלט כאָטש געווען מיט אַ פינף־זעקס יאָר עלטער, וואָלט איך אים איינגאַנצן איבערגעגעבן די געשעפטן. מיר ביידע, מיין ווייב, וואָלטן אַריבערגעפאָרן קיין אָטוואָצק, זיך באַזעצט אין אַ שיינער וואַלדיקער ווילע, און שטיל, ווי „דזשאַדאַ ז׳ באַבאָן" — אָפּגעלעבט רואיק אונדזער ביסל יאָרן.

ער האָט אָבער באַלד באַדויערט דאָס, וואָס ער האָט איר געזאָגט. זיין פייגעלע נויטיקט זיך אין טרייסט, און דאָ טיילט ער איר צו, צו אירע, בסך־הכל, פינפאונפערציק יאָר בלויז „אַביסל" יאָרן דורכצולעבן ערגעץ אין אָטוואָצק... און ער אַליין? צו פינפאונפופציק יאָר איז ער שוין אַזאַ זקן, וואָס דאַרף אַוועקוואַרפן אַלע געשעפטן און זיך שטעלן אין דער ריי צום מלך המוות?... ער האָט געפילט, אַז זיינע ווערטער זענען נישט געקומען צוליבן דרוק פון זיין עלטער, נאָר מער צוליבן יאוש אין וועלכן ס׳האָט אים אַריינגעפירט די אַנטוישונג אין זיינע קינדער. מיט אַן אויפגעצוווּנגענער הייטערקייט, מיט וועלכער ער האָט געוואָלט אויך אָנשטעקן זיין ווייב, האָט ער ווידער אַמאָל גענומען צו איר אַריבעררעדן:

— וועסט זען, פייגעלע, וועסט מיט גאָטס הילף שנעל געזונט ווערן! ביסט נאָך גענוג יונג און וועסט נאָך האָבן נחת פון דיינע קינדער. ווייסט נישט — „יונגע יאָרן — נאַרישע יאָרן", — זיי וועלן עלטער ווערן, באַקומען מער שכל — וועלן זיי אַנדערש ווערן, און איך — אויך איך וועל דעמאָלט אַנדערש ווערן...

אַנשטאָט עפּעס ענטפערן אים, האָט פייגעלע בלויז אַ קרימלעכן שמייכל־געטאָן, און אַזוי, מיטן דאָזיקן שמייכל אויף איר פּנים, — אַריינגעפאַלן אין אַ לייכטן דרעמל.

די וואַגאָן־רעדער האָבן האַסטיק און איינטאָניק געראַלט אַלץ פאָרויס, און דער לאָקאָמאָטיוו האָט אומאויפהערלעך איינגעשלונגען די אַנטקעגנ־לויפנדיקע שטאָלענע רעלסן.

אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער פענצטער־וואַנט פון וואַגאָן, איז איטשע־מאיר אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער פאַרטראַכטקייט, וואָס האָט אים אַרויסגענומען פונעם „איצט“ און צוריקגעפירט אין דער מיט צוויי און צוואַנציק יאָר דערוויטערטער פאַרגאַנגענהייט:

ער זעט זיך אינעם הויז פון גרויסן לעדער־הורטאָווניק, ר׳ גבריאל פעלדשטיין. ס׳איז איינע פון די טראַדיציאָנעלע „דינסטיק־אָוונטן“. דער טיש אַרום איז באַזעצט מיט פאַרשידענע מענטשן, מיט ר׳ גבריאל פעלדשטיינען אויבן־אָן, און מען היצט זיך, מען אַמפּערט זיך איבער פאַרשידענע „וועלט־זאַכן“ וועגן וועלכע, ער, איטשע־מאיר האָט קיין שום באַגריף נישט. אויך גבריאלס טאָכטער, פייגעלע, נעמט אַ לעבהאַפטן אָנטייל אין די הייסע וויכוחים, און אויך אירע זאַגעכצער פאַרשטייט ער נישט, אָבער ער שלינגט דורשטיק איר יעדעס וואָרט, און זיינע אויגן קאָנען זיך נישט גענוג אָנקוקן צו איר רייפער פרויאישער שיינקייט... איבערן געדעקטן טיש פאַלט אַ יום־טובדיקע ליכטיקייט, וואָס ווערט אַלץ גרעסער און נעמט פאַרבלענדן זיינע אויגן. ער וויל זיך טיפער איינקוקן אין ר׳ גבריאל פעלדשטיינס טאָכטער פייגעלע, אָבער זי אַליין איז אַ שטיק פאַרבלענדנדיקע ליכטיקייט... און ער הערט בלויז איר אָנגענעמע שטים נאָענט נעבן זיין אויער:

— איטשע־מאיר! איטשע־מאיר! וואָס איז מיט דיר? דיין פייגעלע רעדט צו דיר און דו ענטפערסט נישט? נאָר אָט האָט דער וואַגאָן גענומען אונטערטאַנצן איבער קנופּן פון וועקסל־שינעס און אים אַרויסגעריסן פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט.

די ערב־האַרבסטיקע זון האָט אים געשיינט גלייך אין די אויגן אריין און פון דער אַנטקעגנדיקער אויסגעבעטער באַנק, האָט זיך געהערט אַ שטילער שוואַכער רוף: איטשע־מאיר! איטשע־מאיר! ער האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט און זיך איבערגעבויגן איבער איר. פייגעלע האָט קוים באַוועגט מיט די ליפּן, ווי זי וואָלט זיך געגרייט עפּעס צו זאָגן און — ווידער איינגעשלאָפן. איטשע־מאיר האָט גענומען אַרויסקוקן דורכן אָפענעם וואַגאָן־פענצטער. ס׳האָט זיך אים גענומען אויסדאַכטן, אַז דער

צוג שטייט כסדר אויף איין אָרט, און אַז נאָר די לאַנדשאַפטן לויפן פאַרביי פאַר זיין פענצטער. עס האָבן זיך פאַר אים געשפּרייט ריזיקע שטרעקעס פלאַכלאַנד, און אַ זיסלעך, איינשלעפערנדיקער ריח איז געקומען פון זיי צו די וואַגאָן־פענצטער. פון ווייטנס האָבן זיך לאַנגזאַם פאַרבייגערוקט שיפּועים פון בערגיקע הייכן אויף וועלכע עס זענען, ווי אויסגעשפּרייטע טעפּיכער, געלעגן פאַרשידנקאָליריקע לענגלעכע פירעקן. פון הינטערן פאַרביילויפנדיקן באַרג האָט זיך באַוויזן אַ שטיל דרעמלענדיק דאָרף מיט לאַנגע רייען ליימענע הייזלעך מיט שטרוי־געדעקטע שיפּע דעכלעך. און באַלד נאָך זיי — אַראָפּגענומענע תבואה־פעלדער, און ווייט אַוועק אויף אַ בערגל — אַ הילצערן קלויסטערל, און נישט ווייט פון אים — אַ ווינטמיל.

די תבואה־פעלדער און די ווינטמיל אויפן שפּיץ פונעם בערגל, האָבן איטשע־מאירן, מיטאַמאָל, דערמאָנט אָן מעל, אין זיין מסחר, אין זיין קראַנק ווייב וואָס ליגט דאָ אַנטקעגן אויף דער צווייטער באַנק, דערמאָנט אים אין זיינע קינדער און אין זיין נישט פריילעך הויז...

פייגעלע איז אויפגעקומען פון איר שלאָף. דערזען שטיין איר מאַן אין אַ טיפער פאַרטראַכטקייט אָנגעשפּאַרט ביים פענצטער, האָט זי גענומען זיך איינקוקן אין אים ווי זי וואָלט אים איצט צום ערשטן מאָל געזען: ניין, ווען נישט די גראָע האָר אין זיין באָרד, זעט ער נאָך אויס ווי אין די בעסטע יאָרן... זאָל ער זיין געזונט און שטאַרק !...

— ווערסט אפשר עפּעס נעמען אין מויל אַריין ? האַ, פייגעשי ?

— יאָ, כ׳וואָלט טאַקע עפּעס געגעסן — ס׳ציט מיך ביים האַרץ.

איטשע־מאיר האָט אַראָפּגענומען פונעם פּאָד אַ קליין וואַליזקעלע, אַרויסגענומען פון דאָרט א טערמאָס און אַ פּאַפּירן זעקעלע. אָנגעגאָסן אַ שעלעכל טיי, האָט ער עס איר דערלאַנגט מיט עטלעכע בישקאָפטן אויף אַ טעצעלע, צום מויל צו.

פייגעלע האָט זיך האַלב־אויפגעזעצט און גענומען לאַנגזאַם עסן. זי האָט אויך אויפגעגעסן אַ גרויסע ווייבאַרנע און אַ „קרימער״ עפּל, וואָס איטשע־מאיר האָט אָפּגעשיילט און איינגעשניטן אין פיר פערטלען.

פייגעלע האָט איצט אַרויסגעוויזן אַ בעסערן אַפּעטיט ווי אינעם קוראָרט און בכלל זיך געפילט בעסער.

— אָט אַזוי פּייגעשי, ווערסט אַ לייט! האָט איטשע־מאיר זי געגלעט מיט זיין פעסטער ברייטער האַנט איבער איר פייכטלעכן שטערן.

קוקנדיק מיט גרויס הנאה אויף איר געבעסערטן אַפּעטיט, און וועלנדיק זי אַביסל צעשטרייען, אַריינפירן אין אַ בעסערער שטימונג, האָט איטשע־מאיר גענומען אַליין אַפּשפּעטן פון זיך, איבער די גרויסע דאגות וואָס ער מאַכט זיך איבער זיינע קינדער, וואָס זענען נישט געגוי אַזוי, ווי ער וואָלט דאָס געוואָלט...

— הערסט פייגעלע — האָט ער זיצנדיק אויף זיין באַנק, זיך אריבערגעבויגן צו איר — אז כ׳נעם זיך גוט באַטראַכטן, זע איך איין, אַז נישט בלויז ביי איטשע־מאירן זענען נישט אַלע קינדער ווי פון איין קאַפּעטע־אַראָפּ און גייען נישט אין די וועגן, ווי ס׳איז געווען דער ווילן פון טאַטע־מאַמע. — הערסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, ס׳איז בכלל די לעצטע צייט געקומען אויף דער וועלט אַ צעדרייעניש און א צעמישעניש... איך קוק זיך אַ סך מאָל צו און הער זיך איין וואָס עס קומט אַלץ פאָר אין אַנגעזעענע יידישע הייזער אין וועלכע עס קומט מיר אָפּט אויס צו פאַרקערן. כמעט אין יעדן הויז איז פאַראַן עפּעס אַן אַנדערע צרה, וואָס ווערט פארשטעלט און באַפּוצט פאַר פרעמדע אויגן — ס׳איז אין ערגעץ נישט אַלץ אַזוי אַי־אַי, גלייך און גלאַטיק. אויף די פינגער קאָן מען ציילן די הייזער, ווו די קינדער גייען אין די דרכים פון זייערע עלטערן. נאָר אַזוי איז שוין די טבע פונעם מענטש — „שטענדיק טראַכט זיך, אַז ביי יענעם לאַכט זיך”... וואָס דאַרף מען ווייט גיין: לאָמיר נעמען דיינע אייגענע ברידער. איך מיין אַז זיי האָבן שוין אַלע באַקומען איין און דעם זעלבן חינוך — און נאָך וואָס פאַראַ חינוך! און לסוף — קיין איינער איז נישט געווען אַזוי ווי דיין טאַטע האָט עס געוואָלט, און יעדער איינער פון זיי, איז געבליבן שטעקן אין אַן אַנדער וועלט.

— אָט נעם צום ביישפּיל דיין יונגסטן ברודער, נפתלי. ער איז טאַקע אַ גימנאַזיע־לערער, אַ פריידענקער, אַ וועטערינאַריער — האַ? וואָס זאָגסטו? אַ ווע־גע־טער־יאַנער, און צום צולאָג, ווי דו רופסט עס דאָרט אָן, אַ „קאָמסאָפאָליט” — האַ? ווידער נישט ריכטיק? קאָס־מאָ־פּאָ־ליט? נו גוט, נישט וויכטיק ווי אַזוי מען רופט עס, אָבער צו ר׳ גבריאל פעלדשטיינען מיין איך, איז עס נישט ענלעך. איצט נעם למשל דעם עלטערן ברודער שלמהן. געגאַנגען אין „ניווערסיטעט” און געענדיקט

אויף אַלע פילאָזאָפיעס מיט אַן איינגערעמלטן „דיפלאָן“ און — לסוף האָט ער חתונה־געהאַט, גענומען אַ פּעטן נדן און געעפנט אַ גרויס מאַנופאַקטור־געשעפט. איצט הענגט דער „דיפלאָן“ אין דער „סאַליע“ און ער זאָגט, אַז פון אַלע פּאַרטייען, האַלט ער בלויז פון אַ „פּאַרטיע“ גוטן ענגלישן „גאַרבאַרדין“ אָדער „מאַנטשעסטער“, און אַז די וועלט שטייט אויף דריי זאכן: „געלט, געלט און ווידער געלט“ — צי איז ער מיט עפּעס ענלעך צו דיין טאַטן, עליו השלום? — כ'מיין, אַז נישט. איצט צבי, דער ליבלינג פון דיין טאַטן, עליו השלום, וואָס ער האָט אים געוואָלט אַריינציען אין דער לעדער־בראַנזשע. ער איז גאַר געוואָרן דאָקטאָר־מעדיצין און טראָגט אַ קליין גאָלדן מגן־דודל אין לאַץ. וועגן אים דערציילט מען דאָך עפּעס וווּנדער. מען זאָגט, אַז ער היילט אַ סך קראַנקע אָן רפואות; אַז קוים קומט ער אַריין צו אַ קראַנקן ביי וועמען עס הענגט אין שטוב דאָקטאָר הערצלס פּאָרטרעט, איז אָנשטאָט צו אונטערזוכן און אויסהערן דעם חולה, לאָזט ער זיך אַריין מיט אים אין אַ שמועס וועגן הערצלען און ציוניזם, פאַרגעסט צו פאַרשרייבן אַ רפואה און — דעם קראַנקן ווערט בעסער. איצט, פאַרוואָס זאָל איך שוין אויך נישט דערמאַנען דיין עלטסטן ברודער בן־ציונען? האָט דען נישט דיין טאַטע געגלויבט, אַז אָט דער זון וועט אים איבערשטייגן? — און וואָס איז געווען דער סוף, — האָט ער אין „פינפטן יאָר“, ווען עס זענען געווען די „ראַזרוכעס“ — אים באַגנבעט, צעטיילט דאָס געלט צווישן די „סטרייקערס“ און „קעמפּערס“, און כדי ער זאָל אין אַ העלן מיטוואָך נישט דאַרפן גיין אויף סיביר — האָט אים נאָך דער טאַטע דיינער, עליו השלום, צוגעגעבן געלט ער זאָל אַוועק קיין אַמעריקע...

איטשע־מאיר האָט זיינס דערגרייכט. פייגעלע האָט האַלב־ליגנדיק, מיט אַ שמייכל אויף איר געפּאַלדעוועטן פּנים, מיט פאַרגעניגן זיך צוגעהערט ווי שיין איטשע־מאיר שילדערט דאָס אַלץ, אָבער די גוטע שטימונג אירע האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן.

— איטשע־מאיר! — האָט זי מיט אַ שוואַכער אויסגעצויגענער שטים אים פלוצלינג איבערגעריסן דאָס רעדן.

— וואָס ווילסטו פייגעלע? — האָט איטשע־מאיר זיך האַסטיק צוגעבויגן צו איר.

— זעץ זיך אָט דאָ אַוועק — האָט זי אים אָנגעוויזן מיטן קאָפּ אויף

דער באַנק נעבן זיך. כ׳האָב מיט דיר געוואָלט וועגן עפּעס רעדן, איטשע־מאיר. הער, — האָט זי אָנגעהויבן שטיל און סודותדיק: לויט ווי איך קאָן דעם כאַראַקטער פון אונדזער וויגדערן, וועט ער שוין נישט לאָזן שטיין דעם שוסטערס טאָכטער — און איך... איך ווייס נישט וואָס דער מאָרגן קאָן זאָגן — כ׳וואָלט נאָך געוואָלט אונדזער עלטסטן זון צו דער חופּה פירן.

— אַזאַ איידל קינד — וואָלט ער כאָטש אויסגעזוכט אַן אַנדערע מלאכה, אַ שטייגער: אַ צושניידער, אַ גראַווירער אָדער גאָלדשמידט... און ווען שוין יאָ אַ שטוב־מאַלאַזש און אויב שוין יאָ אַן אַרבעט־מיידל — איז פאַרוואָס דווקא „וועלוול סמאָלעס" טאָכטער? — נו יאָ, וואָס איז שוין דאָ איצט צו רעדן — אַזוי איז עס געשען! אָבער דו ווייסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, מיין מאַן, אַז מען זאָל זיך גוט אַריינטראַכטן, איז סוף־סוף דער גאַנצער „יחוס־שפּיל" איין גרויסע נאַרישקייט — ספּעציעל פון אונדז. אויך די מאַמע מיינע האָט דערויף נישט געקוקט — און ווי דו ווייסט — אויך נישט איך...

— אַזוי איז עס טאַקע, פייגעלע. כ׳האָב נישט איינמאָל וועגן דעם געקלערט — ווי קום איך צו טראַכטן וועגן יחוס!...

דער מערבדיקער הימל־ראַנד האָט זיך געלאָשן אינעם רויט־פּיאָלעטן אָפּשיין פון דער פאַרשווונדענער זון הינטערן האָריזאָנט, און אַ געדיכטער אָוונט־גראָ האָט גענומען פאַרווישן די אַרומיקע פעלדער און דערפער. מיט ברענענדיקע גרויסע מאָנסטער־אויגן האָט דער שנעלצוג זיך געשניטן פאַרויס אין דער ריכטונג צו די אין־דער־ווייט אויפבליצנדיקע פייערלעך, וואָס האָבן פאַרפירעריש געווונקען און פאַרבעטן צו זיך.

איטשע־מאיר האָט גענומען אַריינלייגן אין די וואַליזקעס די פלעדן מיט די קישעלעך און אַלע איבעריקע קלייניקייטן. ארויפגעצויגן מיט אַ קרעכצן און זיפצן, די שיך — האָט זיך פייגעלע לאַנגזאַם אויפגעשטעלט און איטשע־מאיר האָט איר געהאָלפן אָנטאָן איר לייכטן האַרבסט־מאַנטל. אויף די וועקסל־שינעס האָט דער וואַגאָן גענומען אַנטערטאַנצן. דער שנעלצוג האָט אָנגעהויבן האַמעווען זיין געלויף, און נאָך געציילטע מינוטן, האָט ער אַריינגעגליטשט און זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט פאַרן העל־באַלויכטענעם „ווינער וואָקזאַל" פון דער שטאָט וואַרשע.

11

דער הארבסט האט זיך פרי געשטעלט. עטלעכע טעג נאך איטשע־מאירס און פייגעלעס אהיימקומען, האבן בליי־גראע וואלקנס, נישט איבערלאזנדיק צומאל א ליכטיק שפעלטל, ווי מיט א פאנצער פארצויגן דעם הימל. עטלעכע מעת־לעת נאכאנאנד איז געפאלן א קאלטער רעגן. אבער פריידעלע, אן אויפגעלייגטע פון דער מיסיע וואס פייגעלע האט אויף איר ארויפגעלייגט, האט נישט געקוקט אויף איר לאמען פוס, נישט אפגעפילט, נישט דעם ווייטן דורכגעמאכטן וועג צו וויגדערן אויף זיין נייעם אדרעס, און אויך נישט דעם קאלטן הארבסטיקן רעגן, וואס האט ווי מיט ריטער געשמיסן אין איר פנים.

פריידעלע האט געוווסט, וועגן וואס פייגעלע הייסט איר רופן צו זיך וויגדערן. פאר איר, זענען אין דעם הויז נישט געווען קיין סודות. געווען זאכן וועגן וועלכע די קינדער האבן נישט געדארפט וויסן. געווען אפילו זאכן, וואס איטשע־מאיר האט אויסבאהאלטן פאר פייגעלען, אדער פאר־קערט, אבער פאר פריידעלען איז גארנישט פארהוילן געווארן. פריידעלע איז דאסמאל אריינגעקומען צו וויגדערן פריילעכער ווי אלעמאל. זי האט מיט נייגער זיך ארומגעקוקט איבערן פריש - אויסגעמאלטן צימערל, איבער דער „אויסמעבלירונג" און די קלאר־געוואשענע, נאך פייכטלעכע פאדלאגע־ברעטער.

אויסדרייענדיק דעם קאפ אויף צוריק, האט פריידעלע, ביי דער טיר זיך אנגעטראפן מיט א שטוינענדיקן בליק פון לייטשען, וואס איז געזעסן אויף א טאבורעטקע נעבן ברענענדיקן אייזערנעם אייוועלע, און געהאלטן דעם ווייז־פינגער צווישן די בלעטער פונעם צוגעלייגטן ביכל, וואס זי האט, זעט אויס, געהאלטן אין מיטן לייענען.

נאך איידער וויגדער האט באוויזן א זאג טאן צו ביידן: זייט באקאנט — אויב איר דערקענט זיך נישט — האט שוין פריידעלע פעסט געדריקט לייטשעס האנט און אינטים אויסגערופן: אך, לייטשע! שוין א לאנגע צייט נישט געזען! ווי שטארק דו... איר... האט זיך געענדערט! — מען וווינט אין איין גאס, סך־הכל אפגערוקט מיט עטלעכע הייזער, און מען זעט נישט קיין דאאיקע מענטשן אזא לאנגע צייט! — כ'האב אבער געטראכט אז כ'וועל דיך... אייך... דא באגעגענען...

— וואס פארא דו, איר, דיך, אייך? — האט וויגדער א הייטערער, א פרעג־געטאן פריידעלען.

— אָט בין איך, דאַכט זיך מיר, אַ קאָפּעטשקע ייִנגער פון דיר, און פונדעסטוועגן זאָג איך איר „דו״... מעגסטו עס אוודאי טאָן!

פריידעלע און לייטשע האָבן זיך הויך צעלאַכט.

— טו אויס דעם מאַנטל, פריידעלע, און הענג אים אויף נעבן איזועלע אויסצוטריקענען. וויגדער האָט איר געהאָלפן אַראָפּציען דעם דורכגענעצטן מאַנטל, און אײדער וואָס און ווען — זי געבעטן אים מוחל זײַן, און פֿאַרשווינדנדיק שנעל הינטער דער טיר — זיך אַראָפּגעלאָזט פון אַלע טרעפּ.

ווי אַן אייגענער מענטש אין וויגדערס צימערל, האָט לייטשע אַראָפּגענומען פון אַ קליינער פּאָליצקע עטלעכע גלעזער מיט טעצלעך, אַרײַנגעשיט אין אַ קליין פּאַיאַנסן־טשייניקל טרוקענע טיי, אָפּגעווישט די נייע צעראַטע פונעם קיך־טישל, און צוגעוואָרפן עטלעכע שטיקלעך קוילן אין איזועלע.

פריידעלע האָט זיך איינגעקוקט אין איר יעדן באַוועג. אין איר עטוואָס פולער פיגור מיטן קלאָרן רונדלעכן פּנים, אין אירע געדיכטע שאַטינע האָר, וואָס זענען אויף איר פולן נאַקן געווען פֿאַרלייגט אין אַ גרויסן, דיקן גרעק, און — זי האָט אויסגעפונען, אַז לייטשע איז אַ באַחנט און רירעוודיק מיידל און זעט אויס צו זײַן אויך געלערנט און באַלעזן.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי וויגדער איז אַרײַנגעפאַלן ווי אַ דורכגעווייקטע קאַץ און אָפּערגענומען פון הינטערן מאַנטל אַ פול פּאַפּירן זעקל מיט נאָך־וואַרעמע שמעקנדיקע קעז־קיכלעך. מען האָט „געדעקט צום טיש״, געגעסן און געטרונקען. פון דער הייסער טיי און פון דער ליבער וואַרעמקייט, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס שטיבל, האָבן זיך ביי אַלע דרייַ די פּנימער גערויטלט. וויגדער האָט אין הייטערקייט גענומען דערציילן קאָמישע עפּיזאָדן וועגן זיינע ערשטע טריט וואָס ער האָט געמאַכט אין מאָלער־פאַך אַלס „לערניונג״; דערציילט פאַר זיי, וויפל מאָל ער איז אַראָפּגייענדיק פון דער לייטער, אַריין מיט אַ פוס אין אַ פולן עמער פאַרב, אָדער וויפל מאָל ער האָט פונעם העכסטן שטאָפּל אַראָפּגעלאָזט אַן עמער פאַרב, וואָס האָט פאַלנדיק מיט אַ טראַמאַסק אויף דער פּאָדלאָגע, באַשפּריצט ביזן סופית־אַרויף — די ווענט פון אַ כמעט שוין פאַרענדיקטן צימער... ער האָט אויך געשילדערט ווי אַזוי און וויפל פענצטער־שויבן און קיך־געשיר ער האָט צעבראָכן אין זיינע ערשטע לערן־וואָכן —

נישט פאַרגעסנדיק אויך צו שילדערן דערבײַ, די קאָמישע ווייבער־טיפּן, מיט וועלכע עס קומט אים אויס כסדר צו האָבן צו טאָן און אויסצושטיין זייערע משונהדיקע פאַרלאַנגען און קאַפּריזן.

פריידעלע און לייטשע האָבן פון וויגדערס שילדערונגען געלאַכט ביז טרערן און שיער פון די בענקלעך נישט אַרונטערגעפאַלן.

וויגדער האָט שוין עטלעכע מאָל באַמערקט ווי פריידעלע וואַרפט פון צייט צו צייט אים צו אַ זייטיקן בליק און מאַכט דערבײַ אַזעלכע מויל־באַוועגונגען פון וועלכע ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וויל אים עפּעס איבערגעבן, אָבער זי ווייסט נישט, אויב זי דאַרף עס זאָגן אין לייטשעס קעגנוואַרט.

— פרייד'עלע — האָט ער הויך אַ זאָג־געטאָן — איך זע אַז דו האָסט מיר עפּעס צו זאָגן אָדער צו פרעגן, אַרויס דערמיט! צווישן מיר און לייטשען זענען נישטאָ קיין סודות!

— האָסט געטראָפן וויגדערשי. די מאַמעשי איז מיט אַ וואָך צוריק צוריקגעקומען פון קוראָרט אין טשעכאָסלאָוואַקיע. זי האָט מיך ספּעציעל אַהערגעשיקט צו דיר. — דו מוזט דורכאויס אַרויפגיין צו איר — ס'איז וועגן אַ וויכטיקן ענין, דיינס אַן ענין — אין גאַס וועסטו זי אַזוי שנעל נישט טרעפן. זי פילט זיך איצט אַ סך שוואַכער ווי פאַרן אַרויספאָרן.

וויגדער איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער, מיט אַ שולד־געפיל אין האַרץ. אַנטרעפנדיק זיך מיט לייטשעס בליק, האָט ער זיך פאַררויטלט און הויך געזאָגט:

— וואָס פרעגסטו, פריידעלע, כ'וועל באַשטימט אַרויפגיין — כ'האָב גאָר אַנדערש נישט געטראַכט, וועמען דו וואָלסט מיר אַפילו נישט דערמאָנט וועגן דעם — כ'האָב אָבער נישט געוווּסט, אַז די מאַמע איז שוין צוריק־געקומען.

אויף צומאָרגנס האָט וויגדער, אַראָפּגייענדיק פון זיין באַזוך ביי די עלטערן, זיך אָנגעטראָפן מיט לייזערקען אין טויער פונעם הויז. דאָס באַגעגענען זיך איז געשען אויף אַזאַ אופן, אַז זיי האָבן זיך נישט געקאָנט אויס־מיידן. ביידע האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זיך באַגריסט מיט אַ קאַלטן „גוט־אָוונט", און אויף יוצא־זיין, האָט לייזערקע געפרעגט וויגדערן ווי עס גייט אים אין דער אַרבעט ביים שטובן־מאָלעריי, און וויגדער אים, דעם יונגערן

ברודער — ווי עס גייט אים אין זיין שטודירן אויפן וואַרשעווער פּאָליטעכ־ניקום.

ווי געצוווּנגען זייער שמועס איז נישט געווען, זענען זיי ביידע, ווי בעת יעדער צופעליקער באַגעגעניש, אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ קורצן, אָבער שאַרפן וויכוח.

ווי יעדעס מאָל, האָט לייזערקע אָנגעהויבן אַטאַקירן וויגדערן מיט זיין סאָציאַליזם, וואָס איז טאַקע אַ גרויסע דערהויבענע אידעע, אָבער נאָך זיין מיינונג, — נאָך אַ גרעסערע אוטאָפּיע, וואָס וועט קיינמאָל נישט פאַרווירק־לעכט ווערן... ווייל... ווייל לויט דעם געזעץ פון דער נאַטור, וועלן די מער פּעאיקע, קלוגערע און שטאַרקערע, שטענדיק שאַפן פאַר זיך בעסערע לעבנס־באַדינגונגען. לייזערקע האָט דערביי, פאַראיינוועגס, נישט פאַרגעסן, ווי יעדעס מאָל, אָפּצושפּעטן פון וויגדערס ארץ־ישראל־חלום, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, נישט קיין קלענערע אוטאָפּיע ווי זיין סאָציאַליזם... דאַרפסט פאַרשטיין — האָט לייזערקע זיך געהיצט — אַז אויסגעטרוקנטע וואַרצלען פון אַן אויסקאַרעניעטן בוים פון פאַר צוויי טויזנט יאָר צוריק לאָזן זיך נישט מער אויפלעבן און באַפרוכפּערט ווערן. און וואָס שייך די יידן ביי אונדז, קאָן איך דיר זאָגן אָט־וואָס: נישט דער בונדישער סאָציאַליזם און נישט אייער סאָציאַליזם געפּאָרט מיט ציוניזם, וועלן האַמעווען דעם וווּקס פון אַנטיסעמיטיזם און אָפּשוואַכן די פיינטלעכע באַציאונגען פון דער אַרומיקער פּוילישער געזעלשאַפט צו זייערע יידישע שכנים. דאַרפסט נישט פאַרגעסן, וויגדער, אַז די יידן מיט זייער מאַכן שבת פאַר זיך, מיט זייער פאַנאַטישער עקשנות, נישט צו וועלן ווערן ענלעך צו דער מערהייט פונעם לאַנד, צו די, צווישן וועמען זיי לעבן, ציען פון זיי זייער חיונה — זענען אַליין די טרעגער און פאַרשפּרייטער פון ווידערווילן און האַס קעגן זיך...

בעת לייזערקע האָט גערעדט, האָט וויגדער אַזש געציטערט פון אויפרעגונג, און ער האָט אין געדאַנק זיך געפרעגט: „זאָל אָט דאָס פרעמדע געוויקס פון זייער הויז, דער יונגער שניעק מיטן שאַרף־אויפגעריסענעם נעזל און פאַרריסענער חוצפה, זיין אים אַ ברודער״?... פאַר כעס און בושה, האָט אים דאָס פּנים געברענט ביז איבער די אויערן, און קוים באַהערשנדיק זיך, האָט ער אים לסוף איבערגעריסן מיט אַ שאַרפן וואָרף מיט דער האַנט: — געַנוג! אָט אין דעם וואָס דו פּרעדיקסט — ליגט שוואַכקייט, אָפּאָרטוניזם און זעלבסט־פאַרלייקענונג. אויך דאָס איז

אַ „מה יפית־טאַנץ״, נאָר פון אַ מאָדערנעם שניט... אויב יענער „מה יפית־טאַנץ״ איז געקומען פון צוואַנג — טאַנצט דו אים פרייוויליק, און וואַרפסט דיין נאַציאָנאַלן כבוד און מענטשן־שטאָלץ — פאַר די פיס פון די „פריצים״. כ׳וואָלט דיר אויף אלעם נאָך אַ סך געענטפערט, לייזערקע, כ׳מיין אָבער, אז ס׳איז צוועקלאָז מיט דיר ווייטער צו דיסקוטירן. די צייט איז דער בעסטער לערער. כ׳וועל דיר נאָך אָט וואָס זאָגן: — שטופּ זיך נישט, אַפילו מיט דיין גוייש נעזל, צו פרעמדע טירן. דו קאָנסט דאָרט, אין בעסטן פאַל, ווערן געדולדעט, אָבער קיינמאָל נישט גוט־געזען... — ווייל סוף כל סוף ווילן זיי אויך נישט, אז דו זאָלסט זיך צו זיי אַריינרייסן און פאַרפּעסטן מיט דיין אַנוועזנהייט דאָס פּוילישע הויז...

12

געשען איז עס פאַרנאַכט־צו אַ דריי וואָכן נאָך חנוכה.

ר׳ איטשע־מאיר האָט זיך געקליבן גיין מיט פייגעלען צו איר דאָקטאָר מיט וועמען מען האָט טעלעפאָניש באַשטימט א וויזיט צווישן פיר און פינף אַזייגער. ווען זיי זענען שוין בײדע געשטאַנען אָנגעטאָן און גרייט צום אַרויסגיין פון שטוב, האָט זיך דערהערט אַ קלונג ביי דער פראָנט־טיר און די קעכין האָט אַריינגעבראַכט אַ רעקאָמענדירטן בריוו. איטשע־מאיר וואָס האָט צום ערשטן אַ קוק־געטאָן אויף דער צווייטער זייט קאָנווערט, אויפן „אָפּזענדער״ — האָט פון פרייד אזש אַ געשריי־געטאָן: פון אסתרלען! פון סיביר! און — מיט ציטערנדיקע פינגער אויפגעריסן דעם קאָנווערט, און ביי אָן איינגעהאַלטענעם אָטעם פון פייגעלען, פריידעלען און דער קעכן — גענומען פאַמעלעך לייענען:

„ווי שווער ס׳איז פאַר אַ מענטש זיך אַרומצוטראָגן אַליין מיט גרויסע פרייד, איז נאָך שווערער פאַר אים, זיך אַרומצוטראָגן אַליין מיט אַ גרויסן טרויער... — אין ביידע פאַלן קאָן מען זיך טיילן בלויז מיט געציילטע, נאָענטע מענטשן. פאַר וועמען, אויב נישט פאַר אייך, ליבע עלטערן, און פאַר דיר טייערע פריידעלע, קאָן איך אויסגיסן מיין גרויסן צער און טיפן טרויער, נאָכן טויט פון מיין אומפאַרגעסלעכן, ערלעכן און גוטן מאַן. צוויי וואָכן נאָכן באַקומען אייער לעצטן בריוו, איז ער געשטאָרבן פון אַ לונגען־קראַנקהייט. די טעג פאַר איך איבער מיט ביידע קינדער אין דער סיבירער שטאָט אירקוטסק, וווּ דאָס לעבן איז אַ סך לייכטער און באַקוועמער. מיין אויפהאַלט אין אירקוטסק, וועט זיין א צייטווייליקער, ביז פרילינג. כ׳האָף

אַז אין חודש מאי וועל איך ווידער זיין מיט אייך אין וואַרשע און האָבן די מעגלעכקייט מינדלעך אייך איבערצוגעבן וועגן אַ סך זאַכן, וואָס זענען אוממעגלעך צו באַשרייבן זיי אין אַ בריוו. כ'וואָלט שוין געווען צוריקגעקומען, אָבער כ'קאָן זיך נישט לאָזן אין ווינטער מיט צוויי פּיצלעך קינדער אין אַזאַ וויטן וועג. וואָס מאַכט איר אַלע אין געזונט? צי פילט זיך שוין די מאַמע בעסער? ווי גייט עס וויגדערן? וואָס טוט יואל־הערש און ווי גייט עס מיט לייזערקעס שטודירן? כ'דאַנק דיר טאַטעשי פאַרן צוגעשיקטן געלט. פאַרבלייבט געזונט! כ'קוש אייך אַלעמען. אייער טאָכטער אסתר.

פּ. ס. אויב די קעכין פערעלע געפינט זיך נאָך ביי אונדז, גיט איר איבער אַ האַרציקן גרוס פון מיר."

פאַרענדיקט לייענען דעם בריוו, האָט איטשע־מאיר עטלעכע מאָל דורכגעקעמט מיט די פינגער די באָרד און אַ זאָג־געטאָן מיט אַ זיפץ:

— כ'האָב אים געקענט נאָר אַ צוויי שעה — אַ שאָד אַ מענטש...

פייגעלע איז שוין גרייט געווען אויפצוגעבן דאָס גיין צום דאָקטאָר. זי האָט מיט איינמאָל פאַרגעסן אָן אירע ווייטיקן. אַלע אירע געדאַנקען זענען איצט געווען פאַרנומען ארום איר אסתרלען. זי איז אזוי געווען פאַרשוווּמען אין אירע טראַכטענישן, אַז זי האָט נישט געפילט ווי איטשע־מאיר האָט אויף איר אַרויפגעצויגן דעם ווינטער־מאַנטל, און ערשט, ווען ער האָט זי אַ רוף־געטאָן — קום, וואָס האָסטו זיך עפּעס אזוי פאַרגאַפט? — האָט זי אים פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט און געזאָגט: — הייסט עס, גייען מיר טאַקע.

דורכלאָזנדיק פאַר זיך די קעכין, וואָס איז געגאַנגען צוברענגען צום טויער אַ שליטן, האָט איטשע־מאיר, האַלטנדיק פייגעלען אונטערן אָרעם, זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט מיט איר פון די פראָנט־טרעפּ. דער געדיכטער שניי, וואָס האָט מיט אַ מעת־לעת פריער, אָן אויפהער געשיט, איז אונטער דעם בריענדיקן פראָסט וואָס האָט פּלוצלינג אַ כאַפּ־געטאָן, — געלעגן ווי אַ שטאָלענער פאַנצער צוגעקאָוועט צו די ברוקן און טראָטואַרן. מיט אַ פריילעך צעגלעקלען זיך, האָט דאָס שוואַרץ־גלאַנציקע פערדל מיט אייזצויטן אַרום דער מאָרדע און מיט אַ זעצנדיקער פאַרע פון די נאָזדרעס — ביים ערשטן בייטש־קנאַל פון דראָזשקאַזש — ווי אַ וויכער זיך אַ טראָגגעטאָן מיטן שליטן איבער די בלאָלעך־ווייסע גאַסן פון דער שטאָט.

פייגעלע האָט מיט איין האַנט זיך פעסט אָנגעהאַלטן אָן איטשע־מאירן, און מיט דער צווייטער פאַרשטעלט מיט דער קאַראַקולענער מופטע דאָס

מויל.ביידע האָבן אַ שטיק וועג קיין וואָרט נישט אויסגעביטן צווישן זיך — געזעסן און געשוויגן. אויך אין איטשע־מאירס מוח האָט זיך געפּלאָנ־טערט אַ קנויל פון געדאַנקען וועגן זיין צוריקגעפונענער טאָכטער. ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן זיין פאַרשטאָרבענעם איידעם, וועמען ער האָט בלויז געקענט, בסך הכל צוויי שעה צייט, און — ס׳איז אים געוואָרן דערפון שווער אויפן האַרצן... ער האָט ביי זיך געטראַכט: „איטשע־מאיר, דיינע אַלע געדאַנקען זענען איצט בלויז פאַרנומען מיט דיין אסתרלען, מיט דער פרייד וואָס דיין איינציקע טאָכטער וועט אין קורצן צוריקקומען צו דיר — אָבער, צי איז נישט פאַראַן מער קיין אָרט אין קיין שום קעמערל פון דיין מוח און אַ פּיצל אָרט אין דיין האַרץ, פאַר דערמאָנונג און צער פאַר אַ מענטש, וואָס מיט זיין טויט איז שטאַרקער געוואָרן דיין האָפענונג ווידער־צוזען דיין אסתרלען... פאַר אַ מענטש, וואָס איז געווען אַן ערלעכער און געטרייער מאַן צו דיין טאָכטער, וואָס וועט אים, אפשר קיינמאָל נישט פאַרגעסן?״ ער האָט געקייט אַ שפּיץ פון זיין פאַרגרויטער באָרד און געקוקט ווי פאַר זיך, אַון אויסדרייענדיק, פּלוצלינג, דעם קאָפּ צו זיין ווייב — אַ זאָג־געטאָן ווי צו זיך אַליין: זייער אַ שאָד דער מענטש... אַ גרויסער שאָד! — כ׳מיין אונדזער פאַרשטאָרבענער איידעם, זייער אַ ווילער מענטש געווען! — הלוואי וואָלט ער געלעבט און צוריקגעקומען צוזאַמען מיט אסתרלען. געדענקסט פייגעלע, ווי בעת דער חופה אין „פּאַוויאַק״, איז פון זיין צד, נישט געווען קיין טאַטע־מאַמע, נישט קיין ברודער און נישט קיין שוועס־טער?

— נו יאָ, — האָט פייגעלע געענטפערט מיט אַ זיפץ — געווען אַ קיילעכדיקער יתום, איינזאַם, ווי אַ „קאָלעק״... אָבער וואָס, איטשע־מאיר, וועט מען איצט רעדן וועגן פאַרפאַלענע זאַכן. מען דאַרף איצט אַ טראַכט־טאָן, ווי אַזוי וועט דאָס זיין מיט אסתרלען און ביידע קינדער.

דער שליטן האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט פאַרן טויער פון פייגעלעס דאָקטאָר אויף דער זלאָטע גאַס.

אין אַ „מזלדיקן דינסטיק״, איז אין דער אָנוועזנהייט פון אַ מנין נאָענטע משפחה־מענטשן, ביי א רב׳ל אינעם צווייטן עק שטאָט, פאָרגעקומען אין דער שטיל די חופה פון ר׳ איטשע־מאיר יעלניקס עלטסטן זון וויגדער מיטן שוסטער „וועלוול סמאָלעס״ טאָכטער, לייטשע. באהאלטן פון פרעמדע

זייטיקע אויגן, זענען אין דער אָונט־פינצטערניש, די נאָענטע משפּחה־מענטשן פוןביידע צדדים, איינגעשטיגן אין צוויי באַזונדערע דראָזשקעס מיט אַראָפּגעלאָזטע בוידן, און אַראָפּגעפאָרן צו דער חופּה.

צווישן די נאָענטע משפּחה־מענטשן, האָבן זיך אויף די דראָזשקעס נישט געפונען, נישט יואל־הערש און נישט לייזערקע. יואל־הערש האָט פּלוצלינג דערפילט נאָכמיטאָק, אַז ער האָט קאַפּוויטיק און פיבערט... און לייזערקע האָט לכתחילה דערקלערט, אַז דער ענין „יעלניק־וועלוול־סמאַלע״, איז אים דערווידער... און איבעריקנס, וועט ער דעם טאָג, צוליב וויכטיקע אָנגעלעגנהייטן, נישט זיין אין וואַרשע...

ביים רב׳ל האָט ר׳ איטשע־מאיר, מעשה מחותן, געפּרוווט אַרויסבאַקו־מען פון זיך כאָטש אַן אָפּשיין פון אַ צופרידענעם שמייכל... פייגעלע, אַ בלאַסע, האָט מיט א קרענקלעכן בלאַנדזשענדיקן בליק און מיט אַ מוטער־לעכע צופרידנקייט, געשמייכלט צו חתן־כלה און, באַהאַלטן געווישט די טרערן, וואָס האָבן זיך איר געקייקלט איבערן אויסגעמאָגערטן, פּריצייטיק־געעלטערטן פּנים.

ווידגער און לייטשע האָבן זיך געהאַלטן פּשוט און פריי, ווי עס פּאַסט פאַר אַזעלכע, וואָס פאַרשטייען, אַז נישט אין אָט דער גאַנצער צערעמאָניע ליגט דער כוח, וואָס פאַרבינדט צוויי מענטשן... נישט מער — מען טוט עס פאַר טאַטע־מאַמע און „פאַר דער וועלט״...

מיט אַ פּריש־אַרומגעשווירענעם אַש־גראָען קאָפּ און באָרד, און מיט אַ רויט־צעהיצט פּנים פון דער נישט לאַנג־געקומענער שוויצבאָד, האָט מיט נישט־דרייסטע, פאַרזיכטיקע טריט זיך אַרומגעדרייט „וועלוול סמאַלע״, פון וועמענס „שטוטשקאָווע״ הויזן און שוואַרצער מאַרינאַרקע מיט זיידענע „ווילאָגן״, האָט זיך געשפּירט א פלעשנע טוכלעקייט און אַ ריח פון נאַפּ־טאַלין... מיט זיינע וואַסערדיקע אויגן און מיט זיין עטוואָס־אַריבערגעבוי־גענער פיגור — פונעם זיצן עטלעכע און דרייסיק יאָר אויפן דריי־פיסיקן שוסטער־בענקל — האָט ער אויסגעזען ווי אַ מענטש וואָס איז שטענדיק גרייט יענעם צו באַדינען און בעטן אַנטשולדיקונג. יעדעס מאָל וואָס זיינע אויגן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט איטשע־מאירס אָדער פייגעלעס, האָט ער זיי, פאַרלעגן, האַלב אַרונטערגעלאָזט, ווי ער וואָלט זיך געפילט שולדיק קעגן דעם אַלעם וואָס עס קומט דאָ איצט פאָר.

געזען ווי „וועלוול סמאַלע״ דרייט זיך אַרום ווי אַ פאַרלוירענער און

ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך, האָט אים איטשע־מאיר מיט אַ דערמוטנ־דיקער שטים אָנגעוויזן אויף דער באַנק נעבן זיך:

— זייט אַזוי גוט, מחותן, זעצט אייך אָט דאָ אַוועק!

— אַ דאַנק אייך, הער יעלניק! — האָט „וועלוול סמאָלע״ געטאָן זיך אַ טיפֿן פֿאַרנויג, און אַ שמייכל פֿון פֿאַרלוירנקייט איז געבליבן הענגען אויף זיין באַלייגט פּנים מיט גרויסע זומער־פּלעקן.

— נו, ווי גייט עס אייך מחותן? — האָט איטשע־מאיר, ווענדיק אים אַרויספֿירן פֿון זיין פֿאַרלוירנקייט — געפֿרעגט מיט אַ משפּחהדיקן טאָן.

— וואָס הייסט, הער יעלניק? — האָט „וועלוול סמאָלע״ געענטפֿערט מיט אַ שולד־געפּיל — וואָס האָבעך געקאָנט טאָן? — היינטיקע קינדער הערן עפּעס טאַטע־מאַמע?...

איטשע־מאיר האָט פֿונעם מחותנס ענטפֿער אַריינגעשמייכלט אין זיין באָרד אַריין, און לייטשע, וואָס איז געזעסן ביי דער צווייטער זייט טיש, — האָט הערנדיק ווי איר טאַטע האָט זיך דאָס פֿאַרלוירן פֿאַרן גבירישן מחותן, זיך באַגאָסן מיט אַ קאַרמאַזין־רויטקייט, און פֿון בושה נישט געוווּסט ווו אירע אויגן אהינצוטאָן.

דער היפּוך פֿון „וועלוול סמאָלע״ איז געווען די מחותניתטע, זלאַטקע. אַ באַהאָנגענע מיט אימיטאַציע־ביזשוטעריע, איז זי מיט זעלבסטזיכערקייט געזעסן מיטן פֿריש־קאַרבירטן שייטל אויפֿן קאָפּ, אַרומגענומען מיט אַ שוואַרצער סאַמעטענער סטענגע. פֿון דער ערשטער מינוט ווי מ׳האָט איבערגעטרעטן די שוועל פֿונעם רב׳ל, האָט זי האַרט נעבן פֿייגעלען, ווי אַ גלייכע מחותנתטע, זיך צוגעזעצט און פֿריי זיך אונטערגעהאַלטן מיט איר.

דערזען ווי ס׳טראָגט ווער אַ פֿול קויבערל מיט גוטע זאַכן צו „דעקן דעם טיש״, איז דאָס רב׳ל, נישט געקוקט אויף זיין צוויילן זיך — פֿאַר־שוווּנדן געוואָרן פֿון שטוב און צוריקגעקומען מיט עטלעכע אָרעם־גע־קליידטע יידן. די אַריינגעקומענע האָבן זיך גענומען פֿאַרען מיטן צובינדן אַ פֿיר־עקיק שטיק אויסגעריבענעם פֿליוש צו פֿיר דרענגלעך, — בעת איינער איז געווען פֿאַרנומען מיט אָנצינדן אַ גרויסע קאַר־ביט־לאָמפּ, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט. די רביצן האָט מיט אַ שפּיץ פֿון איר געשטרייפֿטן פֿאַרטוך אָפּגעווישט דעם גרויסן ברעטער־טיש און געוואָלט אַרויפֿלייגן

אירס אַ לאַנג ליילעך... נאָך פּערעלע, די קעכין פון די יעלניקס, האָט דער־זענדיק דאָס, אַרויסגענומען פונעם מיטגעבראַכטן קויבערל אַ ווייס טיש־טוך און עס אויסגעשפּרייט אויפן טיש.

לייטשעס יונגערע שוועסטער און פריידעלע מיט דער קעכין, האָבן אָנגעצונדן קאַלירטע ליכטלעך, ס׳האָט זיך דערהערט דעם רב׳לס מסדר־קידושין־זיין חתן־כלה, וויגדערס גלאָטיקער „הרי את״, אַ בראַזג פון אַ צעטראָטענעם כוס און אַ ווינטשן זיך מזל־טוב. לייטשעס מאַמע, זלאַטקע, האָט ביים קושן זיך מיט די מחותנים, געווונטשן פייגעלען אַ שנעלע רפואה שלמה און... אַ ליכטיקן גן־עדן אויף יענער וועלט... און „וועלוול סמאָלע״ האָט זיך אָנגענומען מיט כוח, אריינגעשטופּט זיין מאָזאָליקע האַנט מיט די צעקרומטע ברוינלעכע נעגל אין איטשע־מאירס ווייסער, ווייכער האַנט. ווען ער וואָלט אין דער רגע נישט דערפילט אויף זיך לייטשעס שטרענגן בליק — איז ער גרייט געווען מיט זיינע וואַסערדיקע אויגן און איבערגע־בויגענער פיגור, זיך צו אנטשולדיקן פאַר איטשע־מאירן, פאַר דעם וואָס עס איז דאָ היינט פאַרגעקומען. ער האָט בלויז, מיט אַן אונטערטעניקן שמייכל א זאָג־געטאָן: — מזל־טוב, איך הער יעלניק! און פייגעלען — דער־לאַנגט די פינגער פון דער האַנט, און א צעטראָגענער — צוגעגעבן: מיר זאָלן האָבן נחת, מחותנתטע.

קוים פאַרביי דריי וואָכן נאָך וויגדערס חתונה — האָט פייגעלע נישט געקאָנט מער פאָרן צום דאָקטאָר, און דער דאָקטאָר איז געוואָרן אַן אָפּטער איינגייער אין הויז פון די יעלניקס.

פייגעלע, א צוגעשמידטע צום בעט — האָט גענומען אויסגיין ווי אַ ליכט. מיט יעדן טאָג האָט איר מאָגן אַלץ ווייניקער שפּייז פאַרנומען, און ס׳איז פון איר אין משך פון אַ קורצער צייט, געבליבן אַ העלפט — אַ בינטל הויט און ביינער. פייגעלעס קראַנקהייט, ווי דער דאָקטאָר האָט אויסגעפונען, — האָט גאָר קיין שייכות נישט געהאַט, נישט מיט איר אָפּגעשוואַכט האַרץ און נישט מיט די גאַל־שטיינער. געווען איז עס גאָר אַן אַנדערע, געפער־לעכע קרענק, וואָס נאָך פריידעלען, האָט ער אָנפאַרטרויט איר ריכטיקן נאָמען...

געשטאָרבן איז פייגעלע אין פּסח, אין מיטן דער נאַכט נאָכן צווייטן סדר. נאָך פייגעלעס טויט, איז איטשע־מאירן נישט געווען מער צו דער־

קענען: אפּגעלאָזן און אפּאטיש צו אַלץ וואָס אַרום אים — איז ער אַרומגע־גאַנגען ווי א פאַרשוואוומענער... מער פון נאַכלעסיקייט ווי פון זיינע נאָכנישט אלטע יאָרן, האָט ער אָנגעהויבן גיין אביסל איבערגעבויגן, און ווען נישט פריידעלעס אַכטונג־געבן אויף אים, וואָלט ער פאַרגעסן, אַז ער דאַרף זיך אַרומשערן, אויסגלייכן די אָפּצאַסן פון די שיך, עסן צו דער צייט, און אפילו בייטן די וועש... ער האָט אָנגעהויבן אויפגעבן איין געשעפטלעכן פּלאַן נאָכן אנדערן, ביז ער האָט אין איינעם א טאָג — צו דער שטוינונג פון זיין יונגסטן זון יואל־הערש — אָנגעהויבן ליקווידירן זיין גרויסן מעל־סקלאַד אויף דער צווייטער זייט ווייסל, אין פּראַגע.

צווישן די ווענט פון זיין הויז, האָט איטשע־מאיר גערעדט נאָר מיט פריידעלען. מיט יואל־הערשן פלעגט ער בלויז רעדן וועגן געשעפטלעכע ענינים און דאָס אויך — אויסער דער שטוב. וואָס שייך לייזערקען, איז זינט ער איז געוואָרן אַ סטודענט פון פּאָליטעכניקום, זעט ער אים זייער זעלטן אין שטוב. יאָ, ער זעט אים יעדן דינסטיק מיטאָג־צייט, ווען ער קומט ביי אים נעמען זיינע „וואָכעס", אָדער ווען ער דאַרף עפּעס א פרישן מלבוש. דעמאָלט זוכט ער אויף דעם טאטן... און זיין האלטונג, בעתן נעמען ביי אים געלט, איז אַזאַ, ווי ער וואָלט דערמיט געטאָן איטשע־מאירן א גרויסע טובה.

די טונקל־בלאָע מיט גאָלד געמוסטערטע טאפּעטן, די פּלושענע טונקל־גרינע פאָרטיערן ביי אַלע טיר־און־פענצטער און דאָס שווערע קאַשטאַן־ברוינע דעמבענע מעבל, וואָס האָבן שטענדיק אָוועקגענומען דאָס ליכט און די לופט פונעם עסצימער, האָבן איצט, נאָך פייגעלעס טויט נאָך מער ווי שטענדיק, געדריקט מיט זייערע שטרענגע, אומעטיקע פארבן.

ווי ווייט מעגלעך — האָט פריידעלע, לעצטנס אויסגעמיטן דאָס עס־צימער. — דאָס עסצימער יאָגט פון זיך — זאָגט זי די קעכין; נאָר אין די טעג ווען איטשע־מאיר קומט אויף מיטאָג — עסט זי מיט אים אינעם עס־צימער — כדי צו לייכטער מאַכן אים די איינזאַמקייט. נישט איינמאָל טרעפט לעצטנס, אַז איטשע־מאיר בלייבט אין מיטן עסן זיצן מיט אַ ליידיקן לעפל אינדערלופט, ווי ער וואָלט זיך פלוצלינג דערזען אייגער

זאַליין אין אַ ליידיקער וועלט, וואָס פריידעלע האָט ביסלעכווייז און ווי אומבאַמערקט, אָנגעהויבן זי אויספילן...

ס'איז פאַרביי דער אַזוי דערוואַרטער פרילינג, און פון אסתרלען איז וועגן איר אַהיימקומען נאָך אַלץ נישט געווען קיין בריוו. ערשט אין דער צווייטער העלפט פון חודש יוני, איז אָנגעקומען פון איר אַ בריוו, אין וועלכן זי שרייבט אין אירע ערשטע ווערטער, אַז די ידיעה וועגן דער מוטערס טויט האָט איר געטראָפן ווי א דונער און אַז זי קאָן פון גרויס דערשיטערונג נאָך אַלץ נישט קומען צו זיך. און ווי אַן איראָניע פונעם גורל — קומט מיט א שורה נידעריקער, אַ האַרציקער מזל־טוב צו וויגדערס חתונה־האָבן מיט לייטשען... ווייטער פרעגט זי זיך אויס וואָס דער פאָטער און אלע איבעריקע מענטשן אין שטוב מאַכן אין געזונט. דערנאָך ערשט, טיילט זי מיט, אַז זי האָט צוליבן קראַנק־ווערן פון איר עלטער מיידעלע — נישט געקאָנט ארויספאָרן אין געפּלאַנטן טערמין און זי לייגט דעריבער אָפּ דאָס ארויספאָרן פון סיביר — אויפן ערשטן אויגוסט. צום בריוו איז געווען צוגעלייגט א פינף־מינוטיקע גאסן־פאָטאָגראַפיע, אויף וועלכער ס'האָבן זיך אויפן פאָן פונעם מיט שניי־באדעקטן אירקוטסקער וואָקזאַל, געפונען אין א שטייענדיקער פּאָזע אסתרל מיט אירע צוויי מיידלעך — אַלע אָנגעטאָן אין פעלצלעך, פוטערנע היטלען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן־שיצער און אין הויכע וואַליקעס.

וויגדער, וואָס האָט שוין איינמאָל, צוליבן וועלן זיך טרעפן מיט אסתרלען, אָפּגעלייגט זיין אָפּפאָרן מיט לייטשען קיין אָדעס, האָט איצט, צוליב פארשידענע וויכטיקע טעמים, און אויך צוליבן דארפן זיך שטעלן צום צווייטן מאָל צום „פריזיוו" — באשלאָסן מער נישט אָפּצולייגן די רייזע קיין אָדעס, פון וואנען ער מיט לייטשען האָבן גערעכנט אָפּצופאָרן קיין ארץ־ישראל.

ווען וויגדער מיט לייטשען זענען אין איינעם אַ טאָג אַוועק זיך געזעגענען מיטן טאַטן, און מיט אַלע שטוביקע, האָבן זיי אויפן וועג אָנגעטראָפן יואל־הערשן, וואָס האָט, נאָך איטשע־מאירס צורעדן אים — געבראָכן דעם „חרם" אויף וויגדערן. יואל־הערש איז אַפילו געווען דאָס־מאָל צופרידן פון וויגדערס פאָרן קיין ארץ־ישראל; זאָל חער „פּגם" אין דער משפחה יעלניק — זיין וואָס ווייטער פון וואַרשע...

אַלע דריי האָבן זיי זיך וואַרעם געזעגנט אין גאַס. יואל־הערש האָט

רעדנדיק מיט דער יונגער שוועגערין, נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיינע דיקע קורצע פינגער; געצופּט מיט זיי דאָס שאַטינע מאָכיקע בערדל אַרום זיין אויסגעכאַליעט פּנים; געפּויקט מיט זיי איבער זיין היפּשן בייכל און לסוף, נעמענדיק מיט איין האַנט דרייען אַ פּיאה, — מיט דער צווייטער האַנט אָנגעכאַפּט וויגדערן ביי אַ לאַץ — און ווידער גענומען שיטן פאַר אים מיט מוסר־רייד, וועלכע ער האָט פאַרענדיקט ווי מיט אַ פאָטערלעכער עצה:

— אַז דו וועסט מיך פאָלגן, וויגדער, און אָפּהיטן יידישקייט, נישט פאַרפעלן קיין דאַווענען און קיין קדיש נאָך דער מאַמען, וועט דיר דער השם יתברך העלפן, און וועסט מצליח זיין ווו דו וועסט זיך קערן און ווענדן. נו, גייט מיטן רעכטן פוס! זייט געזונט און האָט מיר אַ גליקלעכע רייזע! — האָט ער ביידן געדריקט די הענט און אַוועקגעאײַלט.

ווען וויגדער איז געזעסן מיט לייטשען ביים טיש אין עסצימער און געוואַרט אויפן אָנקומען פון פאָטער, איז אומגעריכט — און אפשר נישט אומגעריכט — אַריינגעפאַלן לייזערקע, וואָס האָט אין זיין אוניפאָרם אויסגעזען ווי אַ הויך־ראַנגיקער אָפיציר. דערזען וויגדערן מיט לייטשען, האָט ער זיך לכתחילה פאַרלוירן, אָבער זיך באַלד באַהערשט, צוגעגאַנגען צו זיי, און נישט וואַרטנדיק אַז וויגדער זאָל אים פאַרשטעלן פאַר זיין פרוי, האָט ער צוקלאַפּנדיק אויף אַ מיליטערישן אופן איין אָפּצאַס אינעם צווייטן, — איר דערלאַנגט די האַנט און זיך פאַרגעשטעלט: לוציאַן יעלניק! און נאָכדעם — דערלאַנגט די האַנט וויגדערן. נאָך אַלץ שטייענדיק, אַביסל אָגעבויגן, ווי אַ יונגער אַדל־זון פון אַ מיליטער־שול — פאַר זיין דאַמע... — האָט ער זיך העפלעך פאַרענטפערט און אויסגע־דריקט גרויס באַדויער, וואָס זייער וויכטיקע, נישט פאַרויסגעזעענע סיבות האָבן אים געשטערט צו זיין ביי דער חופה און ביי אים צוגענומען די געלעגנהייט צו האָבן דעם כבוד זי פריער צו באַקענען... לייזערקע האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און פלוצלינג אַ פרעג־געטאָן לייטשען:

— איר זענט דאָך געוויס געווען אויף מיין מוטערס לוויה? — און איך האָב זיך דערוווסט וועגן איר טויט, ערשט, נאָכן צוריקקומען אַהיים, נאָך פּסח. מיר האָבן דעמאָלט געהאַט אַ שול־אויספלוג, און צוליבן פרילינג־אויסגוס וואָס האָט פאַרגאָסן די וועגן אין יענע ערטער, זענען מיר דאָרט געבליבן שטעקן איבעריקע עטלעכע טעג.

לייטשע האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען צוליב וואָס לייזערקע דערציילט איר די געשיכטע... און זי האָט מיט אַ גרינגשעצנדיקן קוקן אים גלייך אין די אויגן — עטלעכע מאָל באַטאָנט: „כ׳פאַרשטיי, יאָ, כ׳פאַרשטיי״.

דער איראָנישער „כ׳פאַרשטיי, כ׳פאַרשטיי״, האָט אין לייזערקען אונטערגעגראָבן זיין זעלבסטזיכערקייט און שטייפקייט, וואָס ער האָט זיך באַמיט אָנצוהאַלטן אין כבוד פון זיין מונדירל... און מיט אַ מינע ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט — געבעטן לייטשען אים אַנטשולדיקן אויף עטלעכע מינוט און ער איז אַוועק אין זיין צימער.

צוריקגעקומען מיט אַ בינטל איינגעראָלטע צייכענונגען אונטערן אָרעם, האָט לייזערקע מיט אַן אויסדרוק פון שטארק פאַרנומען זיין — צום צווייטן מאָל זיך אַנטשולדיקט פאַר לייטשען און וויגדערן, אַז ער מוז זייער נייטיק אַוועקגיין און זיך געזעגענען מיט זיי. ווען וויגדער האָט אים אָבער אויפגעקלערט די סיבה פון זייער איצטיקן באַזוך ביים טאַטן, האָט ער מסכים געווען מקריב־־צו־זיין נאָך אַ פערטל שעה פאַר דער גרויסער געשעעניש, פון וועלכער ער האָט פון פריידעלען זיך דערוווּסט נאָך מיט צוויי וואָכן צוריק.

לייזערקע האָט זיך נישט אַוועקגעזעצט, נאָר געשטאַנען און געפּויקט פון אומגעדולד מיט די פינגער איבערן טיש, געביטן מיט לייטשען סתם־פראַגן און וויגדערן, פאַר יוצא־ווען, געפרעגט ווי לאַנג מען פאָרט קיין ארץ־ישראל; וויפל יידן ס׳קאָנען זיך דאָרט געפינען און צי זיין מאָלער־פאַך איז דאָרט גוט. אַרויסגעקוועטשט פון זיך דאָס ביסל ווערטער, האָט לייזערקע מיט אַן אַרויפגעצויגענעם ערנסט, מיטאַמאָל, אַ קוק־געטאָן אויפן גרויסן מעבל־זייגער, זיך אויסגעגלייכט און אַרויסגעזאָגט מיט גראַציע ווי עס פּאַסט פאַר אַ מענטש אין אַ מונדיר פון פּאָליטעכניקום:

— ס׳טוט מיר זייער לייד, מיינע טייערע, וואָס כ׳מוז אייך שוין געזעגענען! — און אָנקלאַפּנדיק איין אָפּצאַס אינעם צווייטן אַזוי, אַז זיינע געגילדעטע פּענסנע אויף זיין פאַרשאַרצט נעזל האָבן אַזש אונטער־געטאַנצט — האָט ער מיט אַ „זייט געזונט!״ געדריקט זיי די הענט און אַוועק.

ביי אַ צען מינוט נאָך לייזערקעס אַוועקגיין איז אָנגעקומען איטשע־מאיר. ער איז געווען בלאַס, פאַרטראָגן, און געהאַט אָנגעשטרענגטע רויט־לעכע אויגן. איטשע־מאיר האָט לייטשען און וויגדערן דערלאַנגט די האַנט

און זיי פֿאַרבעטן נענטער צו זיך ביים טיש. שוין לאַנג האָבן אינעם עס־צימער נישט געמיטאָגט פינף נפשות מיט איין מאָל. אויך די קעכין פערעלע, האָט צום היינטיקן געזעגענען זיך מיט וויגדערן און לייטשען, געגעסן ביים אַלגעמיינעם טיש. איבער דער גאַנצער צייט פונעם מיטאָג־עסן, האָט איטשע־מאיר קיין וואָרט נישט אַרויסגעבערענגט; געגעסן אָן אַפּעטיט און ווייניק, אָבער געטראַכט האָט ער זייער אַ סך. און אַז איטשע־מאיר איז געזעסן ערנסט פאַרטראַכט און שווער געשוויגן, האָבן אים די שטוביקע נישט געשטערט און — ס׳האָט זיך ביים מיטאָג געהערט בלויז דאָס קלאַפּן פון גאָפּל־מעסער אין די טעלער.

באַגלייטן וויגדערן מיט לייטשען צום ווילנער וואָקזאַל אין פּראָגע, זענען געגאַנגען איטשע־מאיר, פריידעלע און פערעלע די קעכין. פון לייטשעס צד איז קיינער נישט געקומען צו דער באַן, מחמת גראָד דעם טאָג האָבן זיי געדאַרפט אָוועקפאָרן אויף אַ חתונה צו זלאַטקעס אַ שוועסטערן־טאָכטער. אַרויסגעקומען פאַרן טויער אויף דער גאַס האָט שוין איבער אַלץ און איבער אַלעמען זיך געשפּרייט אַ לייכט פּורפּורנער בין־השמשות, און אין די פענצטער־שויבן לענג־אויס דער מזרחדיקער זייט גאַס, האָט זיך געטונקט אַ גאָלדיק־צעגאָסענע זון.

ווען זיי זענען אָנגעקומען אויפן ווילנער וואָקזאַל, איז נאָך פאַרבליבן אַ האַלבע שעה צייט צום אָפּגיין פונעם אָדעסער צוג.

ערשט איצט, אינעם לעצטן מאָמענט, איז איטשע־מאיר באַהערשט געוואָרן פון אַ פאַרלאַנג איינצוטענהן מיט וויגדערן וועגן דעם, וואָס ער טראַכט טאַקע „דאָרט" צו טאָן — אינעם ווייניק באַוווינטן ארץ־ישראל צווישן צוריקגעשטאַנענע אַראַבער.

— איך מיין וויגדער — האָט ער אים געעצהט — אַז דו זאָלסט קויפן אַ שטיקל באָדן, אַ קו, אַ צוויי אייזלען און אַביסל עופות...

וויגדער האָט געשמייכלט.

— מ׳עט זען אויפן אָרט, טאַטע — דאָס לעבן אין ארץ־ישראל איז מיר נישט אינגאַנצן פרעמד, — כ׳האָב געהערט און געלייענט וועגן אַלעמען.

איטשע־מאיר האָט זיך אַ ווײלע פאַרטראַכט און זיך ווידער געווענדעט צו אים: הער וויגדער, דו וועסט מיר שרייבן ווי ס׳זעט „דאָרט" אויס. כ׳ווייס!... אפשר וואָלט אַזאַ ווי איך, געקאָנט נאָך איינאָרדענען זיך מיט

אַביסל קאַפּיטאַל? כ׳טראַכט נישט וועגן קיין גרויסע זיבן זאַכן — בלויז צו פארדינען אויף מיין באַדאַרף. און אפשר — האָבן זיך זיינע אויגן מיטאַמאָל צעלויכטן מיט א יוגנטלעך פייערל — אפשר וואָלטן מיר ביידע צוזאַמען געקאָנט „דאָרט״ עפּעס אויפטאָן?

— וואָלסט געפאָרן קיין ארץ־ישראל? — האָט ער זיך שוין געווענדעט צו פריידעלען. כ׳מיין, אַז ס׳וואָלט באמת זייער גליך געווען!

— יאָ ס׳וואָלט זייער גלייך געווען, ווען מיין פוס וואָלט נישט קרום געווען — האָט פריידעלע געענטפערט האלב אין וויץ און האַלב אין ערנסט.

אויפן פעראָן האָט זיך באַוויזן דער נאַטשאַלניק פון דער סטאַציע. צום דריטן מאָל האָט אַ קלונג־געטאָן דער מעשענער גלאָק, און ס׳איז געוואָרן אַ געקלאַפּעריי פון וואַגאָן־טירן. לייטשע און וויגדער האָבן זיך איילִיק געזעגנט און צעקושט מיט איטשע־מאירן, פריידעלען און פערעלען דער קעכין, שנעל אַרויף אויף די וואַגאָן־טרעפּלעך און אַריין אין דער אָפּטיילונג וווּ זיי האָבן שוין געהאַט ליגן זייער האַנט־באַגאַזש. אַן אויגנבליק — און וויגדער מיט לייטשען זענען שוין געשטאַנען ביים פענצטער. דער לאָקאָ־מאָטיוו האָט אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן עקבערנדיקן פייף, און מיט א לאַנגזאַם פרייכן און סאָפּען, — גענומען ציען נאָך זיך די לאַנגע קייט פון פּאַסאַזשיר־וואַגאָנען.

אין די אָפענע פענצטער האָבן וויגדער און לייטשע געפאָכעט מיט זייערע טאַשן־טיכלעך און זייערע ערנסט־פאַרטראַכטע פּנימער זענען אַלץ מער און מער פאַרנעפּלטער געוואָרן, ביז זיי זענען אינגאַנצן פאַרווישט געוואָרן.

איטשע־מאיר איז געשטאַנען און נאָכגעקוקט די וואָס אַמאָל אַלץ קלענער־ווערנדיקע וואַגאָנען, וואָס זענען מיטאַמאָל פאַרשלונגען געוואָרן פון דער ווייטער גראָקייט. דער פעראָן איז געווען אויסגעליידיקט פון מענטשן, אָבער נאָך ליידיקער און נאָך גראָער פונעם אַרום, איז איצט געווען אין זיין נשמה. ראַפּטום האָט ביי אים עפּעס אין דער טיף אַ טיאָכקע געטאָן און — וואַרעמע טרערן האָבן זיך גענומען קייקלען איבער זיין פּנים און באָרד.

13

אויפן פינפטן טאָג נאָך זייער אָנקומען קיין אָדעס, האָט זיי דאָ דעריאָגט דער אויסברוך פון דער מלחמה צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד.

די־אָ אומגעריכטע וועלט־געשעעניש, האָט צונישט־געמאַכט וויגדערס חלום צו פאָרן מיט זיין ווייב קיין ארץ־ישראל און — זיי זענען געבליבן שטעקן אין אָדעס.

סוף זומער פון יאָר טויזנט ניינהונדערט פערצן, האָבן זיך אויף די מויערן פון דער שטאָט וואַרשע באַוויזן גרויסע רויטע פּלאַקאַטן, פון וועלכע ס׳האָבן מיט פעטע שוואַרצע אותיות אַראָפּגעשריגן די אַלאַרמי־רנדיקע ווערטער: „דייטשלאַנד האָט דערקלערט מלחמה רוסלאַנד!‟ אויב די אַלגעמיינע מאָביליזאַציע וואָס איז פריער, מיט עטלעכע טעג צוריק, דערקלערט געוואָרן, האָט נישט וויניק אויפגערודערט די געמיטער פון דער באַפעלקערונג, האָט די אָפיציעלע דייטשע מלחמה־דערקלערונג אַרויסגערופן אַ גאָר גרויסע אויפרודערונג, און דאָס — מיט געמישטע געפילן פון דערוואַרטונגען.

אַרום די גרויסע רויטע פּלאַקאַטן האָבן זיך געגומען זאַמלען רעדלעך מענטשן, וועלכע האָבן מיט ברייט־אויפגעריסענע אויגן איין מאָל און נאָך אַמאָל איבערגעלייענט די אַלאַרמירנדיקע ידיעה.

וואַרשע איז געוועזן געשפּאַנט, עלעקטריזירט. מענטשן זענען אַרומ־געגאַנגען מיט אָנגעצויגענע נערוון און אָנגעשפּיצטע אויערן גרייט אויפצונעמען די ידיעות וועגן דער געשאַפענער לאַגע.

אין זעלבן טאָג נאָך, איז די שטאָט פאַרהילכט געוואָרן מיט אויערן־רייסנדיקע אויסרופן פון די צעיאָכמעטע צייטונג־פאַרקויפער, וואָס האָבן לויפנדיק מיט אימפּעט איבער די גאַסן זיך געריסן אויפן גאַנצן האַלדז: „לעצטע טעלעגראַמע‟! „עקסטרע אויסגאַבע‟!, „פון דער לעצטער מינוט‟!

די צייטונג־פאַרקויפער זענען שיער נישט צעריסן געוואָרן פונעם מענטשן־געדראַנג מיט די אויסגעשטרעקטע הענט.

נאָך שנעלער ווי מען האָט זיך געריכט, האָבן זיך גענומען אַנטוויקלען די מלחמה־געשעענישן. מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שעה איז די שפּאַנונג געוואַקסן.

איבערן ברוק פון די וואַרשעווער גאַסן האָבן גענומען ציען גרופּן פויערים־רעזערוויסטן פון די אַרומיקע דערפער. געגאַנגען זענען זיי אין גלייכע רייען אונטער דער אָנפירונג פון אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס. אַלע זענען זיי געווען באַלאָדענע מיט קאָלירטע הילצערנע קעסטלעך אויף די אַקסלען און אָנגעהאָנגענע ווייסע זעקלעך פון „סוואָיסקע‟ לייוונט אין

וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען פריש־געבאַקענע ראַזאָווע ברויטן, פלעשער מילך, הארטע קעזלעך, ציבל — און ווער ס׳האָט זיך געקאָנט דערלויבן — אַ שטיק געריכערטע „סלאַנינע״ פאַרקניפּט אין אַ טיכל.

אַ סך פון זיי זענען געפירט געוואָרן אונטערן אָרעם דורך ווייבער אָדער כלות, און די וואָס זענען געגאַנגען אין די רייען אָן דער באַגלייטונג פון נאָענטע, — האָבן, בכדי צו פאַריאָגן פון זיך די אַריינגעגנבעטע בענק־שאַפט צום דאָרף און צו דער היים מיט די איבערגעלאָזטע ווייב־און־קינדער אָדער געליבטע — פאַרצויגן מיט לידער, וואָס זיי האָבן נאָך געדענקט פון דער אַמאָליקער „וואַניענער סלוזשבע״. אויך די יידישע רעזערוויסטן האָט די צאַרישע רעגירונג גערופן צו גיין פאַרטיידיקן דאָס רוסישע פאַטערלאַנד קעגן די „פאַרשאָלטענע דייטשן״. זיי זענען נישט געגאַנגען גרופּנווייז, אין גלייכע רייען, ווי די פּויערים, נאָר יעדער איינער באַזונדער, גלייך מיט אַלע בירגער, אויפן טראָטואַר. מען האָט זיי אָבער דערקענט לויט די איינגעוויקלטע פּעקלעך עסן אונטערן אָרעם; דערקענט לויט די רענצלעך און וואַליזקעס אין די הענט און לויט די נידערגעשלאָגענע פאַרוויינטע ווייבער און קינדער, וואָס האָבן זיי באַגלייט. געווען זענען עס יידן ראַזירטע און קורץ־געקליידטע און יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס און מיט באָרד־און־פּיאות, וואָס אַ סך פון זיי האָבן שוין אויסגעזען צו זיין זיידעס פון איניקלעך... די רעזערוויסטן האָבן געאיילט דורך דער „קערבעדזשער״ בריק איבער דער ווייסל — צו דער פּראַגט־סטאַציע אין פּראַגע, וווּ ביי אַ באַנייט געוויין און געיאָמער, וואָס איז פאַרטויבט געוואָרן פון אַ מיליטערישן אָרקעסטער — זענען זיי נאָכן אַריינזעצן זיך אין לאַסט־וואַגאָנען געוואָרן אָפּטראַנספּאָרטירט נישט צו וויסן וואוהין.

שוין גלייך נאָך די ערשטע שאָסן ביי דער דייטש־רוסישער גרענעץ, האָבן אויף די גאַסן פון וואַרשע זיך גענומען באַווייזן פורלעך מיט היימלאָזע יידן, וואָס זענען דורך דער צאַרישער מאַכט אַרויסגעשיקט געוואָרן פון די גרענעץ־געביטן. זייער שנעל האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען ברייטערע מיליטערישע אָפּעראַציעס, וואָס האָבן מיט יעדן טאָג גענומען שטייגן אין זייער פאַרנעם.

אין דער ערשטער צייט האָט נאָך דאָס רוסישע מיליטער אַרויס־געוויזן אַ העלדישן ווידערשטאַנד און נאָך שווערערע קעגנאָנגריפן באַפרייט אַ סך פאַרנומענע ערטער פון די דייטשישע הענט. דאָס האָט

אָבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. אין דער זעלבער צייט וואָס שטעט און שטעטלעך האָבן ווידער, איינס נאָכן אַנדערן, אָנגעהויבן אַריינפאַלן אין די דייטשישע הענט, און ס'האָבן אַלץ אָפטער געגומען ציען לאַנגע עשאַלאָנען פון רויטן קרייץ מיט רוסישע פאַרוווּנדעטע פון די שלאַכט־פעלדער, — האָבן די מיליטערישע צאַרישע „סוואָדקעס" געהאַלטן אין איין איבערגעבן וועגן זייערע גרויסע זיגן, וועגן הונדערטער טויזנטער דייטשישע געהרגעטע, געפאַנגענע און פאַרוווּנדעטע, און וועגן דעם, ווי די דייטשן אנטלויפן אין פאַניק פאַר די קאָזאַקישע אָפּטיילונגען. כדי דאָס בולטער צו אילוסטרירן פאַר דער באַפעלקערונג, האָט מען אויף אַלע צייטונגען און זשורנאַלן געוויזן דאָס בילד פונעם קאָזאַקישן „געראָי", וואָס האַלט אויף זיין פּיקע צוועלף דורכגעשטאָכענע דייטשישע סאָלדאָטן...

פון אַלע ווינקעלעך פונעם צאַרישן רוסלאַנד האָבן געצויגן מיליטער־רישע עשאַלאָנען באַלאָדענע מיט געווער און מענטשן צו די געביטן פון די מלחמה־אָפּעראַציעס. אויך פונעם ווייטן סיביר זענען טאָג און נאַכט, אָן איבעררייס, געגאַנגען אומצאָליקע מיליטער־טראַנספּאָרטן, וואָס האָבן דורך איר איינציקער באַן־ליניע געצויגן קיין מערב.

פונקט ווי ווידער און לייטשע זענען צוליבן מלחמה־אויסברוך געבליבן שטעקן אין אָדעס, אַזוי איז אויך אסתרל, צוליב אָט דער זעלבער סיבה, ווייטער געבליבן זיצן מיט אירע קינדער אין אירקוטסק. אין איר קורץ בריוול וואָס איטשע־מאיר האָט דערהאַלטן אַ צוויי חדשים נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, שרייבט זי:

„ליבער פאָטער, צוליב דער אומגעריכט־געשאַפענער לאַגע, בין איך ווידער געבליבן זיצן מיט מיינע קינדער אין אירקוטסק. ערשטנס, איז אָפּגעשטעלט דער גאַנצער פאַרקער פאַר דער ציווילער באַפעלקע־רונג, צווייטנס, איז פשוט געפערלעך, מיין איך, צו לאָזן זיך מיט צוויי קינדער אין אייערע געביטן, אין סאַמע ברען פון דער מלחמה. צו מיין גרויסן באַדויער, מוזן מיר, ליבער פאָטער, שלום־מאַכן מיטן געדאַנק, איבערצוואַרטן מיט מיין אַהיימקומען, ביז דאָס מלחמה־פייער וועט פאַרלאָשן ווערן. איך און מיינע קינדער זענען געזונט. כ'האָב זיך איינגעאָרדנט אַלס לערערין אין אַן אָנפאַנג־שול און פאַרדין אויף מיין אויסהאַלט. וואָס מאַכסטו, טאַטע, אין געזונט? וואָס הערט זיך אין

שטוב ? וואָס טוען און וואָס מאַכן יואל־הערש, לייזערקע, ווינדער, פריידעלע און די קעכין פערעלע ? שרייבט מיר וועגן אַלעמען. פאַרבלייבט אַלע געזונט און האַרציק געגריסט.״

אייער בענקענדיקע אסתר

אסתרס נישט קאָנען אַהיימקומען איז פאַר איטשע־מאירן געווען אַ שווערער קלאַפּ, נאָר געטרייסט האָט ער זיך דערמיט, וואָס זי געפינט זיך כאָטש ווייט פונעם מלחמה־פייער, וואָס צעפלאַקערט זיך מיט יעדן טאָג אַלץ שטאַרקער.

אַ וואָך שפּעטער, נאָך אסתרלס בריוו, איז אויך אָנגעקומען אַ בריוו פון ווינדערן פון אָדעס. געווען איז עס קוים דער דריטער בריוו, זינט ער איז אַוועק פון וואַרשע. אינעם בריוו האָט ווינדער געשריבן, אַז ער אַרבעט ביי זיין מאָלער־פאַך ביי מיליטערישע אַרבעטן, און אַז מיט צוויי וואָכן צוריק איז ער געווען איינגעלאַדן צו דער חתונה פון רויזעלען מיט יעקלען שפּאַלטמאַן, אָבער צוליב דעם וואָס די מומע גאָלדע איז גראָד געווען ביי אים צו גאַסט, איז ער צו דער חתונה נישט געגאַנגען. איטשע־מאיר האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ און בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם צוזאַמענהאַנג פון אָט די צוויי לעצטע זאַצן. נישט אַנדערש — האָט ער געטראַכט — נאָר על פי טעות, האָט דאָ ווינדער אַריינגעבראַכט זאַכן וועגן אַן ענין, וואָס האָט אַ שייכות צו מענטשן פון לייטשעס צד. אויך יואל־הערש, ווען איטשע־מאיר האָט געוויזן דעם בריוו, האָט נאָך אַ חקירה ודרישה, צוריקגעגעבן איטשע־מאירן דעם בריוו מיט א הייב מיט די אַקסלען. דעשיפרירט דעם בריוו האָט נישט קיינער, נאָר פריידעלע. דורכלייענענדיק עטלעכע מאָל די צוויי נישט פאַרשטענדלעכע זאַצן, איז זי אַרויס מיט אַ געלעכטער פון ווינדערלס געלונגענעם איינפאַל, און אויפגעקלערט, אַז מיט די צוויי אומפאַר־שטענדלעכע זאַצן, גיט ווינדער צו וויסן, אַז מען האָט אים געוואָלט נעמען צום מיליטער, נאָר אַזוי ווי ער האָט נאָך פאַרמאָגט אַביסל געלט, האָט ער „אונטערגעשמירט״ און געבליבן אינדערהיים...

איטשע־מאיר האָט זיך אַ לענגערע צייט נישט געקאָנט שענקען פריידעלעס שאַרפזיניקן קאָפּ, און ס׳האָט אים אויך הנאה־געטאָן פון זיין אייגענעם איינפאַל — מיטצוגעבן ווינדערן אַ סומע געלט אין וועג־אַריין.

מיט איין זאַך האָט ר׳ איטשע־מאיר יאָ געהאַט מזל: קיין איינער פון זיינע זין איז נישט גענומען געוואָרן אין דער מלחמה. געשען איז עס צוליב איטשע־מאירס גרויסע באַקאַנטשאַפטן מיט „נאַטשאַלסטווע" און נאָך מער — צוליב זיין גרויסן טייסטער...

די מלחמה איז שוין אָנגעגאַנגען חדשים.

דער מסחר, וואָס האָט זיך אָנהויב נאָך געפירט פאַרהעלט־ניסמעסיק נאָרמאַל, האָט וואָס ווייטער, אָנגעהויבן אָננעמען אַלץ מער אומגעצוימטע ספעקולאַטיווע פאָרמען.

סוחרים האָבן אָנגעהויבן אָנשטאָפּן זעק מיט געלט. געווען זענען דאָס שווער־אויסגעהאָרעוועטע גראָשנס, וואָס זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון אָרעמע קליינהענדלער וואָס האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו האַנדלען, און פון די, וואָס זייער פאַרמעג איז באַשטאַנען בלויז פון זייערע אַרבעט־הענט, וואָס דער אָנבאָט אויף זיי, איז מיט יעדן טאָג אַלץ קלענער געוואָרן...

מיטן דערנענטערן זיך פונעם פראָנט צו די טויערן פון וואַרשע, איז די באַפעלקערונג אַלץ מער אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ נערוועזער אומקלאָרער דערוואַרטונג.

די יידן האָבן געהאָפט, אַז מיטן פאַרשווינדן פון דער פאַרהאַסטער צאַרישער מאַכט פון דער פוילישער ערד, וועט אויך אויף שטענדיק פאַרשווינדן דער ברוטאַלער אַנטיסעמיטיזם מיט דער שטענדיקער פּאָגראָם־שרעק, און זיי וועלן ענדלעך ווערן פולע גלייכבאַרעכטיקטע בירגער צוגלייך מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג אין לאַנד. די פוילישע באַפעלקערונג ווידער, האָט מיטן דערנענטערן זיך פונעם פראָנט, גענומען שפּינען דעם קיינמאָל נישט אויפגעגעבענעם טרוים וועגן אַ זעלבשטענדיק פוילן. נישט בלויז האָט מען זיך געקלאַמערט אין דער דאָזיקער האָפענונג, נאָר מען האָט זיך טאַקע געגרייט צו פאַרוואַנדלען דעם חלום אין אַווירקלעכקייט.

די באַרימטע רוסישע פעסטונגען אויף דער פוילישער ערד, וואָס האָבן געשיינט צו זיין אומבאַזיגבאַר ווי דאָס צאַרישע רוסלאַנד, האָבן איינע נאָך דער צווייטער קאַפּיטולירט פאַר די דייטשישע אַרמייען. אַלץ אָפטער האָבן איבער דער שטאָט וואַרשע גענומען אַרומקרייזן הויך אין־דער־לופט דייטשישע עראָפּלאַנען, וואָס האָבן אויך אַראָפּגעוואָרפן עטלעכע

באַמבעס איבער פאַרשידענע טיילן פון דער שטאָט. מיט יעדן טאָג, האָט מען אַלץ נעענטער און דייטלעכער געהערט — באַזונדערס אין דער שטילקייט פון די שפּעטע נאַכט־שעהן — דעם טעמפּן אַרטילעריע־געדונער פונעם שונאס שווערע הויביצעס, ביז... ביז ס׳האָבן דורך די גאַסן פון דער שטאָט גענומען ציען לאַנגע קאַראַוואַנען פון פּלאַטפאָרמעס, גרויסע טראַנספּאָרט־פורגאַנען געשפּאַנט אין עטלעכע פּאָר פערד, וואָס האָבן אין גרויס איילעניש ארויסגעפירט פאַרשידענע רעגירונגס־אַרכיוון, מדינה־אינווענטאַר און פּריוואַטע מעבלירונג פון רוסישע הויכע באַאַמטע און אָפיצירן — עוואַקואירטע אין גרויס בהלה פון אַלע מיליטערישע אַמטן און אינסטיטוציעס.

דאָס וואָס מען האָט נישט באַוויזן, אָדער צוליב געוויסע סיבות נישט געקאָנט ארויספירן, איז פאַר אַ שיבוש פאַרקויפט געוואָרן צו פּריוואַטע מענטשן און איבערקויפער.

אויך ר׳ איטשע־מאירן האָט מען פאַרגעשלאָגן צו קויפן בחצי־חינם, פאַרשידענע ווערטפולע זאַכן, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ פּאַלאַץ ווו ס׳איז איינגעשטאַנען אַ קייזערלעכער גוואַרדיע־פּאָלק. ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט פונעם לאָקנדיקן עסק. די דאָזיקע פאַרשלאָגן פון פעטע פאַרדינסטן, האָבן אָבער צוגעצויגן איטשע־מאירס יונגסטן זון יואל־הערשן, וועלכער האָט געשלאָסן דעם עסק אויף אייגענער האַנט און טאָקע פאַרדינט אַ מטמון געלט...

עטלעכע טעג פאַר דעם ווי די רוסן האָבן פאַרלאָזט וואַרשע, איז ר׳ איטשע־מאיר, גייענדיק אין גאַס, פּלוצלינג געוואָרן אָפּגעשטעלט פונעם געהילף־קאָמיסאַר פון דעם פּאָליציי־רעוויר ווו ער האָט געהאַט זיין מעל־סקלאַד, און איידער וואָס־ווען, האָט ער מיט אַ ברייטן „גוט־מאָרגן, הער יעלניק״, אים דערלאַנגט די האַנט, און צובייגנדיק זיין מויל פון וועלכן ס׳האָט זיך געשפּירט אַלקאָהאָל — נאָענט צו איטשע־מאירס אויער, אים הויך און ברידערלעך געעצהט:

— פּאַק איין דיינע זאַכן און פאָר אַוועק קיין רוסלאַנד! ביי די פאַרשאָל־טענע דייטשן וועסטו קיין געלט נישט פאַרדינען... הער, יעדער ייד וואָס איז גרייט צו פאָרן קיין רוסלאַנד, באַקומט די רייזע און טראַנספּאָרט פון זיין פאַרמעגן — אינגאַנצן אומזיסט!... דערביי האָט ער צוגעגעבן מיט אַ סודותפולער מינע: דוכט זיך הער יעלניק, אַז איר האָט וועמען אין רוסלאַנד? האַ?

— יאָ, — האָט איטשע־מאיר באַשטעטיקט — אַ זון און אַ טאָכטער.

— אַלזאָ, הער יעלניק, — אויב איר ווילט זיי נאָך זען ווען — אַנטלויפט פון דאַנען!

נאָכן אָפּזאָגן, וואָס ער האָט געזאָגט, האָט ער אויסגעשטרעקט צו איטשע־מאירן די האַנט און וואַקלדיקע טריט זיך אָפּגעטראָגן...

אין איינעם אַן אָוונט, האָט זיך אין דער אַרומיקער טיפער שטילקייט, פּלוצלינג, דערטראָגן צו די כמעט אויסגעליידיקטע יידישע גאַסן, אַ שנעל און געדיכט קלאַפּן פון פערדישע קאָפּעטעס אין די ברוק־שטיינער און עס האָבן זיך, גלייכצייטיק, דערהערט אימהדיקע געשרייען. דאָס האָבן די לעצטע קאָזאַקישע אָפּטיילונגען געאיילט אין אַ ווילדן גאַלאָפּ קיין פּראַגע און אויפן וועג מערדערלעך געשלאָגן מיט די נאַהייקעס איבער די קעפּ פון די פאַרשפּעטיקטע יידישע דורכגייער...

אַ גאַנץ קורצע צייט נאָכן פאַרשווונדן־ווערן פון די צעווילדעוועטע קאָזאַקן, איז די לופט אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַ מעכטיקן אויפרייס. דאָס האָבן די רוסן אויפגעריסן די נאָך איינציקע גאַנץ־געבליבענע בריק, וואָס האָט פאַרבונדן די שטאָט וואַרשע מיט איר פאָרשטאָט פּראָגע.

ביינאַכט זענען אויסגעבראָכן גרויסע שריפות. אויף דער וואַרשעווער און פּראַגער זייט האָבן פייער־צונגען זיך געריסן צום הימל, וואָס האָבן ווייט אַרום אָפּגעשלאָגן מיט אַ בלוטיקער רויטקייט, איבער וועלכער ס'האָט גאַנץ הויך אויפן פאַרויטלטן הימל, רואיק געשוועבט אַ ריזיקער ציגאַר־פאָרמירקער דייטשישער צעפּעלין. אויף צומאָרגנס, מיטן אויפגיין פונעם פריי־זומערדיקן טאָג, האָבן שוין איבער די גאַסן פון וואַרשע מאַרשירט דייטשישע מיליטער־איינהייטן, פון וועמענס העלדזער ס'האָט מיט גאווה זיך געריסן דער „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס" — באַגלייט מיט אַן אויטאָמאַטיש קלאַפּן פון זייערע געדיכט־באַנאָגלטע שטיוואַלעס — אויף די שטיינער פון ברוק.

די באַוועגונג אין שטאָט, איז אין טאָג פונעם דייטשישן אַריינמאַרש געווען נישט נאָר נישט שוואַכער ווי אין נאָרמאַלע פאַרמלחמהדיקע טעג, נאָר אַפילו אַ סך לעבהאַפטער. ווי ס'וואָלט גאָר קיין וויכטיקס נישט געשען — האָט זיך געהערט דער געטומל פון וועגענער, דראָזשקעס און דאָס געקלונגעריי פון די עלעקטרישע טראַמווייען. די געשעפטן זענען געווען אָפן, און די קאַפעען און רעסטאָראַנען — פול, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

דאָס איינציקע וואָס האָט אין די ערשטע טעג אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע דערמאָנט אָן מלחמה, איז געווען: דאָס זען פון צייט צו צייט פירן אונטער אַ דייטשישער וואַך — רוסישע סאָלדאַטן און אָפיצירן, וואָס זענען ערגעץ „פאַרשלאָפן" דאָס אַרויסגיין פונעם רוסישן מיליטער און דאָס אַריינקומען פון די דייטשן... דערמאָנט אַז ס'איז מלחמה, האָבן אויך די מאַשין־געווערן, וואָס זענען געווען צעשטעלט ביי פאַרשידענע גאַסן־קרייצונגען און שטאָטישע סקווערן — באַוואַכט פון דייטשישע זעלנער, וואָס האָבן געמיטלעך געריכערט דיקע ציגאַרן, אָדער געווען באַשעפטיקט מיט עפענען מיט די באַגנעטן — קאָנסערוון־פּושקעס.

14

ליבעלע, די „באַשערטע" פון יואל־הערשן, איז געווען די יונגסטע טאָכטער פונעם ביאַלער נגיד, דער קאָצקער חסיד ר' לייביש שעניצער, וואָס האָט פאַר דער מלחמה זיך גערעכנט פאַר דעם גרעסטן שניט־סוחר אין שטאָט. ר' לייביש שעניצער האָט וואָס אָן אמת געהאַט הינטער זיך אַ יחוס־קייט פון לויטער נגידים און למדנים, נאָר ער אַליין האָט אויסערן צוריקגיין פון זיין עשירות, באַקומען אויך עטלעכע טיפע ריצן אין זיין אייגענער, פּערזענלעכער חשיבות. דעם ערשטן „ריץ" האָט ער באַקומען פון איינעם פון זיינע פינף זין, יאָסעלע, וואָס האָט זיך פּלוצלינג אַריינגעלאָזט אין „יענע זאַכן", געוואָרן אַ בוגד במלכות און איז, אָן צו וויסן ווו ער איז אַוועקגעקומען — פּלוצלינג פאַרשווונדן געוואָרן פון שטאָט. דעם צווייטן „ריץ" האָט אים געמאַכט זיין איידעם, דער עלטסטער טאָכטערס מאַן, וואָס האָט פאַרנדיק קיין וואַרשע איינהאַנדלען א געוויסע, דורך די דייטשן־פאַרבאָטענע סחורה — האָט ער אויפן וועג אַראָפּגעהאַקט פון זיך די קאַפּאָטע מיט דער באָרד און פּיאות, און אָנשטאָט דעם פאַרבאָטענעם אַרטיקל — איינגעהאַנדלט אַ גאַנץ אנדער „שטיקל סחורה", און אָנשטאָט אַהיימצוקומען אין אַ וואָך אַרום — פאַרגעסן דעם אַדרעס אויף צוריק... און נאָך עטלעכע חדשים, צוגעשיקט א גט צו לייביש שעניצערס טאָכטער, מיט וועמען ער האָט געהאַט צוויי קינדער. דעם דריטן „ריץ" האָט לייביש שעניצער באַקומען דורך דעם, וואָס ביים יונגסטן זון זיינעם, וואָס האָט שוין געהאַט א התר אויף רבנות, האָבן עטלעכע לצים, ישיבה־בחורים, אַרויסגעצויגן פון זיין הינטערשטער טאַש וואָס ביים שליץ פון דער קאַפּאָטע, עפּעס אַ שריפט וואָס האָט פון דאָרט אַרויסגעשטעקט. ווען „חברה" האָט

הינטער זיינע פּלייצעס פונאַנדערגעלייגט די שריפט, האָט זיך פאַר אלע־מענס אויגן אנטפּלעקט נישט מער און נישט ווייניקער, ווי פּראָפעסאָר פּאָרעלס אַ בראָשור מיט בילדער, וועגן סעקסועלע פראַגן ביי מענער און פרויען!...

יואל־הערשס חתונה איז פאָרגעקומען אין ביאַלע. נישט געקוקט אויף דער באַגרענעצונג און מאַנגל אין אַ סך שפּייז־אַרטיקלען, איז די חתונה פאָרגעקומען כיד המלך. ס׳האָט אויף איר גאָרנישט געפעלט: נישט אין געטראַנקען, נישט אין פּירות און נאשערייען, און אויך נישט אין כלערליי פיש און עופות.

די גרויסע רחבותדיקע חדרים אין ר׳ לייביש שעניצערס הויז, זענען געווען פאַרגאָסן מיט אַ ים ליכט פון די עלעקטרישע זשיראַנדאָלן און פון די פייערן פון די אומצאָליקע גראָבע חלבנע ליכט, וואָס האָבן געשטעקט אין לייכטערס און אין הענג־לייכטערס.

די לאַנגע געדעקטע טישן מיט שניי־ווייסע געפּרעסטע סערוועט־ טיש־טעכער, דער לייכט־בלוילעכער שיין פונעם זילבערוואַרג אויף די טישן, די פלאַטערנדיקע ליכט־פייערלעך און דאָס שפּילן מיט אַלע רעגנבויגן־קאָלירן פונעם פונאנדערגעשטעלטן געשליפענעם גלאָזוואַרג, האָט געבלענדט די אויגן און געשאַפן גרויס פייערלעכקייט. ר׳ לייביש שעניצער האָט זיך באַמיט, אז די חתונה פון זיין מוזינקע ליבעלע, זאָל פאָרקומען מיט וואָס מער פּראַכט און גלאַנץ, און זאָל פאַרטונקלען און פאַרווישן די נישט זייער אָנגענעמע פּאַסירונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין זיין הויז. ער האָט דעריבער, אויסער די חשובסטע קרובים און ידידים פון ביאַלע און ארום ביאַלע, — איינגעלאַדן אויך די שענסטע און אָנגעזעענסטע יידן, דעם „פּאר״ פון דער שטאָט.

אינעם גרעסערן חדר פאַר מאַנצבילן, זענען אויבן־אָן, איןביידע זייטן פונעם חתן, געזעסן ביידע מחותנים, און לינקס און רעכטס פון זיי, ביי די געדעקטע טישן, זענען געזעסן די הדרת־פּנימדיקע יידן אין זיידענע און אַטלאַסענע קאַפּאָטעס און שטריימלעך. ר׳ איטשע־מאיר יעלניק איז צוליבן שוואַך־זיין אין די „קליינע אותיעלעך״, געזעסן מיט אַ שטאַרקן אומרו צווישן די למדנים, בני־תורה... יואל־הערש, ווען ס׳האָט דאָ איינער און דאָ אַ צווייטער, „געגומען אויפן צימבל״, וועגן זיין בקיות אין תורה־זאַכן,

איז קיינעם נישט שולדיק געבליבן קיין תשובה און איינצייטיק — קונציק לאַווירירט, אַז דער טאַטע זאָל נישט דורך ווענען אַריינגעצויגן ווערן אין עפּעס א תורה־וויכוח...

אָבער די שטייפלעך־אָנגעצויגענע שטימונג פונעם חסידישן „פּאַר", האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. נאָך עטלעכע גוטע שלוק פון אַביסל „שטאַרקס" און דאָס אָפטע אויפשפּילן א „לעבעדיקס" לכבוד די פון דער פרעמד אָנקומענדיקע, פאַרשפּעטיקטע געסט, האָבן די געמיטער זייערע זיך גענומען שנעל דערוואַרעמען, און ווי איינע אונטער דער תמוזדיקער זון, איז זיך צעגאַנגען די אָנגעטוענע ערנסטקייט. אויגן האָבן זיך צעלויכטן, ליפּן צעשמייכלט, פּנימער און שטערנס האָבן זיך צערויטלט, מען האָט גענומען פונאַנדערקנעפּלען די קאַפּאָטעס, ארויפּרוקן העכער די שטריימלעך און, ווישן זיך מיט רויטע פאַטשיילעס... ר' איטשע־מאיר האָט אויסגענוצט די אַנטשטאַנענע הייטערקייט און בגניבה זיך ארויסגעגליטשט פונעם קלעם צווישן די באַשטריימלטע קעפּ, געלאָזט זיך סתם גיין פון איין חדר אין אנדערן, ווי ער וואָלט ווענען געזוכט, זיך אָפּגעשטעלט פאַרן חדר ווו ס'זענען געזעסן די נשים און אריינגעקוקט.

אויבן־אָן, הינטער די אויסגעשטעלטע געדעקטע טישן, איז ליבעלע אין די ווייסע כלה־קליידער געזעסן אויף א געהעכערטער טראָן־שטול און לינקס פון איר — פריידעלע, ר' איטשע־מאיר האָט געכאַפּט א קוק אויף דער כלה מיטן כמעט קינדערישן פּנים, וואָס איז געווען באַהויכט מיט אַ לייכטער ראָזלעכקייט און — ס'זענען אים מיטאַמאָל געקומען אויפן געדאַנק די „מאַלאָוואַנקעס" פון כלות און מלאכים, אָנגעקלעפּטע אויף לענגלעכע האָניק־קיכלעך, וואָס די גויים פלעגן צו די חגאות פאַרקויפן אויף די מערק און יאַרידים. דאָס דערמאָנען זיך די דאָזיקע האָניק־קיכלעך, האָט אויך אַרויסגערופן ביי איטשע־מאירן די דערמאָנונג אָן זיין ערשטן ווייב טעמעלע, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט קויפן אַזעלכע קיכלעך פאַר פריידעלען — פאַר פריידעלען... פאַר וועלכער זי האָט אים, פאַרן טויט, געבעטן „ער זאָל פאַר איר זאָרגן ווי א טאַטע — זיין פאַר איר אַלץ"... פריידעלע... וועלכע איז געבליבן אַן אלטע מויד און פאַרעט זיך ארום אויף „פרעמדע" חתונות...

אַ מחנה ווייבער מיט צעטענצלטע טריט און שיינענדיקע פּנימער, ווענען ער האָט אין זיין פאַרטראַגנקייט געשטערט אַריינצוגיין אין חדר פאַר נשים — האָבן אים ארויסגעריסן פון זיינע מחשבות...

ווי ביי די מענער — אַזוי זענען אין חדר פֿאַר די נשים געזעסן פֿוןביידע זייטן אַרום דער כלה — די ווייבער פֿון די באַשטריימלטע הדרת־פּנימדיקע, און פֿונעם נגידישן „פּאר״ פֿון ביאַלע און פֿון אַרום ביאַלע. באַהאַנגען מיטן גאַנצן צירונג וואָס יעדע איינע האָט פֿאַרמאָגט, — האָבן די ווייבער זיך וויכטיק געגווידערט און געמיטלעך געטונקען לעקעך אין ספּע־ציעלן „דאַמסקן״ וויין. יעדע ווײַלע האָט אַן אַנדערע געוואָרפֿן אַ בליק צו דער כלה, וואָס איז, מיטן פֿאַרגרעסערן זיך פֿונעם עולם, געוואָרן בלאַסער... און דערשראָקן ווי אַ קינד...

די ענגשאַפֿט און דער געפּילדער אין די הדרים איז מיט יעדער מינוט אַלץ שטאַרקער געוואָרן. דער בדחן, וואָס איז געשטאַנען ביים הויפּט־איינ־גאַנג, איז שוין הייזעריק געווען פֿונעם רייסן זיך דעם האלדז, און די קלעז־מער האָבן געשוויצט, געאַרבעט מעשים מיט זייערע האָפּסנדיקע סמיטשי־קעס.

נישט געקוקט וואָס ר׳ איטשע־מאיר יעלניק איז געווען איינער פֿון די צוויי מחותנים, ווען מען שמחה ס׳קומט דאָ היינט פֿאַר, האָט ער זיך צווישן גרויסן עולם אַרומגעדרייט אַ וויניק־רעדנדיקער און ווי אַ זייטיקער גאַסט. ער האָט זיך אפֿילו אַליין פֿאַרגעוואָרפֿן און געהאַט אויף זיך תרעומות: היתכן, איטשע־מאיר? ווו איז דאָס די גרויסע פֿרייד פֿון חתונה־מאַכן אַ קינד, דערצו נאָך אַ מוזינעק? ער האָט זיך אָבער אַליין נישט געקאָנט דער־קלערן די סיבה פֿון זיין מוטלאָזיקייט. זאָל עס זיין דערפֿאַר, וואָס פֿייגעלען איז נישט באַשערט געווען צו דערלעבן דעם נחת פֿון פֿירן דעם יונגסטן זון צו דער חופּה? צי אפשר דערפֿאר, וואָס די צאָל קרובים און פֿריינט פֿון זיין זייט, איז געווען אַזוי קליין — אין פֿאַרגלייך מיט די צאָלרייכע געסט פֿון דער כלהס צד? דער אמת איז געווען, אַז איטשע־מאיר אַליין האָט צוליב אַ דעפּרעסיע, געהאַט איינגעלאַדן נאָר איינצלנע פֿריינט און קרובים פֿון פּלאָצק, אַזוי, אַז די צאָל געסט פֿון זיין צד, האָט ער געקאָנט אויסרע־כענען אויף די פֿינגער פֿון זיינע ביידע הענט... ווי ביי וויגדערן, אַזוי איז לייזערקע נישט געקומען צו יואל־הערשס חתונה, און ווי דעמאָלט — מודיע געווען איטשע־מאירן, אַז צוליב זייער וויכטיקע און נישט פֿאַרויסגעזעענע ענינים, מוז ער גראָד אין דעם אָוונט, אומבאַדינגט זיין אין וואַרשע און ער וועט דעריבער נישט קאָנען זיין אויף זיך ברודערס חתונה. פֿאַר פֿריידעלען האָט ער מיט אַ טאָג פֿריער געהאַט דערקלערט: — כ׳בין נאָך דערוויַיל נישט

משוגע זיך אוועקצולאָזן צו די „ביאַלער אַזיאַטן", וואָס האָבן אויפגעכאַפּט אַזאַ ווילדע מציאה — יואל־הערשלען...

ר' איטשע־מאיר, פרײדעלע און פערעלע די קעכין, זענען נאָך דער חתונה געבליבן שלאָפן ביים מחותן ר' לייביש שעניצער. ווען ער איז צו־מאָרגנס אויפגעקומען פון שלאָף איז שוין געווען גרויסער טאָג און א רויט־לעכע, ווי פונעם פּראָסט־אַנגעפּרוירענע זון, איז שוין געשטאַנען גאַנץ הויך איבער ר' לייביש שעניצערס „קאַמעניצע", וואָס איז געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטן שניי ווי מיט אַ פּערענע.

נאָך איידער ר' איטשע־מאיר, און פרײדעלע מיט דער קעכין, האָבן אָפּגעפּרישטיקט, איז שוין פאַר ר' לייביש שעניצערס „קאַמעניצע" געשטאַ־נען גרייט אַ גרויסער שליטן געשפּאַנט אין צוויי פערד, און זיין „מענטש" האָט שוין געוואַרט, בכדי זיי אָפּצופירן צו דער באַן וואָס גייט קיין וואַרשע. בעתן פרישטיקן, האָט מען מיטן מחותן און דער מחותנתטע, ווידער געטרונ־קען „לחיים" און זיך געווונטשן, אז אם ירצה השם, זאָל מען טרינקען אויף א ברית...

צי צוליב די עטלעכע „אויסגעליידיקטע" גלעזעלעך, צי נאָכן נאָכלאָזן פון זיין שלעכטער שטימונג, וואָס האָט אים גראָד פאַרכאַפּט אויף דער חתונה פון זיין זון — האָט ר' איטשע־מאיר ווידער צוריקגעפונען זיין גלייכ־געוויכט, און ווי עס פּאַסט פאַר א מחותן — געווען שמחהדיק אויפגעלייגט. ר' לייביש שעניצערס „מענטש", האָט אויפן שליטן ארויפגעלייגט ליבעלעס קליידער, וועש, בעטגעצייג און דאָס באַקומענע דרשה־געשאַנק. צוליב דער גרויסער צאָל פּעק מיט בעטגעוואַנט און קאָפּערס, איז נישט געווען פאַר אלעמען קיין אָרט צו זיצן, און ר' לייביש שעניצער האָט באַפוילן צו ברענגען נאָך אַ שליטן.

דערפילט דעם צי מיט די לייצעס און דערהערט אַ „וויאָ! היידאַ"! — באַגלייט פון אַ קנאַל מיט דער בייטש — האָבן די פערד זיך א ריס־געטאָן פון אָרט, און מיט א פריילעך צעגלעקלט געפילדער, האָבן זיך ביידע שליטלעך, ווי געטראָגענע אין דער לופט — מיט לייכטקייט זיך געגליטשט איבערן האַרטן געשליפענעם שניי אין דער ריכטונג צו דער באַן.

ליבעלע איז אַריבער וווינען קיין וואַרשע אין די צוויי אויסמעבלירטע צימערן, וואָס ר' איטשע־מאיר האָט אָפּגעגעבן פאַר זיין יונגסטן זון יואל־

הערשן. דעם גאַנצן ערשטן חודש פון איר וווינען ביים שווער, האָט ליבעלע נישט געזען איר אומבאַקאַנטן שוואָגער, לייזערקען, וואָס האָט זיך גראָד דעמאָלט געפונען אין לאָדזש.

נישט געקוקט אָבער, וואָס לייזערקע האָט אויסגעמיטן צו זיין אויף יואל־הערשס חתונה, איז ער נאָכן צוריקקומען פון לאָדזש, און דורך פריי־דעלען זיך באַקענט מיט זיין יונגער שוועגערין, — שנעל אַריין מיט איר אין גאָר פריינטלעכע און גוטע באַציאונגען. פון דער ערשטער מינוט וואָס פריידעלע האָט זי פאַר אים פאָרגעשטעלט, האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט עס דאָס יונגע צאַרטע מיידל געקאָנט איינ־שטימען חתונה־צו־האָבן מיט אַזאַ מגושמדיקן טיפּ ווי ס׳איז זיין ברודער יואל־הערש.... „ווי קומט עס אָט דער באָרשט אין דעם זאַק אַריין?!" — האָט לייזערקע איינמאָל א פרעג־געטאָן ביי פריידעלען. דאָס קאָן זיך בלויז טרעפן ביי יידן מיט זייער פאַרשימלטער מאָראַל! — האָט ער צוגעוואָרפן אַ גיפטיקע באַמערקונג. ווען אויסער לייזערקען און ליבעלען האָט זיך קיינער נישט געפונען אין דער וווינונג, האָט ער א צווייט מאָל פאַרפירט מיט איר אַזאַ שמועס:

— איר וועט מיר מוחל זיין, ליבעלע, מיין אומדיסקרעטע פראַגע:

— צי זענט איר אַזוי יונג ווי איר זעט אויס, אָדער נאָך יונגער?...

— שוין געענדיקט זיבעצן יאָר — האָט אים ליבעלע געענטפערט אַ פאַרוואונדערטע.

— זאָגט מיר — האָט ער ווייטער געצויגן — וואָס האָט אייך באַוויגן אַזוי יונג חתונה־צו־האָבן?

ליבעלע האָט זיך לייכט פאַררויטלט און ארויסגעשטאַמלט:

— מיין מאַמעשי האָט נאָך יונגער חתונה געהאַט — אויך מיינע ביידע שוועסטערן האָבן יונג חתונה־געהאט.

— ווילט איר זאָגן, אַז דאָס איז געווען אייער ווילן?

ליבעלע האָט זיך נאָך מער פאַררויטלט און פאַרלוירן געענטפערט:

— ניין... כ׳האָב נאָך נישט געטראַכט דערפון... די מאַמעשי און דער טאַטעשי האָבן אַזוי געוואָלט...

— צי האָט איר נאָך פון פריער געקענט יואל־הערשן?

— נייך, דער טאַטעשי האָט וועגן אים געהערט, נאָכהער — עטלעכע מאָל גערעדט מיט אים און... ער איז אים געפעלן געוואָרן.

— און דאָס איז שוין פאַר אייך גענוג געווען?

— ליבעלע האָט אראָפּגעלאָזט אירע בלאָע אויגן און געשוויגן...

— יאָ, — האָט לייזערקע געזאָגט ווי צו זיך, — כ'האָב געהערט דער־ציילן, אז אַזעלכע זאַכן זענען פאָרגעקומען מיט צוואַנציק יאָר צוריק — אָבער היינט?!...

פון לייזערקעס ווערטער, האָט אויף ליבעלעס צאַרטן פּנים אן אומרו זיך געוואָלקנט. זי האָט אלץ געשוויגן.

נאָכן פאַרטראַכטן זיך אַ ווײַלע האָט ער מיט א ברעקל שמייכל, וואָס איז אים געהאַנגען פון ביידע זייטן פון די קורץ־געשוירענע בלאָנדע וואָנ־סעלעך, זי ווייטער געפרעגט:

— ווען אייער פאָטער, ליבעלע, וואָלט צום בײַשפּיל, דעם גאַנצן ענין פון אויסוויילן אַ „באַשערטן" איבערגעלאָזט אין אייערע הענט, צי וואָלט איר אויך דעמאָלט אויסגעוויילט אַזאַ... נו.... אזא איינעם ווי יואל־הערש?...

כאָטש ליבעלע האָט שוין געוווּסט וועגן דער אָנגעצויגענער באַציאונג צווישן לייזערקען און איר מאַן, האָט זי אָבער אין קיין פאַל זיך נישט פאָר־געשטעלט, אז ס'זאָל אזוי ווייט גרייכן... זי האָט מיט שרעק און שטוינונג אָפּגעפילט פון איר שוואָגערס רייד, אַז ער איז זי, פּשוט, גרייט אָפּצורעדן פון זיין ברודער... — נישט צוליב אייגננוץ... נאָר בלויז צוליב פּשוטער שנאה... — און זי האָט אים דעריבער געענטפערט מיט אומווילן און אָפּגע־האַקט:

— כ'ווייס נישט!

נאָכן דאָזיקן שמועס מיט לייזערקען, איז ליבעלע עטלעכע טעג נאָכא־נאַנד אַרומגעגאַנגען א צערודערטע, א צעטראָגענע... פון איין זייט, האָט זי שטאַרק פאַראיבל־גענהאט אויף לייזערקען, אפילו געטראָגן אויף אים אַ כעס, פאַר זיין אויסטערלישער נישט־געהערטער באַציאונג צו זיין ברודער — איר מאַן. צווייטנס, האָט זי זיך געפונען זייער געטראָפן פון עטלעכע דורך אים אַרויסגעזאָגטע אמתן, וועגן וועלכע ער האָט זי לסוף באַוויזן נאָכ־צוטראַכטן... און דריטנס, — ווי הימל־ווייט איז דער שלאַנקער בלאָנדער לייזערקע מיט זיין פלינק־געשליפענעם ציגל — פון זיך ברודער — איר מאַן?...

צום מערסטן, טאַקע צוליב דער דריטער סיבה... האָט ליבעלע אָנגעהויבן — וויפל ס'איז נאָר מעגלעך געווען — אויסצומיידן דאָס צוזאמענטרעפן זיך מיט לייזערקען. נאָר ווי שווער ס'איז געווען פאר איר דאָס אויסמיידן אים, איז נאָך שווערער געווען פאר איר — נישט צו טראַכטן וועגן אים...

15

בעת דער אָקופּאַציע פון די דייטשן, אינעם מלחמה־ווירוואַר מיט אַלע אירע אומנאָרמאלע פלאַגענישן און הפקר־ספּעקולאַציעס, האָט איטשע־מאיר אינגאנצן זיך געביטן. ס'זענען כמעט פארשוואונדן זיינע אַפּטע דעפּרעסיעס. ער איז מיטאמאָל לעבעדיקער, רירעוודיקער און ווי יונגער געוואָרן. די גרויסע געשעענישן וואָס האָבן פאַרכאַפּט אַ וועלט און האָבן נאָך ווייט געהאַלטן פון פאַרענדיקן זיך, האָבן ווי ביי אַ סך מענטשן, אויך ביי איטשע־מאירן — ווי מיט אַ כישוף־שטעקעלע אָוועקגענומען אַלע פריערדיקע משפּחה־זאָרגן און עגמת־נפשן וועגן נחת און תכלית פון קינדער. מענטשן האָבן איצט געהאַט אַנדערע זאָרגן. די וואָס האָבן גאָרנישט פאַרמאָגט ביז דער מלחמה, — און די זענען געווען דער רוב — האָבן געזאָרגט ווי אזוי איבערצולעבן די־אָ מלחמה־זאַווערוכע; די וואָס האָבן יאָ עפּעס פאַרמאָגט, האָט אַ גרויסער טייל פון זיי געזאָרגט, ווי אַזוי אויסצונוצן די קאָניונקטור פונעם ווירטשאַפטלעכן כאַאָס — כדי צו פאַרגרעסערן זייער פאַרמעגן... צו דער דאָזיקער צווייטער קאַטעגאָריע, האָט געהערט ר׳ איטשע־מאיר יעלניק. אָבערביידע קאַטעגאָריעס האָבן, נישט געקוקט אויף זייערע באַזונדערע צילן — געמוזט שווימען מיט איין און דעם זעלבן שטראָם — ווייל... ווי ס'זאָל נישט אויסזען דאָס נייע לעבן נאָך אַזאַ וועלט־מלחמה, — דאַרף מען עס נישט באַגעגענען מיט קיין ליידיקע הענט...

בעתן פאַרלאָזן וואַרשע דורך די רוסן, האָט ר׳ איטשע־מאיר נאָך גוט אָפּגעשניטן מיט זיין מעל־מסחר. בלויז אַ קליינע סומע געלט איז אים ביי זיי פארלוירן געגאנגען. ער איז נאָך געבליבן מיט אַ שיינעם סקלאַד מיט סחורה און אַ גאַנץ אָנגעזעענעם קאַפּיטאַל במזומנים. גלייך נאָכן אריינקומען פון די דייטשן, נאָך איידער זייערע מיליטער־אָרגאנען האָבן זיך נאָך באַוויזן רעכט ארומצוקוקן, האָט ער שוין געהאַט אויספארקויפט צו די דעטאַל־שפּייז־קרעמער דריי־פערטל פון זיין פול־געפּאַקטן סקלאַד מיט מעל — אַ זאַך וואָס ער האָט אפילו שפּעטער באַדויערט. איטשע־מאיר האָט

געגומען האַנדלען מיט פֿאַרשידענע שפּייז־אַרטיקלען, ביי וועלכע ער האָט שוין, בלית ברירה געמוזט אַריין אין האַזאַרד־טראַנזאַקציעס. דעם אמת געזאָגט, איז עס גאָר יואל־הערש געווען דער, וואָס האָט אים אָנגעהויבן אַריינפירן אין זיי. פון די מערסטע דורך יואל־הערשן פאַרגעשלאָגענע טראַנזאַקציעס, האָט ער זיך אינגאַנצן אָפּגעשאָקלט. וואָס איבער דער מאָס — פלעגט אים איטשע־מאיר זאָגן — איז נישט געזונט... מ׳באַדאַרף נישט איבערציען דאָס שטריקל... מ׳דאַרף זיך בלויז דורכשטופּן ביז ס׳וועלן ווידער קומען נאָרמאַלע צייטן — דעמאָלט איז אַ קונץ צו זיין אַ סוחר...

יואל־הערש האָט דעריבער אַ סך ריזיקאַלישע מסחרים געמאַכט אויף אייגענער האַנט, אָן ר׳ איטשע־מאירס וויסן און, פאַרדינט שטיקער געלט.

דעם טאַטנס וואָרענישן וועגן „איבערציען דאָס שטריקל" אָדער, אַז מען קאָן זיך „אויסגליטשן", — האָבן נישט בלויז זיך נישט צוגעקלעפּט צו יואל־הערשס אויערן, נאָר להיפּוך: מיטן זעלבן ברען און מיטן זעלבן דרייען מיטן גראָבן פינגער, ווי ער פלעגט דאָס אַמאָל טאָן אין דער ישיבה בעתן פאַרטיידיקן זיינע אַרויסזאָגעכצן אין אַ תורה־וויכוח, האָט ער זיך באַמיט צו פאַרטיידיקן פאַר איטשע־מאירן זיינע געוואַגטע ספּעקולאַציע־עסקים און אויפצווייזן אַז ער פאַרמאָגט אין די אופנים פון „היינטיקן האַנדל", מער בקיאות פון אים...

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז גערעכט איז געווען דער פאָטער, ווייל נאָך אַ ריי געלונגענע טראַנזאַקציעס, האָט ער זיך טאַקע אויסגעגליטשט און אַרויס כמעט אַ נאַקעטער...

ביים ערשטן נישט־געלונגענעם עסק, האָט ער פאַרלוירן אַ גאָר גרויסן טייל פון דעם, וואָס ער האָט געהאַט פאַרדינט פון שפּייז־אַרטיקלען, לעדער, סאַכאַרין, „האַרטע" און „ווייכע"; און ביים צווייטן נישט־געלונגענעם מסחר — דאָס איבעריקע אָנגעזאַמלטע געלט, מיט אַ צולאָג פון אַ גרויסער טייל פונעם נדן, וואָס ער האָט נאָך גאָרנישט לאַנג צוריק, באַקומען פון זיין שווער ר׳ לייביש שעניצער. נאָך אַלעמען, האָט נאָך יואל־הערש געמעגט גומל בענטשן, וואָס עס איז בלויז אויסגעגאַנגען צום פּטרן פונעם גרעסטן טייל פון זיין פאַרמעגן — ווייל ס׳האָט אים אויך געדראָט דערביי אָפּצופוילן אַ לאַנגע צייט אין תפיסה.

די מעשה פון זיין דורכפאַל איז געווען אָט אַזאַ:

אין די ערשטע עטלעכע חדשים נאָכן באַזעצן וואַרשע דורך די דייטשן,

זענען ביי איטשע־מאירן, אין א באזונדער צימער, איינגעשטאַנען צוויי דייטשישע אָפיצירן, וואָס זענען ווי אין אַנדערע ערטער אין שטאָט, געוואָרן ביי אים איינקוואַרטירט דורך דער הויפט־קאָמענדאַנטור פון וואַרשעווער גאַרניזאָן.

די אָפיצירן, וואָס זענען געווען באַאמטע אין אַן אַפּראָוויזאַציע־אַמט פאַר מיליטערישע אינסטיטוציעס, האָבן נאָכן אָפּוווינען ביי איטשע־מאירן עטלעכע חדשים, — באַקומען א באפעל פרייצומאַכן דאָס צימער און זענען אַוועק.

אין אַ צייט אַרום, האָט איינער פון די צוויי אָפיצירן, שפּאַצירנדיק איבער דער שטאָט, צופעליק אַנגעטראָפן אין גאס יואל־הערשן, וועמען ער האָט גוט געקענט. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, פאַרפירט אַ שמועס און יואל־הערש האָט זיך פאַרטרויט פאַר אים, אַז צוליב דעם שטרענגן געזעץ, איז דער האַנדל זייער באַשווערט.

דער אָפיציר, אַ גרויסער לעביונג, וואָס זיין גאַזשע האָט ווייט נישט געקלעקט אויף צו געבן א גוטן לעב, האָט יואל־הערשן פאַרגעשלאָגן אַרויס־צוהעלפן אין זיינע שוועריקייטן. זיין פאַרשלאַג איז באַשטאַנען פון אַ גאַנץ פשוטן פּלאַן:

היות ער אַרבעט אין א ספּעציעלן אַפּראָוויזאַציע־אַמט פאַר מיליטע־רישע אינסטיטוציעס, קאָן ער אים באַזאָרגן מיט אַ דאָקומענט, אין וועלכן ער וועט פיגורירן אַלס באַפולמעכטיקטער צושטעלער פון זיין אמט... אין אויפן סמך פונעם דאָזיקן באַשטעטיקונגס־שיין, וועט ער, יואל־הערש, קאָנען פראַנק־און־פריי אריינברענגען מיט דער באַן, אָדער אדורכפירן מיט אקס — סחורות וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער צוטיילונג און אויפ־זיכט פון דער אָקופּאַציע־מאַכט.

יואל־הערש, זוכנדיק וואָס שנעלער אָפּצונעמען דעם גרויסן געלט־פאַרלוסט פונעם לעצטן דורכפאַל, האָט גלייך אויפן אָרט, אָן זיך אָן עצה־האַלטן מיטן טאַטן, — איינגעשטימט אויפן פאַרגעשלאָגענעם עסק. דער אָפיציר האָט אָפּגעשמועסט מיט יואל־הערשן צו טרעפן זיך מיט אים אין צוויי טעג אַרום, אין דער זעלבער צייט און אויפן זעלבן אָרט.

יואל־הערש האָט די גאַנצע צוויי טעג געפיבערט מיט פאַרשידענע פּלענער, ווי אַזוי בעסער אויסנוצן די אומגעריכטע, ווי פון הימל אַראָפּגע־פאַלענע געלעגנהייט...

ר׳ איטשע־מאיר, דערהערנדיק פון יואל־הערשן די מעשה מיטן אָפּיציר, האָט ער אים שטרענג אָנגעזאָגט און געוואָרנט, אז ס׳זאָל אים, למען השם, נישט איינפאלן פאַרפלאָנטערן זיך מיט מלכות אין טריפהנע געשעפטן.

יואל־הערש האָט געפּרוווט באַרואיקן דעם טאַטן מיט דעם, אַז דער באַפּולמעכטיקונגס־שיין, וואָס ער באַקומט פונעם אָפּיציר, האָט בלויז די גילטיקייט אויף איין חודש...

— אפילו אויף קיין איין טאָג נישט! — האָט איטשע־מאיר געשריגן און געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש אַריין — מ׳דאַרף זיך נישט שפּילן מיט פייער!...

יואל־הערש האָט דעם טאַטן נישט געפאָלגט.

באַקומען דעם שיין אין דער האַנט אַריין, האָט ער, אויף אַ פּרווו, אַדורכגעפירט עטלעכע מאָל, סיי מיט דער באַן און סיי מיט אַקס, קלענערע פּאַרטיעס סחורות. קומט אָבער דער אַפּעטיט מיטן עסן, — האָט יואל־הערש איינמאָל פאַרטראַכט אַריינצוברענגען קיין וואַרשע, אויסער זיינע שוין אויסגעוויילטע אַרטיקלען, — נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַ... פּאַרטיע בהמות, — ביי וואָס מען האָט געקאָנט „אַריינשיסן אַ קאָפּל מיט געלט״. וועלנדיק זיין זיכער אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט, אַז דער עסק וועט אדורך בשלום, האָט ער זיך ווידער געטראָפן מיטן אָפּיציר, כדי צו הערן פון אים צי ער קאָן מיט דער הילף פון זיין שיין אַריינברענגען אַ „קועלע״...

דער אָפּיציר, וואָס האָט דערזען א געלעגנהייט צו פאַרדינען אַ פּריש ביסל געלט, האָט פאַרזשמורעט אַן אויג און מיט אַ כיטרע שמייכעלע געפרעגט ביי אים:

— זאָג מיר, ליבענקער, איז עס א „קועלע״ אָדער א קו? צי בלויז איינע? אָדער מער?... — אז כ׳וועל וויסן דעם אמת, וועל איך דיר קאָנען געבן די ריכטיקע עצה.

יואל־הערש האָט גענומען שטאַמלען, און מיט יעדע מינוט איז געבוירן געוואָרן אַ פרישע בהמה...

— האָסט דאָך גלייך געקאָנט אזוי זאָגן, מיין „פרוינדכען״ — האָסט געוואָלט איבערקלוגלען אַ דייטש?!...

— גוט, מ׳קאָן עס מאכן! כ׳מוז דיר אָבער געבן אין באַגלייטונג מיינס אַ מענטש וועמען כ׳מוז, פאַרשטייט זיך, באַזונדער באַפרידיקן... נאָר ווייס איינס: דו דאַרפסט אויפן גאַנצן וועג זיך האַלטן קעגן אים, ווי דו וואָלסט

געווען גאַנצע הונדערט פּראָצענט אין אָרדענונג און זיך אויסהיטן צו פאַר־פירן מיט אים דעם מינדעסטן שמועס, וואָס האָט א שייכות צו מיר און דעם גאַנצן ענין, דאָס בעסטע וועט זיין — אינגאַנצן שווייגן; דער אונטער־אָפיציר וואָס כ׳וועל דיר מיטשיקן, וועט דיר דינען ווי אַ גוטע מאַסקי־רונג און באַפעסטיקן דיין שיין; ער וועט דיך אויך באַגלייטן ביזן אַדורכ־פאָרן די מיליטערישע וואַך ביי די „ראָגאַטקעס".

אדורכגעקומען נאָך אַ קורצער דינגעניש מיטן אָפיציר, האָט אים יואל־הערש גלייך געסילוקט פאָרויס פאַר זיין טירחה. און ביידע האָבן זיך צעשיידט צופרידענע פונעם געשלאָסענעם עסק.

יואל־הערש האָט נאָך דעם זעלבן טאָג זיך אָוועקגעלאָזט הינטערוועגס. אויף צו מאָרגנס האָט ער זיך געטראָפן מיט עטלעכע בהמות־הענדלער און קצבים, וואָס האָבן אים „אויף בלינד" געגעבן אן אדערויף אויף דער סחורה און אָפגערעדט מיט זיי, אַז אין דריי טעג אַרום, צווישן צוועלף און איינס אַזייגער בייטאָג, דאַרפן זיי אים אָפּוואַרטן מיט דער פּאַרטיע בהמות נישט ווייט פון די מאַרימאָנטער „ראָגאַטקעס". ס׳איז דערביי געוואָרן אָפגערעדט, אַז באַלד ווי יואל־הערש וועט בשלום אַדורכפירן די סחורה דורכן מיליטע־רישן וואַך־פּאָסטן, נעמט יעדער פון זיי צו צוויי „שטיקלעך" און פירן זיי שנעל אַוועק אין פאַרשידענע פון פאָרויס צוגעגרייטע געהיימע „מלינות".

דער טאָג איז געווען אַ פּראָסטיקער, מיט אַ ווי־פּאַרגליווערטער רויט־לעכער זון. אַ ווינטיק בייסיקע קעלט האָט געיאָגט אין פּנים אַריין און דורך די מלבושים געקראָכן אין די ביינער אַריין. איבערן אייזיק־פאַרהאַרטעוועטן שניי, אויפן צעהויקערטן וועג אין דער ריכטונג צו די מאַרימאָנטער „ראָגאַטקעס", האָבן צוויי דורכגעפרוירענע פערדלעך, מיט ווייסע פּראָסט־צעפּלעך ארום די מאָרדעס, געשלעפּט צוויי וועגעלעך אָנגעלייגטע מיט זעקלעך און קעסטלעך.

נישט פאָרויספילנדיק קיין שום שלעכטס, איז פאָרויס, אינעם ערשטן פורל, געזעסן יואל־הערש, געזעסן אַ גוט אַיינגעקנעפּלטער אין אַ טכויערן פוטער מיט א ברייטן ווידרענעם קאָלנער אויפגעשטעלט ביז איבער די אויערן. הינטער אים, אינעם צווייטן פורל, האָט זיך געפונען דער אונ־טער־אָפיציר. אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין אַ זאַק, איבערגעדעקט מיט אַ שווערן וואַך־פּעלץ, איז ער געלעגן אַ טויט־שיכורער און נעבן זיינע פיס האָט זיך געוואַלגערט אַ ליידיקע פלאַש פון בראָנפן... רואיק, גאָרנישט צו

פּאַרדעכטיקן עפּעס, האָבן הינטערביידע פורלעך, צוויי געדונגענע אָנטריי־בער מיט אַראָפּגעלאָזטע קוטשמעס איבער די אויערן, און מיט רויטע געפרוי־רענע פּנימער — מיט לאַנגע שטעקנס און מיט א הויכן „א־הו פאַדלעס״! — אונטערגעיאָגט אַ „פּאַרטיע״ בהמות, וואָס האָבן זיך כסדר געריסן אין דער זייט פונעם וועג און בשום אופן נישט געוואָלט גיין ווי „מענטשן״...

געשען איז דאָס אומגליק, סך הכל עטלעכע צענדליק מעטער פאר די „ראַגאַטקעס״ נעבן וועלכע ס׳איז געשטאַנען א מיליטערישער וואַך־פּאָסטן, און מיט עטלעכע מעטער אָפּגערוקט — א גרויסע הילצערנע בודע, אַ מין קאַנצעלאַריע, אין וועלכער ס׳האָט זיך געפונען אַ טעלעפאָן, אַ קיילעכדיק אייזערן אייוועלע און אן אלטער שרייבטיש, ביי וועלכן אַ וואַכמאַן און אן אונטער־אָפיציר האָבן פון לאַנגוויל געשפּילט אין דאָמינע.

די רעדער פון ביידע פויערישע פורלעך האָבן געמיטלעך געסקריפּעט איבערן פאַרקאָוועטן שניי און דער בליק פון יואל־הערשס רונדע שמאַלציקע פיש־אויגן איז געווען געווענדעט פאָרויס איבערן „שליאַבאַן״ אַריבער, צו דער שנייאיקער ווייט ווו די באַקאַנטע סוחרים זיינע, האָבן געדאַרפט קומען אַפּנעמען ביי אים די „שטיקלעך״.

— — — פלוצלינג זענען מיטן וועג, פון ביידע קעגנזעצלעכע ריכטונ־גען, אָנגעפאָרן מיט אימפּעט, צוויי מיליטערישע לאַסטאויטאָס, וואָס האָבן, וועלנדיק אויסמיידן די בהמות — אָנגעשטויסן זיך איינער אָנעם אנדערן. דער קלאַפּ פונעם צוזאמענשטויס, און דאָס יאָמערלעכע מוקען פון א קו, האָט אַרויסגעריסן יואל־הערשן פון זיינע זיסע טראַכטעניש — — — אין מיטן וועג, הינטערן צווייטן פורל, איז געלעגן אַ געהרגעטע קו, וואָס האָט נאָך געציטערט מיטן גאַנצן גוף, און מיט צוויי מעטער ווייטער, — אַ צווייטע מיט צעבראָכענע פאָדערשטע פיס. די צוויי לייכט־פאַרוווּנדעטע שאָפערן זענען בלויז געשטאַנען און באַטראַכט זייערע מאַשינען... דער וואַכמאַן מיטן אונטער־אָפיציר, זענען שנעל אַרויס פון דער הילצערנער בודע און זיך געלאָזט מיט ברייטע טריט צום אָרט פונעם פאַרפאַל. דערזען וואָס עס איז געשען, האָבן זיי גלייך גענומען פונאַנדערפרעגן צו וועמען עס געהערן די מאַשינען און צו וועמען די בהמות. ווי פון אונטער דער ערד ארויס, האָט זיך באַוויזן אַ פעלדפעבל פון דער זשאַנדארמעריע, און אויף זיינע פראַגן, צו וועמען עס געהערן די בהמות, האָבן די אָנטרייבער אָנגעוויזן אויפן טויט־שיכורן אונטער־אָפיציר וואָס

איז נאָך אַלץ געלעגן איבערגעדעקט מיטן שווערן וואָך־פּעלץ אינעם צווייטן פּורל.

דער טויט־שיכורער אונטער־אָפיציר, ווען דער זשאַנדאַרם האָט צעטרייסלט — האָט אומפאַרשטענדלעך געלעפּעטשעט מיט דער צונג און אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף יואל־הערשן...

פאַרשטעלנדיק זיין באַשטעטיקונג־שיין אַלס באַפּולמעכטיקטער צושטעלער פונעם אָנגעוויזענעם אַמט, האָט יואל־הערש גלייך אויפן אָרט מסכים געווען, נישט בלויז מותר צו זיין אויפן פאַרלוסט, וואָס ער האָט געליטן צוליבן פאַלן פון די צוויי בהמות, נאָר אַפילו אויך איינגעשטימט צו דעקן דעם שאָדן פאַר די צוויי מיליטערישע מאַשינען...

יואל־הערשס שנעלע מותר־זיין אויף יעדע פּרעטענסיע און דאָס גרייט־זיין אַפילו צו דעקן דעם שאָדן פוןביידע מאַשינען — נאָך איידער ס׳איז באַוויזן געוואָרן ווער ס׳טראָגט די שולד פאַרן פאַרפאַל, — האָט אַרויסגערופן פאַרדאַכט ביים פעלדפעבל, און איידער יואל־הערש האָט זיך געכאַפּט אין וועלכער וועלט ער געפינט זיך — האָט דער אונטער־אָפיציר שוין גערעדט ערגעץ דורכן טעלעפאָן און — אַלץ איז אַרויס, ווי בוימל אויפן וואַסער...

סך־הכל דריי טעג האָט יואל־הערש זיך געפונען הינטער די קראַטן. דאָס „אַרויסנעמען" אים, האָט אויסער דער קאָנפיסקירונג פון דער „פאַרטיע" בהמות און דער סחורה פון ביידע פורלעך, — אָפּגעקאָסט אַ גאַר היפּשע מטבע, אַזוי, אַז זיין גאַנצער קאַפּיטאַל נאָכן אַרויסקומען פונעם אַרעסט, איז בלויז באַשטאַנען פון וויניקער פון אַ דריטל פונעם באַקומענעם נדן.

נאָך דער געשיכטע מיט די בהמות, האָט ליבעלע גענומען אָפטער נאָכטראַכטן וועגן איר חתונה־האָבן מיט יואל־הערשן. זי האָט איצט נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי עס איז מעגלעך געווען, אַז ס׳זאָל פאַר איר, פאַר דער חתונה, נישט האָבן זיך אַוועקגעשטעלט די פראַגע: „ווי אַזוי קאָן מען דאָס חתונה האָבן מיט אַזעלכן צו וועמען מען פילט נישט קיין שום ליבע" ?...

איר נאָכטראַכטן וועגן דעם האָט זיך נישט גענומען פון יואל־הערשס באַגראָבן איר נדן, ניין, נישט דערפון. אָנגעהויבן האָט זיך עס

אַ געוויסע צייט נאָך לייזערקעס שמועס מיט איר... ליבעלע האָט געוווּסט, אַז אויך איר מאַמעשי האָט אויף אַזאַ אופן חתונה־געהאַט. מען האָט אַראָפּגעבראַכט דעם טאַטעשי פון אַ צווייטער שטאָט — האָט די מאַמעשי נישט איינמאָל דערציילט — און דער זיידע מיט דער באָבען האָבן געזאָגט צו איר: ער איז, טאַכטערשי, אַ קענער, און האָט אויף זיך אַ סוחרישן קאָפּ — ער וועט זיין דיין ריכטיקער זיווג!

אָבער דאָס איז דאָך געווען מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק, נישט אין דער איצטיקער צייט!... און צווייטנס... איז דאָך איר טאַטעשי אַפילו נאָך היינט, אַ שיינער מאַנספּערשוין. וואָס אַן אמת, האָט ליבעלע נאָך אַ לאַנגער צייט פאַר איר חתונה־האָבן מיט יואל־הערשן, געוווּסט, אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי ליבע... זי האָט געוווּסט, אַז דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס מען טראָגט עס טיף אין האַרץ און דער געפיל דערפון איז עפּעס אַזאַ, וואָס מען קאָן עס מיט ווערטער נישט דערקלערן... און געוווּסט האָט זי אויך, אַז דערפאַר וואָס עס דערוועקט אַזעלכע גוטע און אָנגענעמע געפילן — איז עס אַ פאַרבאָטענע זאַך... וואָס אָרנטלעכע יידישע טעכטער דאַרפן וועגן דעם נישט טראַכטן...

באַקענט זיך מיטן געפיל פון ליבע, האָט ליבעלע, ווען זי איז קוים אַלט געווען דרייצן יאָר. אַרויסגערופן דעם דאָזיקן געפיל צום לעבן, האָט דעמאָלט, זייער שניידערס שוואַרץ־אויגיק יינגל יאָסקעלע, וואָס איז עלטער געווען פון איר מיט איין יאָר. אָט דאָס דאָזיקע שוואַרץ־אויגיקע יינגל מיט די ווילד־צעפּלאָשעטע געקרויזלטע האָר, האָט איר איינמאָל אַ קוש־געטאָן און זי, בלימעלע, האָט אים דערפאַר אָפּגעשראָקן, פאַריאָגט און... אַ צייט לאַנג — באַדויערט פאַרוואָס זי האָט עס געטאָן...

זי געדענקט עס אַפילו ביז היינט, ווי אַזוי עס איז געשען: איינמאָל, זומער איז עס געווען, איז יאָסקעלע צוגעקומען צו איר ווען זי איז געשטאַנען מיט אירע חברטעס, צווישן וועלכע זי איז געווען די עלטסטע — און געזאָגט, אַז ער קאָן זיי ווייזן ווו עס וואַקסן רויטע וויינפּערלעך, וואָס מען קאָן זיי רייסן און עסן וויפל דאָס האַרץ גלוסט. זיי זענען אַלע באַשטאַנען צו גיין מיט אים עסן רויטע וויינפּערלעך און יאָסקעלע האָט זיי אַרויסגעפירט הייט הינטערן שטעטל ביז צו דער „זאַגראַדע" פונעם דייטשן סטעלמאַך און, זיי אָנגעוויזן אויף די קוסטעלעך באַשיטע מיט רויטע גלאַנציקע וויינפּערלעך. אין מיטן רייסן און שטופּן אין מויל

אַריין און וואַרפן אין די אונטערגעהויבענע פאַרטעכלעך — האָט איר יאָסקעלע געזאָגט שטיל אויפן אויער: קום ליבעלע, אַביסל ווייטער, דאָרט זענען פאַראַן אַ סך גרעסערע. זאָלן זיי נישט מיטגיין, זיי וועלן אונדז „אויסכאַפּן״ — האָט זי אויך געזאָגט אים אויפן אויער און — ביידע האָבן זיך אומבאַמערקט דערווייטערט, געריסן, געלאַכט פונעם אָפּגעטונענעם „שטיקל״ און געשטופּט אין די מײַלער. מיד געוואָרן, האָבן זיך ביידע אַוועקגעלייגט מיטן פּנים צום הימל און געגעסן פון איר פאַרטוכל. פאַרקוקט זיך אינעם הימל, האָט איר יאָסקעלע מיטאַמאָל געפרעגט: — וואָלסט געוואָלט מיט מיר שווימען מיט אָט דעם שיפל? — האָט ער איר אָנגעוויזן אויף אַ לענגלעך שוועבנדיק וואָלקנדל...

— נאָר מלאכים קאָנען דאָס טאָן! — האָט זי אים געענטפערט מיט ערנסט און גאָטפאָרכטיקייט...

— אויך דו זעסט אויס ווי אַ מלאך, ווי איינס פון יענע מלאכים, וואָס זענען אויסגעמאָלן אין דער שול ווו מיין טאַטע דאַוונט... — און יאָסקעלע האָט גענומען לייכט פירן מיט זיינע פינגער איבער איר פּנים...

— וואָס פאַראַ קלאָר און גלאַטיק פּנים דו האָסט... און אָט די ראָזע פלעקן... — אינגאַנצן ווי אַן עפּל...

זי האָט געקייט די זויערע וויינפּערלעך, געלאַכט און געפּאַטשט אים איבער די פינגער... מיטאַמאָל האָט יאָסקעלע זיך איבערגעבויגן איבער איר און געזאָגט: „לאָז, וועל איך אָפּבייסן אַ שטיקל עפּל״ און... איידער ליבעלע האָט זיך געכאַפּט וואָס ער מיינט דערמיט צו זאָגן, האָט זי באַקומען פון אים נישט קיין ביס, נאָר אַ קוש אין פּנים... זי איז אויפגעשפּרונגען און גענומען לויפן — נישט צוליב אומווילן, ווי צוליב בושה... בעתן לויפן, האָט זי, נישט ווויסנדיק אַליין פאַרוואָס — אים געסטראַשעט, אַז זי וועט עס דערציילן איר טאַטעשי.

זי האָט טאַקע אַזוי געטאָן — דערציילט און, שפּעטער זייער באַדויערט — ווייל ער האָט זי, צוליב דעם, נישט געוואָלט מער זען און זי אויסגעמיטן.

אַ סך, אַ סך אָוונטן נאָך דער געשעעניש, האָט זי דעמאָלט געטראַכט, אַז זי וואָלט אַזוי שטענדיק גרייט געווען צו ליגן נעבן יאָסקעלען און עסן וויינפּערלעך, און זיינע דינע פינגער, זאָלן אַזוי צאַרט באַרירן איר פּנים...

לייזערקע ווען עס איז נישט איינגעפאַלן, אַז ער איז געוואָרן דער אָביעקט פון ליבעלעס טראַכטענישן, און די סיבה וואָס האָט אַרויסגערופן אירע נאָכדענקענישן וועגן יואל־הערשן, האָט דערפילנדיק, ווי זי מיידט אים אויס — געטאָן דאָס זעלבע: זי אויסגעמיטן.

16

בערך אַ יאָר פאַר פוילנס באַפרייאונג, האָט לייזערקע, דער „פּאַן לוציאַן", — ווי מען האָט אים גערופן אין פּאָליטעכניקום און אין דער געזעלשאַפט ווו ער האָט פאַרקערט — באַקענט די פריילין צעלינאַ קראַקאָווסקא. געווען איז עס אויף אַ געבוירנטאָג פון זיינס אַ קריסטלעכן חבר. די פריילין צעלינאַ, וועמען ס'איז אויסגעקומען צו זיצן נעבן לייזערקען, האָט זיך גערן מיט אים אונטערגעהאַלטן און געווען הונדערט פּראָצענט זיכער, אַז זי האָט פאַר זיך אַ „ריינעם פּאָליאַק"... אויך דער „פּאַן לוציאַן", האָט געהאַט לגבי זיין פּאַרטנערין די זעלבע זיכערקייט — כאָטש געווען איז זי, נישט ווי ער — העל־בלאָנד, נאָר טונקל ברונעט.

דאָס פייערן דעם געבוירנטאָג האָט זיך פאַרצויגן ביז איינס אַזייגער ביינאַכט. בעתן פונאַנדערגיין זיך פון די געסט — האָט לייזערקע־לוציאַן אַזוי אויסקאָמבינירט, אַז אויף אים זאָל אויספאַלן דאָס אַהיימבאַגלייטן די פריילין מיט די לאַכנדיקע, עטוואָס שיפּלעכע מאַנדל־אויגן.

כאָטש די שעה איז שוין געווען אַ געגוג שפּעטע, האָבן ביידע, לייזערקע און די פריילין צעלינאַ, געשפּאַנט מיט נישט אייליקע טריט — אין דער שטילקייט פון דער זומערדיקער נאַכט, וואָס האָט געשמעקט מיט אַ זיסלעכן ריח פון בעז. צוויי מאָל זענען זיי צוגעקומען צום הויז ווו צעלינאַ האָט געוווינט און ווידער גענומען גיין אויף צוריק. ס'איז זיי אַ שאָד געווען זיך צו שיידן מיט דער אָנגענעמער נאַכט און מיטן אינטערעסאַנטן שמועס איבער פאַרשידענע פּראָבלעמען, וואָס האָבן זייביידן אַרויפגעבראַכט אויף דער יידן־פראַגע. נאָך אַ קורצן שמועס אויף דער דאָזיקער טעמע, איז פאַר ביידן קלאָר געוואָרן, אַז יעדער איינער פון זיי איז נישט קיין „ריינער פּאָליאַק", נאָר אַ פּאָליאַק פון משהס גלויבן...

עס זענען קוים אַדורך עטלעכע וואָכן נאָך לייזערקעס באַקאַנטשאַפט מיט דער פריילין צעלינאַ, און שוין איז ער געוואָרן אַן אָפטער איינגייער אין הויז פון באַוווסטן גינעקאָלאָג בראָניסלאַוו קראַקאָווסקי.

כדי נישט אַריינצופירן די קראַקאָווסקיס אין אַ טעות, האָט לוציאַן איינמאָל אַנטפּלעקט פאַר זיי דעם „גרויסן סוד“, פון וואָס פאַראַ הויז ער קומט אַרויס... דער דאָקטאָר קראַקאָווסקי האָט אָבער נישט געמאַכט דערפון קיין וועזן און, קלאַפּנדיק לייזערקען פאַמיליאַר איבער די פּלייצעס — אַנטפּלעקט פאַר זיין קינפטיקן איידעם זיין „אייגענעם סוד“: אַז זיינס אַ זיידע האָט אַפילו געפּראַוועט רבנות אין שטעטל וולאָדאַווקע... דערקעגן, זיין פרוי מאַטילדאַ — האָט שוין הינטער זיך אַ לענגערע יחוס־קייט פון יידישער אַסימילירטער אַריסטאָקראַטיע.

נישט געקוקט אויף דער גרויסער רענאָמע און נישט שלעכטע פּאַרדינסטן, האָט דער דאָקטאָר געפירט אַ זייער באַשיידן לעבן. געהאַט האָט ער דריי טעכטער אין שטוב, און אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע, — אַ שוין חתונה־געהאַטן זון, פאַר וועמען ער האָט געצאָלט חודשלעך און נאָך אויסגעהאַלטן זיינע צוויי קינדער, נאָך דעם ווי זייער מוטער, — קראַקאָווסקיס שנור — איז אומגעקומען ביים דריטן קינד...
די וווינונג זיינע איז באַשטאַנען, בסך־הכל, פון פיר צימערן מיט אַ קיך. איינע פון די צימערן האָט געדינט פאַר אַ קאַבינעט אויפצונעמען די פּאַציענטן, און פאַר אַ וואַרט־צימער האָט געדינט דער פּראַנטאָווער פּאַדערצימער אין וועלכן ס'זענען געשטאַנען פיר אַלטע ווייכע שטולן געדעקטע מיט טונקל־רויטן אָפּגעריבענעם פּלוש, אַ לאַנגער און שמאָלער וואַנט־שפּיגל אין אַ געשניצטער ראָם, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך סימנים פון גאָלד־פאַרב.

די זעלבע באַשיידנקייט און שפּאָרזאַמקייט האָט זיך ביים דאָקטאָר קראַקאָווסקי אָנגעזען אויך אינעם אופן פון עסן און אין דער קליידונג. דעם דאָקטאָרס מלבושים און זיין פרוי מאַטילדאַס קליידער, זענען אַלע מאָל געווען אַלט־מאָדיש און מיט צוגעפּרעסטע קונציקע צערעלעך.

ווי ביי דער גאַנצער אַסימילאַטאָרישער עליטע און האַלב־משומדים, האָבן זיך אויך ביים דאָקטאָר קראַקאָווסקי אין הויז געפונען „מוזעאַלע אַנטיקן“: אַן אַלטער מעשענער חנוכה־לאָמפּ; גרויסע, שווערע זילבערנע לייכטער; אַלטע ירושה־ספרים; אַ יום־כיפּורדיק מחזורל אין דער פּוילישער שפּראַך, געבונדן אין לעדער, געראַמלט מיט זילבער און פאַרמאַכט — מיט אַ קלאַפּ־שלעסל. ווי ביי אַ סך אַסימילירטע יידן, האָט אויך דאָקטאָר קראַקאָווסקי פאַרמאָגט אַן אייגענע „שטאָט“ אין דער

גרויסער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע, ווו ער מיט זיין מאַטילדען פלעגן יום־כיפּור קומען הערן דעם קאַנטאָרס כל־נדרי...

ווי שיין און אָנציענדיק ס׳איז געווען צעלינאַ, אַזוי מיאוס, העסלעך, זענען געווען די צוויי עלטערע שוועסטער אירע. ביידע זענען זיי נאָך געווען מיידלעך, און ביידע — האָבן זיי געכאַפּט די ענלעכקייט צו דער מוטער — כאָטש די פרוי מאַטילדאַ קראַקאָווסקאַ, נישט קיין שיינע — איז ווייט געווען פון צו זיין אַזוי מיאוס ווי אירע ביידע עלטערע טעכטער.

אין זייערע רוישיק־פאַרביקע שלאַפראָקן, אין וועלכע זיי פלעגן אין דער פרייער צייט זיך אַרומדרייען איבער די צימערן, האָבן זיי מיט זייערע קנאָכיקע אויסגעצויגענע פּנימער, דינע, שאַרף־געבויגענע נעז און אַרויסשטייענדיקע אויגן־גאַלעס, אויסגעזען ווי צוויי אַלטע פּאַפּוגאַיען... נאָר אַזוי מיאוס ווי זיי זענען געווען, אַזוי זענען זיי געווען פעאיק אויף פאַרשידענע געביטן. די יינגערע איז געווען אַ טאַלאַנטירטע פּיאַניסטין און מוזיק־לערערין, און די עלטערע, — אַ גוטע צייכנערין פאַר קינדער־מעשהלעך, און אַ קינסטלערין אין מאַכן מאַריאָנעטן־ליאַלקעס מיט וועלכע זי האָט אויסגעצירט אַלע צימערן פון דער וווינונג. דאָס זעלבע אויך מיט העפטן. שוין אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר ווי ביידע האַלטן אין אין העפטן. די שופלאַדן זענען ביי זיי פול מיט אויסגעהאַפטענע סערוועטקעס, טישטעכער, האַנטעכער, קאַפּעס, נאַכט־העמדער, ציכלעך צו קישנס און „יאַשיקלעך״, וואָס האָבן פון נישט אַרויסקומען אויף דער ליכטיקער שיין, שוין באַקומען אַ שווינדזיכטיק־געלבלעכע קאָליר... און — קיין מבין אויף זייערע פעאיקייטן האָט זיך נאָך אַלץ נישט אָפּגעפונען...

דער דאָקטאָר קראַקאָווסקי, וואָס האָט שוין אַ סך יאָרן געשפּאָרט נדנים פאַר זיינע דריי טעכטער — ספּעציעל פאַר ביידע עלטערע — האָט אָבער געפּטרט אַ סך פונעם אָפּגעשפּאָרטן געלט, אויף קורירן זיין זון, און נישט געקאָנט דערפאַר טראַכטן וועגן אַ נדן פאַר זיין יינגסטער טאָכטער.

דאָקטאָר קראַקאָווסקי האָט געהאַט אַ גוט אויג און ריכטיק אָפּגעשאַצט: אַז כאָטש זיין יינגסטע טאָכטער, פאַרמאָגט נישט אָט די אַלע פעאיקייטן פון זיינע צוויי עלטערע טעכטער, איז זי אַליין אַ גוטער נדן...

אין אַ געוויסן טאָג, האָט דאָקטאָר קראַקאָווסקי איבערגעגעבן לייזערקען אַ קורץ בריוול מיט זיין וויזיט־קאַרטע אין אַ פאַרקלעפּטן קאָנווערט, און אים געבעטן עס איבערגעבן דעם פאָטער זיינעם.

אינעם בריוול האָט קראַקאָווסקי געשריבן צו איטשע־מאירן, אַז ער לאַדט אים העפלעך אײַן צו זיך, כדי צו האָבן דעם כבוד פּערזענלעך צו באַקענען דעם פֿאָטער פֿון זײַן צוקונפֿטיקן איידעם.

געעפֿנט דעם קאָנווערט, וואָס לייזערקע האָט אים דערלאַנגט מיט אַ צעשטרייטן שמייכל און אַן אָבסערווירנדיקן בליק פֿון איבער זײַנע האַלבע אויגן־גלעזער, האָט איטשע־מאיר, נאָכן דורכלויפֿן די עטלעכע שורות, גלייך אויפֿן אָרט, אויסגעדריקט זײַן גרייטקייט צו באַקענען זײַן צוקונפֿטיקן מחותן מיט די מחותנתטע און זײַן צוקונפֿטיקע שנור.

אַז לייזערקע האָט דערזען מיט וואָס פֿאַראַ באַרייטשאַפֿט דער טאַטע זײַנער האָט אָנגענומען די אײַנלאַדונג, האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און אים געפֿרעגט, צי וואָלט ער נישט אײַנגעשטימט צו גיין אויפֿן וויזיט אין קורצע קליידער...

— ניין! — איז געווען איטשע־מאירס פֿעסטער ענטפֿער.

אין אָנגעשפּיצטער ביז גאָר, מיט אַ מער ווי שטענדיק רויטלעך פּנים, האָט לייזערקע מיט זײַן לאַנג־געקליידטן בערדיקן טאַטן, זיך אויפֿגעהויבן מיט די ברייטע פֿראָנט־טרעפּ — צו דער וווינונג פֿונעם דאָקטאָר בראָניסלאַוו קראַקאָווסקי. לייזערקע האָט נערוועז אַ דריק־געטאָן דאָס קנעפּל פֿונעם עלעקטרישן גלעקל, און ווי מיט אַ קאָמישער, טעאַטראַלער „וואַרע" — אַרײַנגעלאָזט דעם טאַטן פֿאָרויס פֿאַר זיך, איבער דער שוועל פֿון דער געעפֿנטער טיר.

לייזערקע האָט גלייך אין פֿאָדער־צימער באַקענט צעלינאַס אַנטקעגנ־גייענדיקע עלטערן מיט זײַן טאַטן.

ר' איטשע־מאיר האָט מיט אַן אומגעצוווּנגענער און פֿרייער האַלטונג געדריקט זייערע הענט, און ווען זיי האָבן פֿאַר אים אין אויפֿנעם־צימער, באַקענט זייער יינגסטער טאָכטער צעלינאַ, האָט איטשע־מאיר, דריקנדיק איר האַנט, געזאָגט מיט אַן אויפֿגעלייגטער הייטערער שטים:

— עס פֿרייט מיך זייער, טאָכטערשי, צו באַקענען מײַן זונס אויסדערוויילטע!

— און מיך, — צו באַקענען דעם פֿאָטער פֿון לוציאַנען! — האָט אַן אָנגענעמער שמייכל זיך צעלייגט אין צעלינאַס ראָזלעכע חן־גריבעלעך.

ביידע עלטערע שוועסטער, צעלינאַס, האָבן זיך גראָד נישט געפֿונען אינדערהיים. דעם טיש האָט מען געדעקט מיט פֿאַרשידענע פּירות און

אַנדערע גוטע זאַכן, וועגן וועלכע דער דאָקטאָר קראַקאָווסקי האָט געוווּסט, אַז דאָ קאָן נישט זיין קיין שום שאלה וועגן כשרות...

אַריינדערלאַנגט צום טיש האָט אַ פּלאַסטיק־בלאַנד שיקסל פון אַ יאָר זיבעצן, אָנגעטאָן אין אַ ווייסער געפּרעסטער שירץ מיט ברייטע „פּאַלבאַנעס" און אין אַ ווייס הייבל פון הינטער וועלכן ס'האָבן זיך אַפּער־געריסן אירע געלאָקטע האָר. דערזעענדיק, אַז דער גאַסט צוליב וועמען מען פּאָרעט זיך אַזוי ביי אירע באַלעבאַטים, איז אַ באָרדיקער ייד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און אין אַ טוכן „יידיש היטעלע", איז זי שטיין געבליבן אַ פאַרגאַפטע מיט אויפגעריסענע אויגן אויפן גרויסן ווונדער... דאָס ערשטע מאָל זינט איר צוויי־יאָריקער דינסט ביי די קראַקאָווסקיס, האָט זי דאָ געזען „אַזאַ איינעם" אין זייער הויז...

די גאַנצע צייט ביים עסן, האָט צעלינאַ, אומבאַמערקט פאַר די אַרומיקע, באַטראַכט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק, דאָ איטשע־מאירן און דאָ לייזערקען, ווי וועלנדיק מאַכן אַ פאַרגליך אָדער עפּעס אויסגעפינען.

נאָכן ענדיקן די באַשיידענע סעודה, וואָס איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן מיט אַ לייכטן שמועס וועגן וועטער, וועגן דעם לעבן פאַר דער אָקופּאַציע, אין דער אָקופּאַציע, און וועגן דער נאָך נישט פאַרענדיקטער וועלט־מלחמה, האָבן לוציאַן און צעלינאַ געבעטן אַנטשולדיקונג און זענען פאַרשוווּנדן אין אַ זייטיק צימער, כדי איבערצולאָזן די מחותנים אַליין אויף דורכשמועסן זיך וועגן תכלית־זאַכן.

נאָכן באַרירן אַ ריי תכלית־פראַגן פאַר די קינדער, האָט דאָקטאָר קראַקאָווסקי פאָרגעשלאָגן, אַז ער טראַכט דורכצופירן דעם „שלוב" אין דער גרויסער סינאַגאָגע אויף דער טלאָמאַצקע, צו וועלכער ער געהערט... דער דאָקטאָר האָט אויפן אָרט געוואָלט באַשטימען אויך דעם טערמין פונעם „שלוב", אָבער דאָ האָט זיך ר' איטשע־מאיר איינגעקשנט און פאָרגעשלאָגן, אַז דער טערמין זאָל באַשטימט ווערן בעתן וויזיט פון די קראַקאָווסקיס, אין זיין הויז.

די קראַקאָווסקיס זענען דערויף איינגעגאַנגען. נאָכן באַזוך ביי איטשע־מאירן, האָט קראַקאָווסקי צופרידן געזאָגט לייזערקען, אַז ער האָט גאָרנישט אַזאַ צוריקגעשטאַנענעם טאָטן, אַז ער איז ווייט נישט קיין פאַנאַטיקער — יעדנפאַלס, אַ סך אַ קלענערער, ווי עס זענען אַ גרויסע צאָל פון די גלויביקע קריסטן.

טראַץ דעם, וואָס ר׳ איטשע־מאיר יעלניק איז גרייט געווען אָוועק־צוגעבן די גאַנצע רייך־אויסגעשטאַטע וואוינונג צו בײדע זין, און אַליין זיך באַגנוגענען בלויז מיט זיין נישט־גרויסן קאַבינעט, און נישט געקוקט וואָס בײדע זין קאָסטן אים נאָך ביז איצט אָפּ שווערע געלטער — איז זיין אײנציקער און אויפריכטיקער פריינט אינעם הויז געבליבן — פריידעלע.
פריידעלע האָט ווייטער, ווי זי האָט עס געטאָן נאָך פייגעלעס טויט — אַכטונג־געגעבן אויף איטשע־מאירס אויסערלעכן אויסזען און געזאָרגט, אַז זיינע וועש, קליידער און שיך, זאָל זיך שטענדיק געפינען אין דער בעסטער אָרדענונג; אַכטונג־געגעבן ער זאָל עסן צו דער צייט, נישט עסן וואָס ס׳טויג נישט פאַר אים, און ווען ער האָט זיך נישט גוט געפילט, — אים אונטערגעיאָגט ער זאָל גיין צו אַ דאָקטאָר. זי פלעגט אַפילו וואַגן אָנשרייען אויף אים, ווען זי פלעגט אײנזען אַז ער האָט מיט עפּעס נישט ריכטיק געהאַנדלט, און אין צייטן פון דעפּרעסיע — אויסרעדן אים און טרייסטן.

צוליב דעם אַלעם, האָט איטשע־מאיר נישט געהאַט פאַר איר קיין שום סודות און ער פלעגט זיך מיט איר אָן עצה־האַלטן וועגן די וויכטיקסטע ענינים.

פריידעלע איז שוין אַלט געווען זיבנאונפערציק יאָר. כאָטש נישט קיין מיאוסע אויפן פנים — האָט זי צוליב איר מום פאַרלוירן יעדע האָפענונג צו באַקומען אַ מאַן. נישט אײנמאָל פלעגט ביי איר אויפשווימען אַ געדאַנק: בסך־הכל איז איטשע־מאיר עלטער פון מיר מיט אַ צוועלף־דרייצן יאָר... ער האָט שוין טאַקע אַ גאַנץ־גראָע באָרד — פונדעסטוועגן — נאָך אַ גאַנץ קרעפטיקער און שיינער מאַנספּערשוין... צו די געפילן וואָס פריידעלע האָט ביז איצט געהאַט צו איטשע־מאירן — געפילן, ווי פון אַ טאָכטער צו איר טאַטן, אָדער ווי פון אַ שוועסטער צו איר עלטערן ברודער איז צוגעקומען אַ גאַנץ ניי געפיל: דער געפיל פון איין מין צום צווייטן...

כמעט מיט די זעלבע געמישטע געפילן האָט זיך אויך אַרומגעטראָגן איטשע־מאיר צו פריידעלען, צו זיין שוועגערין נאָכן ערשטן ווייב. עס פלעגט לעצטנס אָפט געשען, אַז זייענדיק מיט זיך אַליין, פלעגט אין זיינע מחשבות פלוצלינג אויפטויכן פאַר אים פריידעלע און — ער פלעגט זיך פאַרטראַכטן איבער איר פינצטערן גורל. יעדעס מאָל, ווען דאָס פלעגט געשען, פלעגט ער זיך מאַכן שווערע פאַרוואורפן, — אַז נישט קיין אַנדערער,

ווי נאָר ער, איז דער שולדיקער אין אירע פּאַרזעסענע יאָרן, אין איר צעבראָכן נישט אויסגעלעבט לעבן... וואָס איז? — האָט ער זיך יעדעס מאָל אַליין געפרעגט — האָב איך נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו געבן איר אַזאַ נדן, אַז עס זאָל זיך געפינען אַ בעלן אויף איר? יעדעס מאָל איז ער אָבער געקומען צום זעלבן אויספיר, אַז ער איז נאָך אַלעמען, פּאַרט נישט שולדיק, ווייל וויניק האָבן פון אים די שדכנים באַקומען פעטע „הוצאות" אויף נאָכזוכן, אַרומקוקן זיך? וויניק זענען געווען די פאַרגעשלאָגענע שידוכים? — און וואָס? — מען איז נישט געלאָפן אויפן נדן... און די וואָס זענען יאָ געלאָפן... האָבן זיך אַרויסגעוויזן, אָדער פאַר נישט־זיכערע טיפּן, אָדער אַזעלכע, אַז מען האָט נישט באַדאַרפט האָבן אין זיך קיין מענטשלעך האַרץ פאַרצולייגן זיי פריידעלען.

ווען ר' איטשע־מאיר פאַרטראַכט זיך וועגן פריידעלעס גורל, נעמט ער זיך ווידער דערמאָנען די ווערטער, וואָס זיין ערשט ווייב, טעמעלע, האָט אים, געציילטע שעהן פאַרן אָוועקגעבן גאָט איר נשמה — שטרענג אָנגעזאָגט: „איך לאָז זי איבער אין דיינע הענט, איטשע־מאיר... — איצט, וועסטו דאַרפן זיין פאַר איר אַלץ... פאַרגעס נישט איטשע־מאיר — זי האָט קיינעם נישט אויף דער וועלט, אויסער דיך"... „זיין אַלץ פאַר פריידעלען", האָט דעמאָלט מאָדנע אָפּגעקלונגען אין איטשע־מאירס אויערן און... געבליבן שטעקן ערגעץ טיף פאַרבאָרגן אין אַ קעמערל פון זיין מוח. איז דען דעמאָלט געווען די צייט איבערצופרעגן זי וואָס זי האָט געמיינט מיטן וואָרט „אַלץ"?

דעמאָלט האָט ר' איטשע־מאיר באַמיט זיך איינצורעדן, אַז ס'האָט זיך אים בלויז אַזוי אויסגעדאַכט, אַז טעמעלע זאָל האָבן אַזוי געזאָגט און — פאַרגעסן, נישט געדענקט וועגן דער געשיכטע, די גאַנצע צייט וואָס פייגעלע האָט געלעבט... אָבער לעצטנס, האָבן די דאָזיקע ווערטער אַרויפגעצויגן אויף זיך פלייש און בלוט, און אַלץ אָפטער און דייטלעכער אָפּגעקלונגען אין זיין זכרון...

און געשען איז אַ גאָר ערנסטע זאַך. אַ זאַך, וואָס טרעפט זיך אפשר גאָר זעלטן ביי אַזעלכע מענטשן ווי פריידעלע און איטשע־מאיר. און פּאַסירט האָט עס דערפאַר, וואָס אין ביידע האָבן גענעסטיקט די זעלבע געפילן וואָס די אומשטענדן האָבן זיי געבוירן.

געשען איז עס אין א זומער־נאַכט, אין אַ צייט ווען לייזערקע האָט

פארברענגט מיט זיין צעלינאַ אויף אַ חתונה פון אַ שול־חבר אין וואָלאָמין, און יואל־הערש, וואָס האָט שוין געהאַט אַ יינגעלע פון אַ יאָר, האָט זיך געפונען מיט ליבעלען אין ביאַלע צו־גאַסט ביי אירע עלטערן. אין הויז האָבן זיך בלויז געפונען ר׳ איטשע־מאיר, פריידעלע און פערעלע די קעכין. פערעלע איז געשלאָפן אין דער קיך אין אַ פּאַרטיפּטער נישע, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיטן וואַנע־צימער. פריידעלע איז געשלאָפן אין דער סאַליע, אויף דער ברייטער אָטאָמאַנע אויף וועלכער אסתרל איז אַמאָל געשלאָפן, און ר׳ איטשע־מאיר, — אויף דער אויסגעבעטער לעדערנער סאָפע אין זיין קאַבינעט, ווו ער האָט זיך איבערגעקליבן שלאָפן נאָך זיין פייגעלעס טויט.

די טיר פון איטשע־מאירס קאַבינעט און איינע פון די דאָפּלט־טירן פון דער „סאַליע״, האָבן זיך געפונען איינע אַנטקעגן דער צווייטער אינעם לאַנגן פּראָנטאָון פאָדערצימער. די נאַכט האָט דערמאָנט אַ האַרבסטיקע נאַכט. דער הימל איז געווען געדיכט פאַרוואָלקנט, און מיט קליינע הפסקות, איז געפאַלן אַ געדיכטער רעגן.

איטשע־מאיר, וואָס איז — ביי אַלע זיינע דאגות — שטענדיק דורכגעשלאָפן די נאַכט אָן איבערצוּוועקן זיך, האָט עפּעס אין דער נאַכט געהאַט אַן אומרואיקן שלאָף. דאָ, האָט אים דאָס קלאַפּן פונעם רעגן אָן דער פענצטער־בלעך און אין די שויבן, געקלאַפּט ווי מיט אַ לייכטן הוילן קעגנשטאַנד איבערן מוח און, דאָ האָט זיך דאָס צוזאַמענגעמישט מיט אַ געוואָי און מיט אַ סקאַווטשען פון אַ הינטל הינטער זיין צוקאָפּנס... איטשע־מאיר האָט אין אַ האַלבן שלאָף געגומען פירן מיט דער האַנט אויפן קישן אַרום זיין קאָפּ, כדי אַוועקצוטרייבן פון זיך דאָס וואָיענדיקע הינטל און, פירנדיק אַזוי מיט דער האַנט — אומגעוואָרפן דעם וועק־זייגער, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ נאַכט־טישל נעבן דער לעדערנער סאָפע. פונעם קלאַפּ, איז ער אינגאַנצן אַרויס פונעם שלאָף און גענומען זיך איינהאָרכן — פון וואַנען ס׳קומט דאָ אַהער דאָס וואָיען פון אַ הינטל און פלוצלינג — דערהערט דורך דער האַלב־אָפּגעשפּאַרטער טיר פון דער „סאַליע״ — אַ שטיל יאָמערלעך וויינען פון אַ פרוי.

— פריידעלע גאָר?! פריידעלע וויינט?! — האָט ער אַן איבעראַשטער און אַ צעשראָקענער געלאָזט זיך אין דער פינצטער צו דער „סאַליע״.

צוגעקומען צו דער אָטאָמאַנע, האָט ער באַמערקט ווי זי האַלט איר

האנט אויפן הארץ און וויינט פון שלאף. אנשטאט זי איבערצוּוועקן דורך א רוף־טאן זי ביים נאמען, האט ער געוואלט איר אראפנעמען די האנט פון הארצן.

א שטארק איבערגעשראקענע פון דער אומגעריכטער באַרירונג פון עמעצנס א האנט, איז פריידעלע אויפגעקומען מיט א געשריי, און פאר פחד — מיטן גאנצן כוח אנגעכאפט איטשע־מאירס האנט. — — — —

מיטן אנהייבן טאג, האט איטשע־מאיר פארלאזט די „סאליע״... צומארגנס ביים פרישטיק האבן זיי וועגן דעם וואס איז אין דער נאכט געשען צווישן זיי — מיט קיין ווארט נישט דערמאנט. פארן אוועקגיין האט איר איטשע־מאיר, באמערקנדיק איר צעטראגנקייט, געזאגט בלויז עטלעכע ווערטער: זיי רואיק פריידעלע, — האט ער זי באַרואיקט — פון היינט אן זענען מיר מאן און ווייב! מיר וועלן עס אויך, ווי מעגלעך שנעל דערליידיקן כדת משה וישראל... פאר זיי, פאר די קינדער, דארף עס זיין פארהוילן ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן — דעמאלט, וועלן מיר אוועקפארן אהין, ווו ס׳האט זיך נישט איינגעגעבן צו דערגרייכן וויגדערן מיט לייטשען — קיין ארץ־ישראל.

17

דער זומער איז אוועק. ס׳האבן זיך געשטעלט קילע, אבער טרוקענע און ליכטיקע טעג פון א גאלדענעם פרי־הארבסט. דאס אקופירטע פוילן האט זיך געפונען ערב גורלדיקע היסטארישע געשעענישן. מיט דער שנעלקייט פון א בליץ, האט זיך איבערן גאנצן לאנד, פון מויל צו מויל, צעטראגן די ידיעה וועגן דער רעוואלוציע אין קייזערלעכן דייטשלאנד.

דער קיינמאל נישט פארלאשענער טרוים וועגן צוריקגעווינען די נאציאנאלע זעלבשטענדיקייט, וואס האט געטליעט ביים פוילישן פאלק במשך זיין איבער הונדערט־יאריקער קנעכטשאפט אונטערן צארישן שטיוול, האט פון דער דאזיקער ידיעה דערוואכט מיט נייע האפענונגען, און דער טליענדיקער טרוים וועגן א באפרייט פוילן, האט זיך אנגעצונדן מיט א פלאמיקן רוף: „ס׳האט געשלאגן די שעה״... פוילישע פאטריאטישע אונטערגרונטלער, האלב־מיליטערישע ספארט־ארגאניזאציעס און ברייטערע שיכטן פון די פאלקס־מאסן, האבן אנגעהויבן אין דער שטיל, אין געהיים, פארוואנדלען דעם אזוי לאנג געפלעגטן טרוים, אין א ווירקלעכקייט... עס האט זיך ביסלעכווייז גענומען אלץ אפטער און שטארקער רודערן אויף שוין

גאַרנישט אַזאַ באַהאַלטענעם אופן. אַלץ אָפּטער און אַלץ מערער, האָט מען איבער די וואַרשעווער גאַסן געמומען זיך אָנטרעפן מיט מיטגלידער פון דער גרויסער פּוילישער סקויטן־אָרגאַניזאַציע „סאָקאָל" און מיט פּוילישע גאַליציאַנער לעגיאָנערן אין מיליטערישער קליידונג... די דייטשן האָבן דערפילט, אַז עס האָט געמומען ברענען דער באָדן אונטער זייערע פיס... גייענדיק איבער דער שטאָט אין קלענערע אָדער גרעסערע באַוואָפנטע מיליטער־גרופּן, האָבן די דייטשישע סאָלדאַטן און אָפיצירן, מיט געמאַכטער פריינטלעכקייט דעמאָנסטרירט מיט זייערע רויטע קאָקאַרדעס, וואָס זיי האָבן נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין זייער „היימאַט" — אָנגעטאָן אויף זייערע לאַצן און אַפילו... אויף זייערע ביקסן...

אין אַ געוויסן טאָג איז אין וואַרשע ווי אין אַ סך אַנדערע ערטער פונעם לאַנד, פאַרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט באַדייט דער אָנהייב פון סוף פון דער דייטשישער אָקופּאַציע אויף דער פּוילישער ערד. ווי מיט אַ ספּאָנטאַנישן אויפברויז, האָבן זיך אין איין און אין דער זעלבער שעה, מערצאָליקע באַזונדערע קליינע גרופּן פון פּוילישע פּאַטריאָטן, צעוואָרפן איבער דער גאַנצער שטאָט און אָנגעהויבן אַנטוואָפענען די אָנגע־טראָפענע סאָלדאַטן און אָפיצירן אין די גאַסן, אין די טראַמווייען, קאַפעען און אין אַלע פאַרוויילונגס־לאָקאַלן. אין דער זעלבער צייט, האָבן לעגיאָנערן און „סאָקאָלן", מיט געווער אין האַנט, אָנגעהויבן אַרומרינגלען פאַרשידענע פונקטן ווו עס זענען איינגעשטאַנען דייטשישע מיליטערישע אָפּטיילונגען און געפאָדערט פון זיי, זיי זאָלן אַרויסגעבן דאָס געווער. צו איינע פון אָט די קליינע פּאַטריאָטישע גרופּעס, וואָס האָבן געהאָלפן אַנטוואָפענען די דייטשן אין שטאָט און געוואָלט שוין וואָס שנעלער זען אַ באַפרייט זעלבשטענדיק פּוילן, האָט אויך אָנגעהערט דער סטודענט פון וואַרשעווער פּאָליטעכניקום — לוציאַן יעלניק. ער האָט צוזאַמען מיט זיין קריסטלעכן שול־חבר אַנדזשעי פּולאַווסקי, אויסגעפירט דאָס פרייוויליקע שטיקל אַרבעט. ער האָט עס געטאָן מיט נישט ווייניקער אייפער ווי זיין חבר און די איבעריקע דריי נישט־יידן פונעם „פּינפטל", און אַהיימגעבראַכט פונעם „טראָפעי", — אַ דייטשישן בראַונינג מיט אַ קליין שמאָל שווערדל, וואָס עס טראָגן אָפיצירן פון קריגס־פלאָט.

ס'איז געקומען דער טאָג און — די דייטשן האָבן, ענדלעך, פאַרלאָזט די פּוילישע הויפּטשטאָט, און פּוילן איז נאָך אַ הונדערט־יאָריקער פאַרשקלאַפונג, געוואָרן צוריק זעלבשטענדיק.

כאָטש לייזערקע האָט געטראָגן א שנאה צו זיין יונגערן ברודער יואל־הערשן, האָט ער אונטער דער ווירקונג פון פריידעלעס אריינרעדן אין אים, איינגעלאַדן יואל־הערשן מיט ליבעלען אויף זיין „שלוב" מיט דער פריילין צעלינא קראַקאָווסקא. פריידעלע האָט אים אויפגעקלערט: — ווי מיינסטו לייזערקע? וועסט גלייך נאָך דער חופה אריינברענגען דיין ווייבל אינעם הויז, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט האס און פיינטשאַפט פון איין ברודער צום צווייטן, ווו ס׳יאָגט פּשוט פון שטוב אַרויס?... דאָס איז דאָך נישט קיין פראַגע פון א צוויי־דריי־טעג. ביז דו וועסט קומען, לייזערקע „נאַ וולאַסנע שמיעטשע", וועט ביים בעסטן גוטן, נאָך געגנוג וואַסער אָפּלויפן...

דער איינציקער מענטש אין שטוב, פאר וועמען לייזערקע האָט שטענדיק נאָך געהאַט אַביסל רעספּעקט און זי אָפּטמאָל געפאָלגט, איז געווען פריידעלע. אויף דאָסמאָל האָט ער איינגע־זען, אז זי איז גערעכט, און אָנכאַפּנדיק זי פאַר בידע הענט — בעת זי האָט פאַריכט אַ ציכל אויף דער ניימאַשין, — אן אויפגעלייגטער אַריינגעשריגן איר אין אויער: — מאַש ראַציען, באַרדזאָ סלושניע, פּראַניו! (ביסט גערעכט, זייער ריכטיק פריידעלע!).

— גיי אַוועק פון מיר, דו גוישע נשמה! — האָט פריידעלע מיט איין האנט אים אָפּגעשטויסן פון זיך און מיט דער צווייטער צוריק ארויפ־געפירט איבערן קאָפּ די פאַסמע גראָ־געוואָרענע האָר, וואָס האָט זיך איר אַראָפּגעגליטשט אויפן שטערן — האָסטו דיר, אַ פּראַניו אויף מיין קאָפּ!

בעתן איינלאַדן יואל־הערשן אויף זיין „שלוב", האָט לייזערקע דערביי געטראַכט, אַז ס׳וועט מן הסתם זיין אַזוי ווי ער ווינטשט זיך: יואל־הערש וועט זיכער אויסגעפינען א תירוץ נישט צו קומען...

די הויפּט־סיבה פון לייזערקעס אומווילן צו יואל־הערשס באַזוך אין דער גרויסער סינאַגאָגע, איז געווען, צוליב די הויכגעשטעלטע געסט פון אַ גאַנץ אנדערן שניט... — ספּעציעל מצד זיין קינפטיקער שוויגער, פון דער מאַדאַם מאַטילדאַ קראַקאָווסקא.

וואָס שייך יואל־הערשס קומען אויף זיין „שלוב", האָט לייזערקע דאָס מאָל געהאַט א טעות. וואָס אַן אמת, האָט יואל־הערש טאַקע אינגאַנצן נישט געטראַכט וועגן גיין אַהין, אָבער ליבעלע האָט איינגעלייגט וועלטן, אַז ער זאָל אומבאַדינגט גיין. — וואָס הייסט — האָט זי פּשוט געוויינט — ס׳איז דיר לייכט צו זאָגן אַז דו וועסט נישט גיין, גלייך נאָכן איבערבעטן

זיך, אַריין אין אַ פרישן רוגז, וואָס טראַכסטו מיט זיך יואל־הערש? כ׳וועל דאָך איר נישט קאָנען קוקן גלייך אין די אויגן אַריין! — אַזוי אָרום וווינען מיט מענטשן אונטער איין דאַך?!

— נאַרעלע וואָס דו ביסט — האָט יואל־הערש זי גענומען באַרואיקן אויף זיין שטייגער, ווער זאָגט עס, אַז כ׳וויל מיט זיי וווינען? כ׳מיין אַז דער שמדניק, דער „פאַן לוציאַן" מיט זיין פלוניתטע, וועלן זיך דאָ לאַנג נישט „כאַוועןי". ס׳שפירט זיך דאָ צו שטאַרק מיט ציבל און קנאָבל... און מיט יידישקייט — האָט ער מיט אַ שמייכל נאָך מער פונאַנדערגעשפרייט זיין פול פאַרכאַליעט פנים און זיך שמאַלציק צעלאַכט.

ליבעלע האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט א קרומען בליק און לסוף אַרויס־געשטאַמלט:

— כ׳פאַרשטיי דיך נישט...

— וואָס איז דאָ פאַראַן נישט צו פאַרשטיין, ליבעלע? — נאָך אידער זיי טרעטן דאָ אַריבער די שוועל, וואָלט איך זיי שוין געוואָלט זען פון דער צווייטער זייט טיר... און ס׳וועט, אם ירצה השם, אַזוי זיין!

נאָך א לאנגן צורעדן און איבעררעדן אים — האָט יואל־הערש ענדלעך איינגעשטימט צו גיין מיט איר אויפן „שלוב".

ס׳איז געווען אַ נישט־קאַלטער פאַרנאַכט אין דער ערשטער העלפט פון חודש פעברואר. לכבוד דעם „שלוב" פון לוציאן יעלניק מיט פריילן צעלינאַ קראַקאָווסקאַ, זענען פון בײדע זייטן ברייטע איינגאַנג־טרעפּ פון דער סינאַגאָגע געוואָרן אָנגעצונדן די גרויסע עלעקטרישע מנורות.

אינדרויסן, אויפן ברייטן לידיקן פּלאַץ אַנטקעגן דער סינאַגאָגע, הינטער דער היסטאָרישער פּלומפּ, די אַזוי גערופענע „גרובאַ קאַשקאַ", זענען אין צוויי לאַנגע שורות געווען אויסגעשטעלט „גומקעס", שליטע־לעך און אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן מערסטנס אָנגעהערט צו די געסט, וועלכע האָבן זיך שוין געפונען אינעווייניק, אין דער יום־טובדיק באַלויכ־טענער שול.

אויך ר׳ איטשע־מאיר מיט פריידעלען, די קעכין פערעלע, און יואל־הערש מיט ליבעלען, האָבן זיך שוין געפונען אינעווייניק. דאָס מאָל זענען צו ר׳ איטשע־מאירס חתונה־מאכן זיין מיטעלסטן זון, געקומען אויך זיין עטלעכע און אַכציק יאָריקע שוויגער נחהלע פעלדשטיין, וואָס איז געפירט

געוואָרן אונטערן אָרעם פון צווי פון אירע זין: דעם דאָקטאָר־מעדיצין און דעם מאַנופאַקטוריסט. ס'זענען אויך געקומען מיט זייערע פרויען — אַ סך פון איטשע־מאירס פריינט און באַקאַנטע פון וואַרשע.

צען מינוט פריער, פאַרן אָנקומען פון דער כלה, איז אין אַ שוואַרצן גאַרניטור און אין אַ האַרטן „מעלאַניק", געקומען צו פאַרן דער חתן. געקומען איז לייזערקע נישט פון דער היים, נאָר פון זיין נאָענטסטן חבר אנדזשעי פּולאַווסקי און, אין באַגלייטונג פון עטלעכע קאָלעגן, וואָס נאָר איינער פון זיי, איז געווען אַ ייד...

צעלינאַ, די כלה, איז אין באַגלייטונג פון אירע עלטערן אוןביידע שוועסטערן, ארויסגעפאָרן פון דער היים אין אַ געדונגענער לאַקירטער קאַטש אויסגעבעט מיט געבלימטן ווייסן אַדאַמאַסק. זי איז געזעסן אַ פאַרטראַכטע און געטוליעט צו זיך דעם שייך־צוגעקליבענעם בוקעט ווייסע אָרכידעען, וואָס זי האָט באַקומען צוגעשיקט פון לוציאַנען.

ווי ביי יואל־הערשס חתונה — זענען אויך דאָ די מערסטע געסט געווען פון דער כלהס צד, איבערהויפּט פון דער מוטערס צד. צווישן די קראַקאָווסקיס געסט האָבן זיך געפונען אַ היפּשע צאָל פון דער וואַרשע־ווער אַסימילאַטאָרישער אַריסטאָקראַטיע. אַ סך פון זיי האָבן געטראָגן צילינדער־היט און ווייסע הענטשקעס. עס זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אויך באַנוצט מיט אַ קונציק־אַריינגעקוועטשטן מאָנאָקל ביי אַן אויג. די פרויען זייערע, האָבן נישט געקוקט אויפן ווינטער, געטראָגן הינ־טער די טייערע מאַנטלען, לאַנגע באַל־קליידער מיט טיף־אויסגעשניטענע דעקאָלטן, און ביי יעדן באַוועג, האָבן פון זייערע אויערן און גוט־געפלעגטע פינגער, אַראָפּגעשעמערירט דיסקרעטע אויפבליצן און פייער־שפּריצלעך...

די איינציק־לאַנג־געקליידטע אויפן „שלוב", זענען געווען ר' איטשע־מאיר יעלניק, זיין זון יואל־הערש און עטלעכע וויטע קרובים און באַקאַנטע. אָבער דער איינציקער, וואָס האָט געצויגן אויף זיך די אויפ־מערקזאַמקייט ביי דער דאָזיקער עליטע, איז געווען דער מגושמדיקער יואל־הערש, מיט זיין מאָדנער האַלטונג און קאָמישע הויות.

יואל־הערש, וואָס איז היינט צום ערשטן מאָל געווען אין דער „דייטשישער שול", און אין אַזאַ געזעלשאַפט, — האָט פּשוט נישט געוווסט וואָס ער זאָל פריער באַוווּנדערן מיט זיינע קליינע, קרומלעכע פיש־אייגעלעך, און וווּ ער זאָל אהינטאָן זיינע הענט.

אַז לייזערקע האָט צופעליק אויפגעכאַפּט ווי יואל־הערש ווערט מיט א שמייכל אָבסערווירט מצד די געסט — האָט זיין ראָזלעך פּנים באַקומען אַ קאַרמאַזין רויטקייט, די אויערן האָבן ביי אים גענומען פלאַמען און, דורכגענומען מיט כעס צום „ווילדן געוויקס״ — מיט עקל זיך אָפּגעקערט פון אים...

ביים פאַרלאָזן די שול, אַראָפּגייענדיק מיט די ברייטע פראַנט־טרעפּ, האָט יואל־הערש נישט פאַרזוימט איינצורוימען בלימעלען אויפן אויער:

— נו, וואָס זאָגסטו נישט בלימעלע, צו דעם אלעמען? האָט עס נישט אלץ אויסגעזען, ווי, להבדיל, אין א טמאה? אן אָרגל, אַ פּוילישע דרשה... גאָלע גויים!...

נאָר אין איינעם פון די צוויי צימערן, — אינעם שלאָפצימער — האָבן צעלינאַ און לוציאַן געביטן דאָס מעבל. געטאָן האָבן זיי עס דערפאַר, וויל עטלעכע פון דער מאַדאַם קראַקאָווסקיס קרובים האָבן אַלס דרשה־געשאַנק, געקויפט פאַר דעם יונגן פּאָר, אַ לעצט־מאָדערנעם „שלאָפצימער־קאָמ־פּלעט״.

יואל־הערש מיט ליבעלען, זענען גראָד אָנגעקומען פון גאָס, ווען ביים טויער פון הויז איז געשטאַנען א פלאַטפאָרמע מיטן געברענגטן דרשה־געשאנק, און די שווערגערין זייערע, די פּאַני צעלינאַ, האָט אַכטונג־געגעבן, אַז די טרעגער זאָלן פאָרזיכטיק אַרונטערנעמען און ארויפטראָגן דאָס מעבל. צוגעקומען נעענטער, האָט איר יואל־הערש אנטקעגנגעטראָגן א דרך־ארצדיקן „דזשיען דאָברי״, און ווי ער וואָלט וועלן מיט איין שלוק אויסליידיקן אַ גלאָז וואסער — ארויסגעזאָגט אין איין אָטעם:

— ווינשויען פּאַני ושיסטקיעגאָ דאָברעגאָ״! (איך ווינטש אייך אלדאָס גוטס!). ליבעלע האָט איר אויסגעשטרעקט די האנט און בלויז שטיל געזאָגט:

— ווינשויען!

צעלינא האָט מיט א פריינטלעכן שמייכל זיי אָפּגעענטפערט: — דזשענ־קויען באַרדזאָ!

זייענדיק שוין מיט ליבעלען אויף די הויזטרעפּ, האָט יואל־הערש זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט, אויסגעשפּיגן און געזאָגט מיט כעס:

— האָסט געזען ליבעלע, בלויז איין בעט גייען זיי אַריינשטעלן אין

שלאפצימער! אינגאַנצן ווי ביי גויים, אַן בושה פאַר מענטשן — „אַזעלכע" קאָנען אפילו אַראָפּנעמען די מזוזות פון די טירן!...

— פאַרוואָס זאָלסטו אזוי רעדן יואל־הערש? זי זעט אויס צו זיין אַ פיינע. זי האָט מיר גלייך ביים איבערגיין אָהער געזאָגט, אַז כ'מעג זיין רואיק, זיי וועלן אינגאַנצן נישט באַנוצן־זיך מיט דער קיך...

— כ'מיין ליבעלע, אַז זיי אַליין וועלן דאָ נישט לאַנג אָנהאַלטן, זיי וועלן ביי דער ערשטער געלעגנהייט אנטלויפן פון דאַנען. זאָל ער נאָר באַקומען דעם דיפּלאָם — וועט די „פּאַני אינזשיניעראָווא" נישט וווינען מיט ליבעלען, און דער אינזשיניער „פּאַן לוציאַן", ווי זי און זיינסגלייכן רופן אים דאָרט, — וועט נישט וווינען מיט יואל־הערשן...

— ווייסטו וואָס כ'וועל דיר נאָך זאָגן, ליבעלע, — האָט זיך יואל־הערש דערמאָנט, שוין זייענדיק אין שטוב — כ'מיין, אַז ווען לייזערקע וועט האַלטן ביים פאַרלאָזן די וווינונג, וועט ער אפשר נישט האָבן די חוצפה צו פאָדערן פון טאַטן, ער זאָל אים דערפאַר באַפרידיקן אָדער צושטייער־געבן אויף אַ דירה... ס'וואָלט געווען די גרעסטע עוולה ווען דער טאַטע זאָל אפילו בלויז איין פרוטה געבן!... — וואָס איז? ער האָט אַ פינגער צוגעלייגט צום טאַטנס געשעפטן? דער תכשיט האָט בלויז געוווסט פון אים צו „ציען" — אַן אוצר מיט גאָלד אָפּגעקאָסט!...

אינעם זעלבן יאָר פון זיין חתונה, אין טויזנט ניין הונדערט ניינצן, האָט לייזערקע מיט מזל געענדיקט דעם פּאָליטעכניקום און אַרויסבאַקומען אַ דיפּלאָם אַלס בוי־אינזשיניער. אַרויסבאַקומען דעם דיפּלאָם, האָט ער פאַרן טויער פונעם הויז וווּ ער האָט געוווינט ביים טאַטן, — אָנגעקלאַפּט אַ מעשן שילדל אין פּויליש: דיפּלאָמירטער אינזשיניער פון בוי־אַרבעטן — לוציאַן יעלניק. אַן ענלעך קליין מעשן פּלעטל האָט ער אָנגעקלאַפּט אויך אויף דער פראָנט־טיר פון דער וווינונג.

לייזערקע האָט נאָך רעכט נישט באַוויזן אַריינצוגיין אין דער ראָל פון אַ „פּאַן אינזשיניער ראָבוט בודאָוולאַניך", ווי ס'איז אין ניינצן הונדערט צוואָנציק, מיטאמאָל אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן פּוילן און די באָל־שעוויקעס. מ'האָט לייזערקען מאָביליזירט, אים צוגעטיילט אין דער ראַנג פון אָפיציר צו די סאַפּיאָרן, פון וואַנען ער איז באַפרייט געוואָרן נאָך אָפּדינען נישט קיין פול האַלב יאָר — נאָכן „נס ביי דער ווייסל". אין דער

צייט פון לייזערקעס געפינען זיך אין דער מלחמה מיט די באָלשעוויקעס, האָט צעלינא — שוין א מאמע פון א יינגעלע פון עטלעכע חדשים, מיטן נאָמען וואָצוש, — נאָך ר׳ איטשע־מאירס טאָטן, וויגדער — זיך געפונען מיט איר קינד ביי אירע עלטערן. אָבער נאָך זיין אַהיימקומען — האָבן זיי מער נישט געוואָלט אויסנוצן זייערע קעסט ביי די קראַקאָווסקיס און זיי זענען צוריקגעקומען וווינען ביי איטשע־ מאיר יעלניקן.

דאָס עקאָנאָמישע לעבן אין פוילן האָט זיך מיט דער צייט אָנגעהויבן ביסלעכוויז נאָרמאַליזירן. איטשע־מאיר, שוין אין עלטער פון עטלעכע און זעכציק יאָר, איז ווידער אַריין אין די מעל־מסחרים. ער האָט זיך שנעל צוגעפּאַסט צו די ניי־געשאַפענע נאָך־מלחמהדיקע באַדינגונגען; באַנייט אַ טייל פון זיינע אַמאָליקע גרויסע פאַרבינדונגען, וואָס ער האָט געהאַט מיט די אָנגעזעענסטע סוחרישע קרייזן, און יואל־הערש, וואָס איז לעצטנס נישט זייער מצליח געווען אין זיינע געשעפטן אויף אייגענער האַנט — האָט ווידער גענומען אַרבעטן אונטער זיינע פליגל... נאָך אַ לאַנגן איבעררייס אין דער קאָרעספּאָנדענץ פון ר׳ איטשע־מאירס קינדער אין רוסלאַנד, זענען ענדלעך, נאָך אַן אויסקוקן זיך די אויגן, דערהאלטן געוואָרן דריי בריוו. צוויי פון וויגדערן, פון אָדעס, און דער דריטער פון אסתרלען, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געפונען מיטביידע קינדער אין דער סיבירער קרייז־שטאָט, אירקוטסק.

אָנהייבנדיק פון טאָטן — האָט וויגדער אינעם ערשטן בריוו זיך גענוי נאָכגעפרעגט וואָס יעדער איינער מאַכט אין געזונט און וואָס יעדער טוט; נישט פאַרגעסן אויך אָנצופרעגן זיך, צי געפינט זיך נאָך אין הויז די קעכין פּערעלע. וועגן זיך האָט ער געשריבן, אַז אַלע זענען געזונט, די קינדער זענען פעאיקע שילער, לייטשע אַרבעט אין אַן „אוניווערמאַג״, (אוניווערסאלער מאַגאַזין) און אַז ער אַרבעט ווייטער ביי זיין פאַך, ר׳איז אַ „דעסיאַטניק״, און אין די אָוונטן שטודירט ער אין א טעכנישער הויכשול און קלויבט זיך צו ווערן, ווי לייזערקע, אַ בוי־אינזשיניער.

מיט פייכטלעכע אויגן האָט איטשע־מאיר געלייענט פאַר פריידלען וויגדערס בריוו, און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: א טייערע נשמה! אַ פייערדיקער קאָפּ!... איי וואָלט איך געוואָלט איצט א קוק־טאָן אויף אים!...

ר׳ איטשע־מאיר האָט זיך דערוואָרט. אינעם צווייטן בריוו, האָט שוין וויגדער בייגעלייגט זיין צוגעזאָגטע „פאָטאָקאַרטאָטשקע״, אויף וועלכער

ער זיצט נעבן לייטשען אין א שוואַרצער „גימנאַסטיאָרקע", אין א פּאָר טונקעלע גאַליפע־הויזן און אין הויכע אויסגעפּאַסטע שטיוול. ער זעט אויס אויפן בילד אַ סך מענערישער און איז אינגאַנצן ענלעך צו איטשע־מאירן, — ווען ער האָט נאָך געהאַט פּיצלעך קינדער: די זעלבע, אביסל פּאַרטיפטע שוואַרצע אויגן מיט ברייטע האַלב־רונדע ברעמען; דאָס זעלבע הויך טראָגן דעם קאָפּ, אויף וועלכער ס׳רוט אַ געדיכטע, לייכט־געלאָקטע שוואַרצע שעוועליור. לייטשעס פּנים זעט אויס פולער און אַביסל ברייטער — צוליב די אָפּגעהאַקטע צעפּ און קורץ־פּאַרקעמטע האָר. צופוסנס פון ווינגדערן און לייטשען, זיצן האַלב־ליגנדיק, אָנגעשפּאַרט קאָפּ צו קאָפּ — זייערע ביידע שוין אונטערגעוואַקסענע קינדער: לייבקע, אַ ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף, אינגאַנצן ענלעך צו ווינגדערן און אַ מיידל פון אַ יאָר צען, מיטן נאָמען פּאַניעטשקאַ, אַ העלע און דיקלעכע, מיט צוויי אַראָפּהענגענ־דיקע צעפּלעך פון פּאַרנט — די גאַנצע מאַמע אויסן אויג. אינעם בריוו בעט ווינגדער אַן אַלגעמיינע „סנימקע" פון אַלעמען און פרעגט זיך אָן צי זיי האָבן וועלכע־ס׳איז ידיעות פון אסתרלען פון סיביר, ווייל ער האָט שוין לאַנג נישט באַקומען פון איר קיין בריוו. ער פרעגט זיך אויך צי לייזערקע האָט שוין געענדיקט דעם פּאָליטעכניקום, צי יואל־הערש האָט שוין חתונה געהאַט און צי ער קליידט זיך שוין קורץ...

לייזערקע, וואָס האָט זיך פון פריידעלען דערוווסט, וועגן דעם קאָנקו־רענט וואָס ער האָט מיטאַמאָל באַקומען אין זיין באַרוף, — אינעם ברודער זיינעם — האָט דאָס מאָל אויפגענומען די ידיעה מיט צופרידנקייט. דער־ציילנדיק וועגן דעם פּאָר צעלינאַ, האָט ער מיט ערנסט, און נישט אָן שטאָלץ געזאָגט: — יאָ, ער וואָלט געקאָנט זיין דער ריכטיקער מענטש ווען ער געפינט זיך אויפן ריכטיקן אָרט!...

— ווען נישט זיין „אידעע פיקס", אַז פּאַלעסטינע דאַרף צוריק ווערן אַ יידישע מדינה, אַז נאָר דאָס וועט לייזן די יידן־פראגע — וואָלט ער געקאָנט מיט זיינע פעאיקייטן, דאָ אין פּוילן, זייער ווייט דערגרייכן און ער וואָלט מיך, מעגלעך, שטאַרק איבערגעשטיגן — האָט ער צוגעגעבן מיט א געמאַכטער באַשיידנקייט.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, נאָכן דערהאַלטן ווינגדערס צווייטן בריוו, איז ענדלעך אָנגעקומען דער אויסגעקוקטער בריוו פון אסתרלען. אויך צו איר בריוו איז געווען בייגעלייגט א „סנימקע", אָבער אויף דער

„סנימקע״ האָט זיך אויסער אסתרלען און אירע צוויי דערוואַקסענע מייד־לעך, פאַניטשקאַ און ראָזעטשקאַ, אויך געפונען אַ יונגער מאַנספּער־שוין אין דער זעלבער הייך וואָס אסתרל. אינעם בריוול, שרייבט אסתרל אַז דער מאַנספּערשוין אויף דער „סנימקע״, איז מיין מאַן איסאַק לוואָוויטש שעניצקי, מיט וועמען כ׳האָב חתונה־געהאַט מיט אַ יאָר צוריק. ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר צוזאַמען מיט מיין ערשטן מאַן און געווען זיינס אַ נאָענטער חבר. ער איז פון פאַך אַ זייגער־מאַכער און אַרבעט אַלס מייסטער אין אַ זייגערמאַכער־אַרטעל, און איך, איך אַרבעט ווייטער אַלס לערערין אין אַן אָרטיקער פאָלקס־שול. אויף דער פאָטאָגראַפיע האָט אסתרל אויסגעזען עטוואָס אויסגעמאָגערט, מיט אַן ערנסטן און אַנטשלאָסענעם אויסדרוק אויפן פנים. די ביידע שוין דערוואַקסענע מיידלעך — שרייבט זי — זענען ענלעך צו איר ערשטן פאַרשטאָרבענעם מאַן: ביידע זענען זיי טונקל־בלאָנדע, מיט געקרויזלטע האָר, שמאָל־אויגיקע, מיט דינע ליפּן און שמאָלע נעזלעך.

אסתרלס בריוו האָט ממש אַריינגעגעבן אין איטשע־מאירן אַ פרישע חיות. די ידיעה וועגן איר חתונה־האָבן אין סיביר מיט אַ ייִדישן בחור, דערצו נאָך — פון פּוילן, — האָט אים שטאַרק דערפרייט. וויפל טעג איז ער ארומגעגאַנגען אַ פאַרלוירענער און נישט געקאָנט זיך קיין אָרט געפינען — הערנדיק וועגן די פּאָגראָמען וואָס די „ווייסע״ האָבן שוין נאָך דער רעוואָלוציע, דורכגעפירט אויף יידן אין רוסלאַנד?! וויפל מאָל זענען זיינע מחשבות געווען פאַרנומען מיטן גורל פון זיין איינציקער טאָכ־טער און אירע קינדער?!

אין איטשע־מאירן האָט זיך איצט ווידער דערוועקט די האָפענונג זי צו זען נאָך ביי זיין לעבן. דעם בריוו האָט איטשע־מאיר געלייענט בלויז פאַר יואל־הערשן און פריידעלען. פאַר ליבעלען איז די גאַנצע געשיכטע מיט אסתרלען געוואָרן אויסבאַהאַלטן, ווי ס׳איז די גאַנצע צייט געוואָרן אויסבאַהאַלטן פאַר יואל־הערשן און איטשע־מאירן, אַז זייער מחותנס, דעם קאָצקער חסידס אַ זון, איז געוואָרן מיט יאָרן צוריק אַ בוגד במלכות, און ביזן היינטיקן טאָג ווייסן זיי נישט ווו ער איז אַוועקגעקומען.

ס׳זענען קוים פאַרביי עטלעכע טעג נאָכן דערהאַלטן אסתרלס לעצטן בריוו, האָט לייביש שעניצער אין אַ דאָנערשטיק פאַרנאַכט — גראָד אינעם

מאַרקטאָג, ווען ס'פעלן־אויס הענט אין זיין שניט־קראָם — כמעט ווי אריינגעריסן זיך אינעם קאַבינעט פון זיין מחותן, און מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זיין היפשן גוף — זיך האסטיק אַראָפּגעלאָזט אינעם טיפן אויסגעבעטן פאָטעל, אז דער געשטעל האָט אַזש אַ טרעשטשע־געטאָן. ווי שנעל ער האָט זיך אָוועקגעזעצט, אזוי שנעל האָט ער אויפן שרייבטיש אַרויפגעלייגט א פאָטאָגראַפיע און אַ פרעג־געטאָן איטשע־מאירן:

— אָט די יונגע פרוי מיט די צווי קינדער, איז אייך, מחותן, באקאנט?...

איטשע־מאיר האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער דער פאָטאָגראַפיע און פון גרויס שטוינונג געבליבן שטיין מיט אַן אויפגעריסן מויל־און־אויגן: פאַר אים איז געלעגן די זעלבע פאָטאָגראַפיע, וואָס ער האָט מיט אכט טעג צוריק באַקומען פון זיין אסתרלען. איינקוקנדיק זיך נאָכאמאָל אינעם בילד און פונעם בילד — אין מחותן — האָט ער ווי נישט מיט זיין שטים געפרעגט מיט גרויס הידוש:

— מחותן, ווי קומט צו אייך די דאָזיקע פאָטאָגראַפיע?!

— וואָס הייסט, ווי ס'קומט צו מיר די פאָטאָגראַפיע?! — האָט לייביש שעניצער איבערגעפרעגט — ס'איז דאָך מיין זון, מיין זון, וואָס כ'האָב אַ סך יאָרן נישט געוווסט ווו ער איז אוועקגעקומען! — איז אייער טאָכטער, הייסט עס, מיין זונס פרוי מיט וועמען ער האָט מיט אַ יאָר צוריק חתונה געהאָט?!

ווי גרויס עס איז געווען זייער ביידנס איבעראשונג, אַזוי גרויס איז געווען זייער ביידנס פרייד. ר' לייביש שעניצער איז צוליב דער געשעעניש געבליבן נעכטיקן ביים מחותן ר' איטשע־מאיר יעלניק און, אויף צומאָרגנס, זענען אַלע — אויסער לייזערקע מיט זיין צעלינאַ — געפאָרן אויף שבת קיין ביאַלע, ווו ס'איז געפראַוועט־געוואָרן אַ שטילע שמחה לכבוד דער דאָפּלטער מחותנות.

18

אין לויף פון יאָרן זינט דעם „צייטווייליקן" צוזאַמענוווינען פון לייזערקען מיט יואל־הערשן אין איין דירה, זענען ביי ביידע ברידער געווען שוין צו עטלעכע קינדערלעך. ביי יואל־הערשן — צווי יינגלעך און צווי מיידלעך, און ביי לייזערקען — צווי יינגלעך און איין מיידל. ווי לאנג די קינדער פון ביידע ברידער זענען געווען קליין און נישט געקענט נאָך

רעכט רעדן — זענען די ברידערס שטענדיקע קריגערייען געווען אן אידיליע — אין פארגלייך מיטן פייער וואָס האָט זיך צעפלאַקערט צווישן זיי, ווען זייערע קינדער זענען אַביסל אונטערגעוואַקסן. וואָס עלטער זיי זענען געוואָרן, אַלץ אַ שאַרפערע פאָרם האָבן אָנגעהויבן אָננעמען די צוזאמענשטויסן צווישן לייזערקען און יואל־הערשן. יואל־הערש האָט אָנגעהויבן ערנסט מורא קריגן, אַז לייזערקעס קינדער זאָלן נישט מיט דער צייט, משפיע־זיין צום שלעכטן אויף זיינע קינדער. אין דער צייט וואָס יואל־הערשס ביידע יינגלעך האָבן געטראָגן לאַנגע געדרייטע פאיהלעך, געווען אָנגעטאָן אין אַטלאַסענע געהאַקטע קאַפּאָטקעלעך, רונדע יידישע היטעלעך מיט קליינע דאַשיקלעך, און שוין געלערנט אַ בלאַט גמרא, — זענען לייזערקעס ביידע יינגלעך אַרומגעגאַנגען מיט בלאָנד־האָריקע אָפּגעדעקטע קעפּלעך, געטראָגן קורצע סאַמעטענע מלבושימלעך מיט ווייסע מאַנזשעטלעך, און „גאָרסלעך" און, געקענט אויף אויסווייניק דעקלאַמירן שטיקער פון סלאָוואַצקי און מיצקעוויטש.

איינמאָל האָט יואל־הערש אָנגעטראָפן אויף די הויז־טרעפּ זיינע און לייזערקעס יינגלעך, און צופעליק געהערט ווי לייזערקעס וואַצוש און יולעק האָבן אָפּגעלאַכט פון זיין שיעלען און גבריאלן, פאַר זייער גלויבן, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט... אַ צוויט מאָל האָט ער דערציילט פאַר ליבעלען, אַז ער האָט אַהיימקומענדיק, געטראָפן זיינע און לייזערקעס קינדער זיך שפּילן אין פאָדערצימער, און געזען ווי וואַצוש האָט געשטופּט גבריאלן אין מויל־אַריין אַ זעמל מיט פּוטער מיט א שטיקל ווורשט אין דער מיט און, דערביי געשריגן צו אים: — גלופּטאַשו, צאָ, זשע טריפנע, אַלע דאָברע!... (נאַרעלע, איז וואָס אַז ס'איז טריפה — ס'איז אָבער גוט!...).

ליבעלען האָבן יואל־הערשס דאגות וועגן אָט דעם אַלעמען ווייניק־וואָס געקימערט. זי האָט געזען אַ סך מער פון אים — און נישט גערעדט. זי האָט איבערהויפּט נישט געהאַט קיין פאַרלאַנג, אַז די קינדער אירע זאָלן אַריינגעראָטן אין זייער טאַטן...

די קריגערייען צווישן ביידע ברידער, האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַרויסרייסן זיך דורך די פענצטער אינדרויסן אַרויס. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ר' איטשע־מאיר האָט דערפילט, אַז עס ווערט שוין פאַר אים אוממעגלעך דאָס ווייטערע צוזאַמענזיין מיט ביידע זין אונטער איין דאַך. צו גרויס איז געווען זיין ווייטיק צוצוזען, ווי אין זיין הויז, ווו ער האָט אויף

זיינע עלטערע יאָרן באַדאַרפט געפינען רו און טרייסט — האָט זיך צעפלאַקערט א גיהנום פון אומגעצוימטער שנאה פון איין ברודער צום צווייטן. אויך פריידעלע, נישט וויסנדיק מיט וואָס פאַרא געדאַנקען איטשע־מאיר טראָגט זיך אַרום, האָט געטראַכט, אַז ס׳איז שוין געקומען די העכסטע צייט זי זאָל צוזאַמען מיט איטשע־מאירן פאַרלאָזן דאָס הויז ווו ס׳האָט זיך אַריינגעריסן א פּרעמדקייט, וואָס האָט געיאָגט ווי א שפּעט־האַרבסטיקער ווינט...

ווען נישט די געשאַפענע לאַגע אין זיין הויז, וואָלט אפשר ביי ר׳ איטשע־מאירן דער ארץ־ישראל־געדאַנק, מיט וועלכן ער האָט זיך מיט א לענגערע צייט צוריק ארומגעטראָגן, און אפילו גערעדט וועגן דעם מיט פריידעלען, — געבליבן בלויז א שיינער און גוטער פאַרלאַנג. אָבער דורכשמועסנדיק זיך מיט פריידעלען, האָבןביידע איינגעפונען אַז דאָס וואָלט געווען דער גלייכסטער וועג. ערשטנס, האָט איטשע־מאיר אויפגעקלערט פריידעלען — זענען איצט מיינע מעל־געשעפטן אזוי קליין, אַז יואל־הערש וועט זיך מיט גאָטס הילף קאָנען אַליין אַן עצה־געבן מיט זיי; צווייטנס, מיין איך, אַז ווען זיי וועלן האָבן די גאַנצע וווינונג און ס׳וועט ווערן געראַומער און באַקוועמער, וועלן, מעגלעך, אויפהערן די רייסענישן צווישן זיי.

— ס׳בעסטע וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען, ווען דו קאָנסט, איטשע־מאיר, ארויסנעמען און געבן ליזערקען אויף א צווייטער דירה. נאָר וואָס איז דאָ צו רעדן?...

— דאָס ווייס איך אויך, פריידעלע, אָבער — נישטאָ מער די אַמאָליקע געשעפטן... כ׳האָב אַפילו געהאַט מיט אים א שטיקל שמועס, כ׳ווייס... אפשר זיך בייטן מיט וועמען? האָט ער מיר אויפגעקלערט אַז ער מוז האָבן אין דער „בעסטער געגנט״ און נישט קיין צוויי צימערן, נאָר גאַנצע פיר. — ארויסנעמען פונעם געשעפט איז אוממעגלעך, דאָס געלט איז צעשטעלט און צעבאָרגט און... מיר אַליין זענען דאָך אויך לעבעדיקע מענטשן...

גרויס איז געווען פריידעלעס פרייד, ווען איטשע־מאיר האָט איר דערציילט, אַז ער מאַכט שוין אַלע נויטיקע צוגרייטונגען צו זייער אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל. ער האָט שוין אפילו גענומען פאַר איר מאָלן ווי ס׳וועט „דאָרט״ אויסזען זייער לעבן... ווי זיי וועלן וווינען אין א רואיק און שטיל אָרט אין א „כאַלופּקע״ ארומגענומען מיט אַ שטיקל גאָרטן מיט מאַראַנצן,

פייגן און טייטלען... אן אייגן שטיקל פעלד מיט פאַרשידענע ירקות און זי, פריידעלע, וועט זיך אָפּגעבן מיט די עופות און מיט די פרוכט־ביימער, און ער — מיטן וועגעלע געשפּאַנט מיט אַן אייזעלע...

די גאַס וווּ די יעלניקס האָבן געוווינט, האָט איבערגעלעבט אַ שטיקל סענסאַציע, וואָס יונג און אַלט האָבן עטלעכע טעג נישט אויפגעהערט דערפון צו רעדן: דער גרויסער מעל־הורטאָווניק, ר׳ איטשע־מאיר יעלניק, האָט אָפּגעטאָן זיינע צעקריגטע זין און שנורן אויף טערקיש — איבער־געלאָזט זיי די רייך־אויסמעבלירטע זעקס־צימערדיקע וווינונג מיטן מעל־סקלאַד און, אַוועק מיט דער לאָמער פּופּציק־יאַריקער מויד פריידעלע, די שווענערין נאָכן ערשטן ווייב... בייזע צינגער האָבן אפילו צוגעגעבן, אַז ער האָט זי בכוונה נישט חתונה־געמאַכט, כדי זי צו האָבן פאַר זיך...

פּרטים פון דער גאַנצער געשיכטע זענען ערשט שפּעטער אַביסל, דורך יואל־הערשס פּריש־צוגענומענער דינסט, באַקאַנט געוואָרן, אַז נאָך אַ גרויס קריגעריי צווישן די זין, האָט איטשע־מאיר, אַנוויזנדיק מיטן פינגער אויף זיין האַלדז, געגומען שרייען: — גענוג פאַר מיר! כ׳האָב עס שוין ביז אַהער!... אויב ס׳איז מיר נאָך באַשערט צו לעבן עטלעכע יאָר, וויל איך עס אין שטילקייט און אין מנוחה! גענוג!... כ׳מיין אַז איר קאָנט שוין אייער שטעטל באַשטיין אָן מיר, און איך... איך וועל זיך אויך, מיט גאָטס הילף, אַן עצה־געבן אָן אייך... איך פאָר קיין ארץ־ישראל מיט פריידעלען, זי איז מיר, נאָך דער מאַמען, און אסתרלען מיט וויגדערן צו לאַנגע יאָר, — מיין איינציקער פריינט — מיין ווייב!

נישט באַגלייט פון קיינעם — איז מיט אַכט טעג שפּעטער — איטשע־מאיר מיט פריידעלען אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. געפאָרן איז איטשע־מאיר נישט מיטן געדאַנק, ווי יידן אין זיין עלטער — צו שטאַרבן אין לאַנד פון די אבות — נאָר אַנצוהייבן דאָרט אַן אַנדער לעבן...

נאָך איטשע־מאירס און פריידעלעס פאַרלאָזן דאָס הויז, איז אויף אַ געוויסער צייט אין אים ארייגעטראָטן אַ שטילקייט. ס׳האָט אויסגעזען, אַז מיט דער דערוואָרבענער גערוימקייט און באַקוועמלעכקייט אינעם הויז זענען אָפּגעפאַלן די סיבות, וואָס האָבן ביי די ברידער יעלניק ארויסגערופן

די שטענדיקע מחלוקות. אָבער נאָך אַ צוויי חדשים, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ מין נישט־אונטערגעשריבענער פייער־איבעררייס, כדי אָנצוהייבן פון־דאָס־ניי צו פאַרביטערן איינער דעם צווייטן דאָס לעבן.

אין איינעם אַ טאָג, נאָענט צו פּסח, בעת ביידע שוועגערינס זענען נישט געווען אינדערהיים, האָבן זיך מיטאַמאָל, דורך די אָפענע פענצטער אַרויס־געריסן אויפן הויף־אַרויס טעמפּע קלעפּ פון אַ פאַלן פון מעבל־שטיק און פון אַ געבראַזג פון גלאָזוואַרג — אויסגעמישט מיט אָפּהילכן פון פעטש און ווילדע אָפּגעריסענע קולות: — אַט האָסטו דיר! דו פאַרשיווער „זשידלאַק״! געמיינער גנב אין באָרד־און־פּיאות! אַט האָסטו דיר פאַרן פאַרכאַפּן דעם טאַטנס געשעפט און פאַרן וועלן פאַרכאַפּן די גאַנצע וווינונג!...

אויסגעפּאַטשט יואל־הערשן, האָט לייזערקע ראַפּטום אַ כאַפּ־געטאָן זיין ברוינע טעקע, און פאַרקלאָפּנדיק מיט אַ טראַמאַסק הינטער זיך די פראָנט־טיר, — האָסטיק אַראָפּגעלאָזט זיך פון די דריי שטאָק שטיגן און אַרויס אויף דער גאַס.

דער דרויסן איז געווען אַן ערב פּסחדיקער, אַ וואַרעמער און אַ ליכטיקער. פון די דעכער, רינעס און פענצטער־פּולפּעטן, האָט לאַנגזאַם און פויל געקאַפּעט. פון די אַש־גראָע רעשטלעך שניי־בערגלעך לענג־אויס די גאַסן, האָט זיך אויף די טראָטואַרן און ברוקן, געשאַפן אַ קלעפּיקע בלאָטע און צעגאָסענע מוטנע קאַלוזשעס. אויף פענצטער־גזימסן און אויף דעכער־ראַנדן, האָבן פייגעלעך, דערוואַרעמטע און אויפגעלעבטע, פריילעך געטשוויטשערט. אינדערלופט האָט זיך געפילט אַ ריח וואָס האָט דערמאָנט אַן פעלד, און אַ ריח פון אויפגעטייעטער פאַרנדיקער ערד. דיביימער אין די גערטנער און סקווערן און אויך לענג־אויס די גאַסן — זענען שוין געווען באַלייגט מיט יונגע, גרינע בלעטלעך און מיט אָנגעקוואָלענע קנאָספּן. כמעט אַלע פענצטער אין די הייזער זענען שוין געשטאַנען ברייט־צעעפנט, און די זון, ווי מיט אַ צערטלדיקער האַנט, האָט מילד געגלעט די ווענט און די מעבלשטיקער פון די שטובן, וואָס האָבן שוין געבענקט נאָך ליכט און וואַרעמקייט...

אין לייזערקע־לוציאַן איז ווי נישט ניחה־געווען דער ערב פרילינג.

טראַגנדיק זיך איבער די גאַסן, האָט ער בלויז געזען „כאַלאַטשאַזשעס“, וואָס אין יעדן איינעם פון זיי, האָט ער געזען אַ „יואל־הערש“...

אין די יידישע גאַסן און געסלעך האָט זיך שוין געפילט דער פאַר־פסחדיקער פיבער. דראָזשקעס, טראַמווייען און וועגענער, פּאַטשן איבערן בלאָטע־צערייבענעם גראָען שניי, באַשפּריצן די אייליקע דורכגייער, נאָר מען נעמט עס פאַר ליב און מען טוט אַפילו אַ שמייכל — פרילינג!...

אויף די נאַלעווקעס, גענשע און פראַנטשישקאַנער מוז מען זיך פשוט מיט די עלנבויגנס דורכשטופּן דעם וועג. פאַרשמייעטע, פאַרשוויצטע פראָווינצער סוחרימלעך און שפּיליטערן מיט צעכראַסטעטע קאַפּאָטעס, מיט פליענדיקע שפּיצן פון צעעפנטע שאַליקלעך און צאַפּלדיקע באָרד־און־פּיאות, — שטויסן זיך כסדר צוזאַמען אינעם אַהין און אַהער, האָבן קיין צייט נישט, איילן מיט פּעק און פּעקלעך און מיט פליענדיקע חשבונות אין קאָפּ — צו דער באַן אוודאי, אָדער צום „זאַיאַזד“.

אין אָט דעם זשומענדיקן מענטשן־געדראַנג פון לויטער יידן, איז לייזערקע אַריינגעפאַלן נאָכן אויספּאַטשן זיין יינגערן ברודער יואל־הערש.

קעגן זיין ווילן איז ער פאַרשלעפּט געוואָרן אויף די נאַלעווקעס. ווען ער האָט אויפגעוואַכט פון זיין פאַרטראַגנקייט, האָט ער זיך דערזען ביים מוראַנאָווער סקווער נעבן דער „שמאָלער מ׳ילע“. דאָ האָט זיך לייזערקע אָפּגעשטעלט, אַריינגעקוקט פון איבער זיינע האַלבע ברילן־גלעזער אין דער שמאָלער גאַס פון וואַנען ס׳האָט זיך געטראָגן אַ פאַרטויבנדיק געפּילדער, וואָס איז באַזונדער גרויס געווען דאַנערשטיק און פרייטיק.

— וואָהין האָט עס מיך פאַרטראָגן? — האָט ער אין געדאַנק אַליין געפרעגט ביי זיך. ווידער צום „געמויזעכץ“?! — שוין צייט זיך איינצו־אָרדענען אויף אַ דיסטאַנס פון „זיי“! וואָס אייגנטלעך, בינדט מיך מיט „זיי“? — נו, אַז איך געהער זיך אָן אַ ברודער צו אַ וויגדער און אַ יואל־הערש, אָדער אַ זון צו אַן איטשע־מאירן, איז וואָס? — אויך דאָס איז אוודאי איינע פון אַ סך נאַטור־קוריאָזן...

היות דער „פּאַן אינזשיניער“ האָט זיך געהאַט אַרומגעטראָגן מיט אַ געדאַנק אָנצושרייבן אַן אַרבעט געווידמעט דעם יידן־פּראָבלעם אין פּוילן, איז אים איצט איינגעפאַלן, אַז אויב ער איז שוין יאָ קעגן זיין ווילן אַהער פאַרטראָגן געוואָרן, וועט ער טאָקע אָט איצט, און דווקא דאָ, זיך גוט איינקוקן אינעם אַרום, וואָס וועט אים דינען אויף נאָך מער צו באַקרעפטיקן און באַרעכטיקן זיין אויפפאַסונג מכוח דעם דאָזיקן פּראָבלעם.

דאָ האָט ער „זיי״ געקאָנט איצט זען, אין זייער גאַנצער שאַרפער אַנדערש־קייט...

שטייענדיק נעבן סקווערל, האָט לייזערקע אַריינגעקוקט אין דער גאַס, וואָס האָט פון ווייטנס אויסגעזען ווי אַ לאַנגער, שמאָלער „מוראַזשניק״ פון קליינע מענטשעלעך וואָס האָבן מיט אַן אומאויפהערלעכן געזשום — כסדר געדרענגט און געשטויסן איינער דעם צווייטן און מיט קאָמישע באַוועגונגען — אומגעלומפערט געטאָפּטשעט אין דער קלעפּיק־גליטשיקער בלאָטע.

דערזען אינעם סאַמע „ברען״ פון דער פרייטיקדיקער „לייזונג״, פאַר־בייגיין אַן „אויזשענדניק״ מיט אַ גרויסן ברוינעם אקטנטאַש און מיט אַ קליינעם רונדן פּליך און נייגעריקע, זוכנדיקע אויגן — זענען קרעמער אומרויִק געוואָרן... — אַ קשיא אויף אַ מעשה, וואָס אַזאַ ערל קאָן איינפאַלן אָפּצוטאָן גראָד אין אַ פאַר־פּסח...

געפינענדיק זיך שוין אין דער העלפט פון „שמאָלע מילע״, איז לייזערקע אַרויף אויף עטלעכע טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט צו אַ פאַרמאַכטער טיר פון אַ דורכגאַנג צו אַ צווייטער גאַס און, פון אויבן־אַראָפּ — געגומען פאַרשנדיק זיך איינקוקן אינעם געדיכטן מענטשן־געווימל — אַקוראַט ווי ער וואָלט דאָס ערשטע מאָל איצט, געוועזן אין דער־אָ גאַס און דאָס ערשטע מאָל איצט, געזען יידן.

נאָך דער לעצטער געשיכטע מיט לייזערקען, האָט יואל־הערש — מיט אַ הילצערנער וואַנט אָפּגעטיילט זיין טייל וווינונג פון לייזערקעס. ער האָט עס געלאָזט מאַכן אויף אַזאַ אופן, אַז ביי אים איז געבליבן דער אַריינגאַנג צו דער קיך און ביי לייזערקען — דער פראָנטאָווער אַריינגאַנג. דורך גרויסער פּראָטעקציע ביי רעגירונגס־בוי־אַרבעטן, האָט זיך אָבער לייזערקע זייער אַרויפגעאַרבעט און געגומען גרייטן זיך צו פאַרלאָזן די בשותפותדיקע דירה מיט יואל־הערשן. ער האָט אָבער באַשלאָסן, אַז ער רירט זיך נישט פון אָרט ביז וואַנען יואל־הערש וועט אים נישט אויסצאָלן די ווערט פון די באַפרייטע דריי צימערן. כדי צוצואיילן דעם ענין, האָט לייזערקע אַרויסבאַקומען פון געריכט אַ דעציזיע, אין וועלכער יואל־הערש ווערט אויפגעפאָדערט, ער זאָל פונאַנדערנעמען די אויפגעשטעלטע הילצערנע וואַנט. דער סוף איז געווען, אַז יואל־הערש האָט „געווינט און געצאָלט״ און געבליבן אַליין דער באַלעבאָס איבער דער גרויסער וווינונג.

אין די פינף־שטאָקיקע הייזער פון די דריי הייף ווו די יעלניקס האָבן געוווינט, האָט פולסירט אַ שפּרודלדיק ייִדיש לעבן. נישט געווען קיין קלאַס אָדער פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס זאָל דאָ נישט האָבן אירע פאָרשטייער. אין פינף אָדער זעקס־צימערדיקע וווינונגען, אויסגעשטאַטע מיט גרויס לוקסוס, האָבן אין זיי געוווינט יידן וואָס האָבן אַליין ערגעץ־ווו געהאַט אַזעלכע הייזער, צי גרויסע פאַבריקן אָדער געשעפטן; ס'האָבן אין זיי געוווינט מענטשן אין פינצטערע קעלער־שטובן, וואָס זייערע פענצטער האָבן זיך געפונען נידעריקער פון דער דרויסנדיקער ערד־פלאַך, אָדער גאָר אין שיפּע פּאַציאַטעס מיט פענצטערלעך אויפן דאַך־אַרויס.

אויף דער צווייטער זייט גאַס, אַנטקעגן דעם הויפּט־אַריינגאַנג צו די יעלניקס, האָט זיך געפונען אַ קאַוויאַרניע, וואָס האָט אויסער דעם פאָדערשטן געוועלב, אויך פאַרמאָגט אַ צווייט גרויס גאַסטצימער צו וועלכן ס'האָבן אַרויפגעפירט פיר טרעפּלעך. דאָס דאָזיקע צימער, איז געווען נאָר פאַר די שטאַם־געסט.

גערופן האָט מען די קאַוויאַרניע „מעיסקעס קאַוויאַרניע" אָדער פאַרקירצט: „ביי מעיסקען".

געהערט האָט די קאַוויאַרניע צו אַ ליטווישן ייד מיטן נאָמען משה גאַלקין: אַ מיטלוווקסיקער מיט אַ קליין עטוואָס־גראָלעך קמץ־בערדל, מיט א דיקלעך נעזל, אויף וועלכן ס'האָבן, כמעט ביים ראַנד פון זיין שפּיץ נאָז, אָט־אָט צום אַראָפּגליטשן זיך, — געריטן אַן אַלטמאָדישע שוואַרץ־גערעמלטע פענסנע.

יעדן טאָג, — אין שפּעטן האַרבסט און ווינטער־צייט, ווען די איינוווינער פון ביידע רייען הייזער פלעגן נאָך חלומען אין זייער פרימאָרגן־שלאָף, פלעגט די אַרומיקע שטילקייט צעריסן־ווערן פון די אייזערנע „זשאַלוזעס", וואָס מען האָט אַרויפגערוקט אין משה גאַלקינס קאַוויאַרניע.

אויף דער גרענעץ צווישן נאַכט און פרימאָרגן, ווען ר' משה גאַלקין האָט אַרויפגערוקט די „זשאַלוזעס" און אָנגעצונדן די עלעקטרישע ליכט, פלעגט זיין ווייב „ציפּעירע" גלייך נעמען מיט אים קאָמאַנדעווען: „מעיסקע נעם", „מעיסקע גיב", „מעיסקע באַסטעל", „מעיסקע זוך אויס" א. א. וו.

מעיסקע, וואָס איז בטבע נישט געווען קיין כעסן און כמעט אַן אַ גאַל, — פלעגט אויף איר אָנשטעלן זיינע גראָע שמייכלדיקע אויגן, קנייטשן מיט זיין גרויסן למדנישן שטערן, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען וואָס

זיין „ציפּעירע״ וויל פון אים און ענטפערן: „אָט גלייך, ציפּעירעסי״, „אָט סעיך, ציפּעירעסי!״

טאַקע צוליב ציפּעירעס „מעיסקעווען״ און צוליבן אַרויפרוקן די זשאלוזעס אין דער נאָך־נאַכטיקער פינצטערניש, און זיי אַראָפּרוקן אינעם שפּעטן אָוונט, — איז די דאָזיקע קאָוויאַרניע געוואָרן פּאָפּולער אין דער גאַנצער געגנט און פול געוועזן מיט אירע שטאַם־געסט, וואָס פלעגן זומער־צייט זיצן אינדרויסן אַרום גערטנדל פונעם אַספּאַלטירטן הויף, ווו ס׳האָבן געוווּנט די יעלניקס.

נישט וויניק אָבער, האָבן די קאָוויאַרניע געמאַכט פּאָפּולער גאַלקינס צוויי קינדער — סאָניעטשקע און חיימל.

פאַרמאָגט האָט סאָניעטשקע, איר טאַטנס גוטסקייט, זיינע גראָלעכע שמייכלענדיקע אויגן און איר מאַמעס שיינע נאָז און געדיכטע האָר־קרויזן, וואָס זענען איר נישט געהאַרכזאַם געפאַלן אויפן שטערן.

סאָניעטשקע איז זייער באַקאַנט־געווען צווישן די אַרבעטער פון דער אַרומיקער געגנט, אָבער נאָך מער — צווישן די אַרבעטלאָזע, די נישט־לאַנג־צוגעקומענע בחורים פון דער פּראָווינץ. ביי די דאָזיקע בחורימלעך, פלעגט סאָניעטשקע, הינטערן וויסן פון אירע עלטערן, נעמען פאַר זייערע אַרעמע מאָלצייטן, די העלפט פּרייז. זי פלעגט זיי אויך געבן אויף קרעדיט, ביז זיי וועלן געפינען אַרבעט, אָדער, ביז דער שטרייק וועט זיך ענדיקן...

חיימל ווידער, דאָס שלאַנקע דרייצן־יעריקע שאַטינע יינגל, וואָס האָט זיך אַריינגענומען אַ „מאַנקאַליע״ אין קאָפּ — פידל־שפּילן — האָט אין משך פון אַ קורצער צייט געמאַכט גרויסע פאַרשריטן און זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט דורכשניטלעך באַגאַבט. עס האָט נישט לאַנג גענומען און חיימל האָט אָנגעהויבן אַרויסטרעטן אויף עפנטלעכע קאָנצערטן און צו באַגייסטערן די צוהערער, אַזוי, אַז ס׳האָט מיט אים גענומען קלינגען אין די מוזיקאַלישע קרייזן אין וואַרשע און נאָך מער — אין זיין טאַטנס קאָוויאַרניע — „ביי מעיסקען״.

19

אין אַ געוויסן אָוונט, ווען לייזערקע האָט אין אַ שפּעטער שעה באַזוכט די באַוווּסטע קאַפע „זשעמיאַנסקאַ״, האָט ער זיך צופעליק דאָרט אָנגעשטויסן אויף זיין קריסטלעכן חבר אַנדזשעי פּולאַווסקי וועמען מען

האָט פאַר נישט מאַראַלישע מעשים, אויסגעשלאָסן פונעם פּאָליטעכניקום — אין לעצטן יאָר פון זיינע לימודים.

לייזערקע האָט אים געטראָפן זיצן ביי אַ טישל אין דער געזעלשאַפט פון אַ העל־בלאָנדער דאַמע — אין כמעט שוין אויסגעליידיקטן זאַל.ביידע — פאַרטיפט אין אַן אינטימען שמועס. לייזערקע האָט זיך געוואָלט צוריק־ציען, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. אַנדזשעיס פאַרשייטער בליק האָט אים שוין געהאַט פון וויטנס דערטאַפּט. ער האָט זיך ברייט צעשמייכלט, און מיט אַ הייב אין דער הייך די האַנט — אים פאַרבעטן צו זיין טישל.

ווען לייזערקע האָט זיך דערנענטערט, האָבן זיך ביידע אַלטע גוטע חברים נישט אַרומגעכאַפּט, ווי זיי פלעגן עס אַמאָל יאָ טאָן, — אַפילו נאָך אַ פונאַנדערשיידונג פון בלויז געציילטע וואָכן. מיט וואָסערדיק־פאַרשווומענע אויגן האָט אַנדזשעי פּולאַווסקי געקוקט אויף זיין געוועזענעם יידישן חבר און, געזען לייזערקען ווי אין אַ קרומען שפּיגל...

— האָסט זיך ענדלעך אָפּגעפונען, כיטרער פוקס! — איז געווען אַנדזשעיס באַגריסונג, ווען ער האָט דערלאַנגט לייזערקען די האַנט. זייט באַקאַנט! — האָט ער אָנגעוויזן לייזערקען אויף דער בלאָנדער דאַמע — דאָס איז די אַקטריסע זשאַנאַ לעוויצקאַ, און צו דער אַקטריסע, — מיט אַן איראָנישן ווונק: — און דאָס איז מיין בעסטער שול־חבר, לוציאַן יעלניק!

— דו, לוציאַן, ביסט דאָך שוין זיכער זינט־ווען אַן אינזשיניער, וואָס נישט?

— געוויס שוין פון לאַנג! — האָט לייזערקע געענטפערט מיט אַ געמאַכטער אויפגעלייגטקייט און זייטיק באַטראַכט דעם חברס בלאָנדע דאַמע, וואָס האָט מיט איר אויסערלעכקייט, פאַרגעשטעלט מיט זיך, גאָרנישט קיין געהויבענעם פּרויען־טיפּ.

— נישט וויכטיק ווי לאַנג — האָט אים אַנדזשעי פּולאַווסקי אַ קלאַפּ־געטאָן גוט־ברודעריש איבער די פּלייצעס, — צו „באַגיסן" איז קיינמאָל נישט צו שפּעט.

— אָבער... אַנדזשעי... כ'טרינק נישט... און דאָ טרינקט מען איבער־הויפּט נישט!

— טאָ באַשטעל אַ נאַכטמאָל.

לייזערקע האָט בלית ברירה, באַשטעלט אַ נאַכטמאָל פאַר דריי פּערזאָן. אַנדזשעי פּולאַווסקי האָט בעתן עסן גענומען שיטן מיט שטאַרק

געפּעפּערטע וויצן, פון וועלכע די זייער־געפּאַרבטע אַקטריסע, האָט זיך באַמיט פאַר לייזערקען, צו רויטלען זיך... ביסלעכוויז, איז לייזערקעס בעסטער חבר, דער נישט־דערגאַנגענער אינזשיניער אַריבערגעגאַנגען אויף אַנטיסעמיטישע אנעקדאָטן און וויצן.

לייזערקע, וואָס פלעגט שטענדיק מיטלאַכן הערנדיק ענלעכע וויצן, האָט דאָס מאָל אינסטינקטיוו דערפילט, אַז זיי זענען איצט געווענדעט קעגן אים. ער האָט זיך באַמיט אַרויסצווייזן אַ גלייכגילטיקייט צו דעם וואָס ער האָט געהערט, אַפילו עטלעכע מאָל אַ לייכטן שמייכל געטאָן, אָבער טיף אין אים, — האָט עס געקאָכט — נישט דערפאַר, וואָס מען באַליידיקט די יידן, נאָר דערפאַר וואָס מען פאַרגלייכט אים מיט „זיי"...

פלוצלינג איז פולאַווסקי אָפּן אַרויס מיט לשון:

— איר, יידעלעך, פאַרכאַפּט נישט בלויז דעם האַנדל אין פוילן, נאָר איר באַהערשט שוין באַלד אַלע „פּלאַצוווקעס" וואָס דאַרפן פאַרנומען ווערן דורך דער פּוילישער אינטעליגענץ... אָט זע... — נישט געקוקט דערויף וואָס איך בין אַ פּאָליאַק, האָב איך נישט געקאָנט דערגרייכן צו דעם וואָס דו! ווילסט וויסן פאַרוואָס? — דערפאַר, וואָס מיט דער הילף פונעם געלט פון דיין רייכן טאַטן, האָסטו באַקומען דעם אינזשיניערן־דיפּלאָם וואָס איז געווען באַשטימט פאַר מיר!...

לייזערקע האָט זיך שוין נישט געקאָנט מער באהערשן און אין אַן אויפגערעגטן טאָן, אין דער קעגנוואַרט פון דער געפּאַרבטער אַקטריסע אים דערמאָנט, אַז ערשטנס דאַרף ער גוט געדענקען פאַרוואָס ער איז געוואָרן אויסגעשלאָסן פון דער הויכשול, און צווייטנס, דאַרף אַ סטודענט פון פּאָליטעכניקום, מעג ער אַפילו זיין אַ ריין־בלוטיקער פּאָליאַק, — נישט פאַרגעסן, אַז דער פונדאַטאָר פון אָט דער שול, איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דער ייד וואָוועלבערג!...

— אָט דאָס, לוציאַן, איז שוין פון דיין זייט אַ יידישע חוצפה!... דו גייסט דאָס לערנען אַ פּאָליאַק שכל און מאָראַל?! ווער־ווער לוציאַן, אָבער דו ווייסט דאָך יאָ, אַז דאָרט ווו עס שמעקט מיט געלט פאַרשאַכערט איר די מאָראַל... דיין טאַטע האָט דיך געלאָזט שטודירן כדי דו זאָלסט פאַרכאַפּן אונדזערע „פּלאַצוווקעס". און אויב דו ווייסט נישט פון וואַנען ס'איז געקומען דיין טאַטנס רייכטום, קאָן איך דיר זאָגן — דאָס איז פון די תבואה־פעלדער אַדורכגעזאַפּט מיטן שוויס פונעם פּוילישן פויער!

לייזערקעס אויגן הינטער די האַלבעברילן־גלעזער האָבן זיך ברייט פונאַנדערגעעפנט און זיין פּנים האָט זיך פון כעס און שווערע באַליידיקונג, אָנגעגאָסן מיט אַ פלאַמיקער רויטקייט, און באַמיענדיק זיך צו באַהערשן — ווי דורכגעזיפּט דורך די ציין: — אַזוי ווייט אַנדזשעי, האָט דיך דערפירט די ביליקע קנאה צוליבן נישט דערגרייכן דעם אינזשיניערן־דיפּלאָם — אַז דו מוזט זיך אַזש באַנוצן מיט אַן אַנטיסעמיטישער, כוליגאַ־נישער שפּראַך?

— דאָסיטש! דאָסיטש! (גענוג, גענוג!) — האָט די אַקטריסע געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי זי וואָלט זיי ביידן געוואָלט באַרואיקן און, ווי ס'האָט אינדעראמתן אויסגעזען — געהאַט גרויס הנאה, ווי איר פריינט האָט עס אַריינגעזאָגט דעם זשיד...

— וואָס דרייסטו דאָרט אַ קאָפּ מיט אַ „קנאה־שמינע״! — איז אַנדזשעי פּולאַווסקי, מיט אָנגעצונדענע אויגן און מיט אַ בלוט־פאַרלאָפן פּנים, פון דער „יוכע״, וואָס האָט זיך אין אים צעקאָכט — אַזש אונטער־געשפּרונגען און, מיט אַ גיפטיק צישען צווישן די ציין, אַרויסגעברומט מיט אַ דראָענדיקער שטים:

— קודם־כל בעט איך דיך נישט צו פאַרגלייכן מיך מיט עפּעס דאָרט אַן אומוויסנדיקן כוליגאַן... צווייטנס, וויל איך אַז דו זאָלסט וויסן, אַז אָט אַזעלכע יידן טאָקע ווי דו, מיט אַזעלכע העל־בלאָנדע האָר און אַזעלכע ריין־פּוילישע נעזלעך — „זיי״, און נישט די „פּעיסאָטע קאַפּאָטשאַזשעס״, זענען עס פּאַר אונדז פּאַליאַקן — די גרעסטע געפאַר!... נישט געבעטענע, זוכט איר מיט אַלע מיטלען זיך אַריינצורייסן אין דער ריין־פּוילישער געזעלשאַפט, בכדי זי פון אינעווייניק, צו פאַרפּעסטן, צעלייגן, מיט אייער יידישער מאָראַל!...

נאָך אַנדזשעיס לעצטן זאַץ האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט לייזערקעס הויכע אויפגערעגטע שטים און אַן אָפּהילך פון קלעפּ און פּעטש, באַגלייט פון אַ פּרויאישן היסטעריע־געקוויטש: — קעלנער, זשיד פּאַליאַקאַ ביע! (קעלנער, אַ ייד שלאָגט אַ פּאָליאַק!).

דער עפּילאָג פון לייזערקעס צופעליקער באַגעגעניש מיט זיין געוועזענעם שול־חבר אין קאַפע „זשעמיאַנסקאַ״, האָט זיך אָפּגעשפּילט אין געריכט, וווּ די „אַקטריסע״ איז אַרויסגעטראָטן אלס עדות, אַז לייזערקע

האָט פּיזיש אָנגעגריפן איר פריינט אַנדזשעי פּולאַווסקי און אים אויך באַליידיקט, מיט אָנרופן אים „פּאָלסקאַ שווינִיאַ״...

נאָך דעם דאָזיקן בייזווילִיקן בלבול אויף אים, אַ בלבול, וואָס איז צו יענער צייט זייער פּאָפּולער געווען אין פּוילן — איז לייזערקע אַ לענגערע צייט אַרומגעגאַנגען ווי צעטומלט און נישט געקאָנט קומען צו זיך. ער האָט זיך אָבער צוביסלעך אָנגעהויבן באַרואיקן, און געוואָלט זען אינעם גאַנצן פּאַרפּאַל, נישט מער ווי אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ האַלב־שיכורן אינדיווידיאום, וואָס איז צוליב זיין מיסדערפּאָלג אין לעבן, אַוועק אויף אַ גליטשיקן וועג.

דער זומער איז אַוועק ווי אומבאַמערקט. מיט יעדן טאָג, זענען אַלץ שיטערער געוואָרן די עטלעכע הויכע, געדיכט־צעצווייגטע ביימער אינעם גערטנדל פונעם מיטלסטן אַספאַלטירטן הויף.

שאַרפע האַרבסטיקע ווינטעלעך האָבן גענומען אַלץ אָפטער און שטאַרקער בלאָזן און יאָגן די אַרונטערגעפאַלענע בלעטער, און אויף די שפּיצן פון די האַלב־נאַקעטע ביימער האָבן זיך באַוויזן די ערשטע קראָען.

„מעיסקעס קאָוויאַרניע״ האָט ווידער אָנגעהויבן פול־ווערן מיט זיינע שטאַם־געסט.

צום פאַרביקן „מעלאַנזש״ איז אויך צוגעקומען דער רויט־האָריקער ווייןהענדלער, ר׳ יצחק ווּשענדאָבילסקי, אַן אַמשינאָווער חסיד, אַן אגודה־ניק, וואָס האָט די גאַנצע גאַס געהאַלטן אויף דער צונג...

די נישט־קאָנטראָלירטע ידיעה, אַז דער בוי־אינזשיניער לוציאַן יעלניק האָט זיך געשמדט — איז געשטאַנען אין צענטער פון די שמועסן אין „מעיסקעס קאָוויאַרניע״. אין מיטן שמועסן אַזוי, איז אַריינגעקומען דער לאַנגער פּייווקע „קאָלעקטאָר״ און הערנדיק וועגן וואָס מען אַמפּערט זיך — אריינגענומען אין דער קנאָכיקער האַנט אַריך, די שמאָלע באָרד זיינע, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און, מיט אַ שטילער סודותפולער שטים, פינטלענדיק מיט די פאַרשאָטנטע גראָע אויגן — דערציילט, אַז דורכגייענדיק מיט צוויי טעג צוריק דורך דער מאָניושקי־גאַס, האָט ער באַמערקט לוציאַנען מיט זיין צעלינאַ אַריינגיין אין איינע פון די הייזער. אָפּשטעלנדיק זיך ביים הויז וווּ זיי זענען אַריינגעגאַנגען, האָט ער ביים טויער באַמערקט אַ מעשן שילדל, און אויף אים, מיט גרויסע אותיות „לוציאַן יעלינסקי״. אַ סברה — האָט ער צוגעגעבן — אַז ער האָט זיך טאָקע געשמדט...

מ׳איז מיט דעם נייעס פון פיווקע „קאַלעקטאָר״ געווען אזוי פאַרנומען, אַז מען האָט, כמעט, נישט באַמערקט ווי מיט די טרעפּלעך האָבן זיך אויפ־געהויבן צוויי נישט־יידישע געסט, וואָס האָבן מיט זייערע שפּיזיקע אויגן און ניוכענדיקע נעז — מיט איינמאָל צוגענומען ביי יעדן דעם חשק צו רעדן. יעדער האָט אויף־דער־גיך און אין־דער־שטיל אָפּגעגעסן און זיך איינציקווייז ארויסגעשאַרט פון דער קאַווייאַרניע. דער ערשטער איז ארויס דער דרוקער־ארבעטער דער „חבר וולאַדעק״, וואָס האָט גלייך דערשנאַפּט ווער עס זענען די נישט־געבעטענע געסט, און פון געוווינהייט אין אַזעלכע פאַלן — לייכט אַ טראָט־געטאָן אונטערן טיש — אויף די פיס פון צוויי פּראָווינצער בחורים, פרישע באַזוכער אין דער „פרייע טריבונע״. געבליבן זיצן, איז בלויז ר׳ יצחק וושענדאָבילסקי, וואָס האָט רואיק הויך געזופט זיין דריט גלאָז טיי פונעם טיי־טעצעלע.

די צוויי נישט־געבעטענע געסט האָבן באַשטעלט צוויי קאַוועס און זייטיק דורכגעבויערט מיט די אויגן דעם רויט־האָריקן ווייזהענדלער, ווי ער זופט מיט א הויך שמאַטשקען פונעם טעצל און ווישט יעדע ווילע מיט אַן עק פון זיין שאַליקל איבערן רויטלעך־צעפּאַרעטן פּנים.

דער „חבר וולאַדעק״ איז גלייך איינגעשטיגן אין אַ טראַמוויי און געפאָרן אויפזוכן די יונגע פּאַרטיי־פאַרבינדלעריך, די חברטע ביאַנקאַ. ער האָט געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז ער מוז זי אויסגעפינען און וואָרענען — בשייכות מיטן באַווייזן זיך פון די צוויי פאַרדעכטיקטע טיפּן, וואָס זענען היינטיקן אָוונט פלוצלינג אַריינגעפאַלן אין „מעיסקעס קאַוויאַרניע״. דאָס מזל האָט אים, און נאָך מער — דער חברטע ביאַנקאַ — צוגעשפּילט. ער האָט זי אָנגעטראָפן אויף דער גאַס, נאָך איידער ער איז צוגעקומען צום באַשטימטן אָרט, ווו ער האָט געגלויבט זי צו געפינען. ער האָט זיך נישט באַלד דערנענטערט צו איר, נאָר אָבסערווירט פון וויטנס צי זי ווערט נישט פון וועמען נאָכגעשפּירט. ווען די חברטע ביאַנקאַ איז אַריין אין א זייטיקער שטילער גאַס, האָט ער זיך אויסגעגלייכט מיט איר, איר איבערגעגעבן אין עטלעכע ווערטער וועגן זיין פאַרדאַכט און, זיך שנעל אָפּגעטראָגן.

ביאַנקאַ איז תיכף אַהיימגעפאָרן. זי איז אָבער נישט אַרויף אין שטוב. אויסנוצנדיק די טונקלקייט פונעם טריבן שפּעט־האַרבסטיקן אָוונט, האָט זי דורך אַ הינטער־טיר פון אַ היטלמאַכער זיך אַריינגעשלייכט אינעם הויף ווו ס׳איז אַרויסגעגאַנגען דאָס הויכע פענצטער פונעם אויבערשטן צימער

פון „מעיסקעס קאָוואַרניע״, און דורך די פאַרעגנטע שויבן פונעם פענצטער — אַריינגעקוקט און געזען נאָך זיצן ביי אַ טישל די צווי פאַרשוינען, וואָס וולאַדעק האָט זיי איר געשילדערט, און נעבן אַ צווייט טישל — איר טאַטן.

די חברטע ביאַנקאַ איז שנעל ארויף צו זיך אין שטוב, און אויסמיידנ־דיק זיך אָנצוטרעפן מיטן הויזוועכטער, — פארשוווּנדן געוואָרן מיט אַ פּעקל, וואָס זי האָט אויף־דער־גיך אַ נעם־געטאָן אונטערן אָרעם...

ס'איז שוין געווען אַ שטיק אין דער נאַכט. אין דער טיפער שטילקייט, האָבן זיך פונעם טורעם־זייגער פון דער נישט ווייטער קירכע, דערטראָגן צוויי אויסגעצויגענע מעטאַלענע אָפּקלאַנגען, וואָס זענען לאַנגזאַם אויס־געגאַנגען. פּלוצלינג האָט אין דער גאַס זיך שטיל אַריינגעגליטשט דאָס „בלויע־קעטשל״ מיט האַלב־פאַרטונקלטע פייערן, און זיך אָפּגעשטעלט ביים טויער פון הויז ווו ס'האָט געוווינט דער ווינהענדלער ר' יצחק וושענדאָבילסקי. בליץ־שנעל זענען פון דער מאַשין אַרויסגעשפּרונגען א מונדירטער „דזשעלניצאָווי״ אין באַגלייטונג פון צוויי ציוויליסטן, און איינער פון זיי האָט גלייך גענומען האַסטיק ציען פארן מעשענעם הענטל ביים טויער. דער הויזוועכטער, ווען אַזאַ ענערגיש ציען פארן גלאָק איז שוין גוט באַקאַנט געווען — איז אַ פאַרשלאָפענער שנעל אַרויס צום טויער און אַריינגעלאָזט די „וולאַדזאַ״... (די מאַכט).

די חברטע ביאַנקאַ, וואָס איז די נאַכט געשלאָפן מיט „אָפענע אויערן״ און תיכף פאַרשטאַנען ווען מען מיינט עס דאָ אַזוי שפּעט אין דער נאַכט, האָט זיך נישט אַזוי איבערגענומען מיט דער פאַרשטייענדיקער רעוויזיע אָדער אַרעסט, ווי מיטן געדאַנק, אז דער טאַטע וועט מיטאַמאָל זיך דערוויסן דעם מוראהדיקן סוד... אַז זיין בת־יחידקע דבורהלע, וואָס האָט געענדיקט די „בית־יעקב״־שולע, איז גאָר אַזאַ...

אָבער דאָ האָט אַ פּעסט און שנעל קלאַפּן אין דער טיר, איבערגעריסן אירע טראַכטענישן און, כאַפּנדיק שנעל אויף זיך אַ קליידל, איז זי געלאָפן עפענען די טיר.

כאָטש ביאַנקאַ האָט לויפנדיק צו דער טיר אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע לעמפּל אין פאָדערצימער, האָט איינער פון די צווי דעפענסיווע־אגענטן, איר אריינגעלויכטן מיט זיין טאַשן־לעמפּל אין פּנים אַריין און הויך אויסגערופן צו די איבעריקע צוויי: — דאָס איז זי!...

— איר מוזט דאָ האָבן אַ שטיקל טעות „פּאַנאָוויע" — האָט דבורהלע, ווי צו מאַסקירן פאַר זיי איר אומרואיקייט — הויך און דרייסט געענטפערט מיט אַ לייכט שמייכעלע.

— מיר וועלן אייך גלייך באַווייזן, אַז מיר האָבן שוין גאָרנישט קיין טעות! — האָט דער צווייטער אַגענט, פאַרזשמורענדיק כיטרע זיין לינק אויג, איר ציניש אַריינגעשמייכלט אין פּנים.

— וואָס „פּאַנאָוויע", איר האַלט מיך פאַר אַ גנבטע? — האָט נאָך ביאַנקאַ, מיט א שמייכל געפּרוווט שפּילן פאַר איר טאַטן די ראָל פון אַן אומשולדיק לעמעלע...

— ניין, „בירגעריך", איר זענט פאַר אונדז אַ סך געפערלעכער ווי אַ פּשוטע גנבטע!...

פון גרויס שרעק און שטוינונג, איז ר׳ יצחק ווישענדאָבילסקי די גאַנצע צייט געשטאַנען פאַרן „דזשעלניצאָווי" מיטן קאָפּ אין האַנט.

די רעוויזיע איז געווען אַ לאַנגדויערנדיקע און אַ גרינטלעכע. קיין שום קאָמפּראָמיטירנדיקס, האָט מען נישט געפונען. אָבער ביאַנקאַ איז דאָך פאַרהאַלטן געוואָרן, און ערשט נאָכן אָפּזיצן דריי טעג אין אַרעסט, באַפרייט געוואָרן צוליב מאַנגל אין באַווייזן.

אין דער זעלבער נאַכט האָט מען פון די בעטן ארויסגענומען אויך „וועלוול סמאָלעס" מיטלסטן זון, דעם אַנאַרכיסט כאַצקעלע „גאַכאַלניק" און אַנדערע.

כאָטש די חברטע ביאַנקאַ איז געווען די איינציקע וואָס איז אויפן דריטן טאָג באַפרייט געוואָרן, און ס׳איז איר געלונגען איינצורעדן איר טאַטן, אַז מיט איר איז פאַרגעקומען א טעות, האָט ר׳ יצחק ווישענדאָבילסקי „אָנגענומען אַ מויל מיט וואסער" און אויף א געוויסער צייט, אפילו אויפגעהערט אין די אָוונט־שעהן אַריינצוקומען אינעם אויבערשטן צימער פון „מעיסקעס קאָוואַרניע".

גאַנצע דריי חדשים איז יואל־הערש יעלניק געלעגן שווער קראַנק און זיין לעבן איז פּשוט געשטאַנען אין קאָן. ער האָט באַקומען א בלוט־פאַרגלי־ווערונג איבער דער קני פונעם רעכטן פוס. צוליב זיין פוללייביקייט און שטאַרקער פעטקייט, האָבן נאָך אַ חודש ליגן, זיך צוגעטשעפּעט צו אים אַנדערע קאָמפּליקאַציעס. גלייך נאָך די ערשטע טעג פון יואל־הערשס

אַוועקלייגן זיך, ווי נאָר די דאָקטוירים האָבן פאַרויסגעזאָגט, אַז אין בעסטן פאַל, איז עס אַ געשיכטע אויף לאַנגע וואָכן, האָט ליבעלע אַהיימגעשריבן צו אירע עלטערן, אַז דער גאַנצער מעל־מסחר וועט גיין צום גרונט, אויב דער טאַטעשי וועט נישט ווערן־ס׳איז אַהערשיקן. דאָס בעסטע וואָלט געווען, — האָט זי געשריבן — מ׳זאָל אַראָפּשיקן פּיווישן. ער קאָן אַראָפּ־קומען מיט זיין ווייב און מיט דיביידע קינדער. אָרט איז פאַראַן גענוג פאַר אַלעמען. זי — האָט ליבעלע געשריבן — האָט נישט קיין שום ידיעה אין יואל־הערשס געשעפטן, און אויף די מענטשן אין סקלאַד, דאַרף מען זיך נישט פאַרלאָזן. זי אַליין קאָן אפילו אויף קיין איין־איינציקער שעה נישט אַראָפּכאַפּן זיך אַ בליק־טאָן אין סקלאַד — פאַרענדיקט זי איר בריוו — ווייל נישט געקוקט דערויף וואָס זי האָט אַ מענטש אין שטוב, איז זי אַזוי פאַרנומען מיט די קינדער און מיטן קראַנקן מאַן, אַז זי האָט פשוט נישט קיין צייט „די נאָז אַרויסצושטעקן".

ליבעלע האָט אין איר בריוו אָנגעוויזן אויף איר יונגסטן ברודער פּיווישן, ווייל פון סוכות ביז צוויי וואָכן פאַר פּסח, איז אַ שטילשטאַנד אין זיינע געשעפטן, און אויך דערפאַר, וואָס עס איז כמעט נישט געווען קיין מסחר, ער זאָל נישט האָבן דערין אַ געוויסע ידיעה. נאָך שנעלער ווי ליבעלע האָט זיך געריכט, איז פּיוויש מיטן ווייב און מיט ביידע קינדער אַראָפּגעקומען פון ביאַלע. געווען איז עס אין צווייטן טאָג חול המועד סוכות, אין אַ טאָג וואָס ס׳איז אַן עבירה געווען א הונט אַרויסצוטרייבן.

ליבעלע האָט איר שוועגערין סימעלע און אויך איר יונגסטן ברודער פּיווישן, וואָס איז געווען עלטער פון איר מיט פיר יאָר — נישט דערקענט. אין די לעצטע צוויי יאָר וואָס זי האָט זיי נישט געזען, האָבן זיך ביידע זייער געענדערט. סימעלע האָט מער נישט געטראָגן דאָס קאַרבירטע שייטעלע, נאָר אירע אייגענע, ווי זייד־שפּיגלדיקע שוואַרצע האָר, וואָס זענען איצט געווען פאַרקעמט אין א „וואַלעק"; אויף איר פּנים איז מער נישט געלעגן קיין פאַרזאָרגטקייט, נאָר געהאַט אַ מונטערן יוגנטלעכן אויסזען. וואָס שייך איר ברודער פּיווישן, איז ביי אים פאַרשוואונדן זיין ברייט־צעוואַקסענע באָרד, וואָס האָט געהאַט פאַרנומען דריי־פערטל פון זיין פּנים. אויף איר אָרט האָט איצט געגרוט אַ קורץ פיין־צוגעשוירן בלאָנד בערדל; דער טלית־קטן איז איצט געווען ביי אים גוט פאַרשטעקט... ער האָט אויך נישט געטראָגן מער די הויזן אַריינגערוקט אין די כאַליעוועס פון די שטיוול, נאָר אַ פּאָר „סטוטשקאָווע" קאַמגאַרענע הויזן מיט א „לוק", וואָס

האָבן געגרייכט ביז צו די אָפּצאָסן פון די שוואַרצע געמזענע שטיוועלעטן; געטראָגן אַ קאַפּאָטע מיט „ווילאָגן", מיט אַ שטיקל „וועטשענט" ביי דער טאַליע און, אַ געשטרייפט הימל־בלאָ העמד מיט א זיידענער זילבער־גראָער בינדע.

דאָס איז זי, סימעלע, געווען די „פאַרשווערערין", וואָס האָט דורכגע־פירט די דאָזיקע „רעוואָלוציע" איבער זיך און איבער איר פּיווישן. — איר פּיווייש, וואָס האָט עטלעכע וואָכן פאַר זייער חתונה באַקומען פּעטש פון איר שווער ר' לייביש שעניצער, ווען לצים ישיבה־בחורים, האָבן ביי אים אין בית־מדרש אַרויסגעצויגן פון דער קעשענע וואָס ביים שליץ פון דער קאַפּאָטע, — די טריפהנע העברעישע צייטונג „הצפירה"...

וואָלט דאָס געשען מיט אַ יאָר צוואָנציק צוריק, וואָלט פון אַזאַ „רעוואָלוציע" גאַנץ ביאַלע געגאַנגען אויף רעדלעך, נאָר היות אַזעלכע געשעענישן זענען שוין נישט געווען קיין זעלטנהייט אין שטאָט, האָט מען אַ קורצע צייט גערעדט, נאָכגעטיילט מיטן פינגער, און לסוף מיד־געוואָרן.

געפירט צו דער איבערקערעניש האָבן צוויי סיבות: ערשטנס, די דורכ־געלייענטע ביכלעך, וואָס זי, סימעלע, האָט זינט א לענגערע צייט גענומען ביי זייער הויז־דאָקטאָרס פרוי, און צווייטנס: צוליבן בוכהאלטער פון אַ „פאַראָווער מיל", דעם יונגן וויסאָצקי, וואָס פלעגט אָפט אַראָפּקומען צו זיינע עלטערן קיין ביאַלע, און יעדעס מאָל זיך אַריינגעכאַפּט מיט א באַזוך צו איר שווער ר' לייביש שעניצערן, אין וועמען ער האָט געהאַט אַ גוטן שאך־פאַרטנער.

בעת זיינע באַזוכן, פלעגט סימעלע זיך שטענדיק פאַרקוקן אויף זיין יידיש־געפוצטער עלעגאַנטער קליידונג און אויף זיין שטענדיק פיין־צוגע־שוירן שאַטינעם בערדל. די קאַפּאָטע זיינע האָט צומאָל ווי קיין קאַפּאָטע נישט אויסגעזען... ס'איז בלויז געווען געווען, ער זאָל אויף אַ מינוט אַרונ־טערנעמען זיין טוכן יידיש היטעלע — און שוין האָט מען פאַר זיך געהאַט אַן אייראָפּעער... דער דאָזיקער בוכהאַלטער, נתן וויסאָצקי, ווי אַ מער וועלטלעכער מענטש, האָט יעדעס מאָל ווען ער האָט ביי לייביש שעניצערן אין שטוב זיך אָנגעטראָפן מיט סימעלען — דרייסט איר אַריינגעקוקט גלייך אין פנים...

סימעלע האָט נישט געמאַכט קיין ווען פונעם בוכהאַלטערס צו אינטימען בליק, ווייל איר פּיווייש איז געווען שענער און געשטאַלטיקער

פון אים. זי האָט נאָר געטראַכט, אַז זי מוז דורכאויס זען, אַז אויך איר מאַן זאָל זיין אַזוי „מאָדערן"... און אז סימעלע האָט אַזוי געוואָלט — האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין...

יואל־הערש אַוועקלייגן זיך אין בעט אויף גאַנצע דריי חדשים, האָט גורם געווען גרויסע ענדערונגען אין זיינע געשעפטן, אין זיין הויז, און אין דער נישט גאָר וואָרעמער באַציאונג פון ליבעלען צו איר מאַן.

יואל־הערש מעל־מסחר, וואָס האָט ווייט נישט דערגרייכט צו ר' איטשע־מאירס אַמאָליקע געשעפטן, איז גראָד אין דער צייט ווען ער האָט זיך אַוועקגעלייגט קראַנק, — אַריין אין א שווערן קריזיס. צוליב די פריש־צוגעקומענע מעל־אנגראָסיסטן און צוליב דער זייער גוטער געראָ־טעניש אויף תבואה, איז מיטאמאָל אַנטשטאַנען אַ שאַרפע קאָנקורענץ אינעם מסחר און מען האָט כסדר באַדאַרפט זיין אין גאַס, שטיין אויף דער וואַך כדי מיט אייזערנע צוואַנגען צוהאַלטן די קונים, זיי זאָלן נישט אַריינ־פאַלן אין די הענט פון פריש־אויפגעקומענע, וואָס האָבן געאַרבעט מיט אַלע מעגלעכע און אפילו נישט־ערלעכע מיטלען. צו דעם אַלעם צו, איז יואל־הערש בוכהאַלטער, וואָס האָט געוווּסט אַלע זיינע סודות — אַריבער אַרבעטן פאַר אַ גרעסערן געהאַלט צו יואל־הערשס אַ קאָנקורענט, וועלכער האָט שוין פון לאַנג געזוכט אים „איינצובייסן"...

ביי אזעלכע באַדינגונגען, האָט שוין זיין שוואַגער פּיוויש שעניצער, נישט געקוקט אויף זיינע גרויסע פעאיקייטן — וויניק־וואָס געקאָנט אויפטאָן.

פּיוויש שעניצער האָט נאָך צוגעהאָלפן יואל־הערשן, א צווייי חדשים נאָך זיין געזונט ווערן. אויפן דריטן חודש, האָט יואל־הערש אויפגעהאָנגען אַ שלאָס אויפן אויסגעליידיקטן מעל־סקלאַד און, די אַלטע איינגעאַרבעטע און באַוווּסטע פירמע, וואָס מען האָט ביזן לעצטן מאָמענט נאָך גערופן „ר' איטשע־מאיר יעלניקס מעל־סקלאַד" — האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

אַרויסגעראַטעוועט וויפל ס'האָט זיך געלאָזט אין מזומנים — האָט יואל־הערש באַשלאָסן אַראָפּצופאָרן קיין ביאַלע צום שווער, זיך אַן עצה־האַלטן.

נאָך איידער יואל־הערש איז אַראָפּגעקומען קיין ביאַלע, איז שוין מוצאי שבת, נאָך דער מלוה מלכה, אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ר' לייביש שעניצערס „סאַליע", אַן ענגע פאַמיליע־באַראַטונג, בשייכות מיט יואל־הערשס ווייטערדיקן גורל. נישט געקוקט אויף פּיווישעס בריהשאַפט, זענען

אויך זיינע געשעפטן אין ביאַלע געגאַנגען נישט פויגלדיק. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ געדאַנק צו פּרוּוון זיין גליק אינעם כרך וואַרשע און אַריבערוואַרפן זיך דאָרט אויף אַן אַנדער מסחר. געטראַכט האָט ער — אַריבערגיין אויף בוי־מאַטעריאַלן און עפענען אַ סקלאַד פון אויוון־קאַכלעס, פּאַסאַדזקעס און פאַרשידענע מאַטעריאַלן פאַר וואַסער־אינסטאַלאַציעס. צו דעם האָט פּיוויש באַדאַרפט האָבן געלט אויף סחורה, אויף אַ געהעריקן סקלאַד אין צענטער שטאָט, און אויף אַ געהעריקער דירה.

אַז מען איז געקומען צום ענין „יואל־הערש״, האָט ביי פּיווישן אויפגעבליצט אַ געדאַנק, און ער האָט תיכף, גלייך אויפן אָרט, פאָרגעשלאָגן זיין פּלאַן פאַרן ענגן פאַמיליע־קרייז, וואָס איז באַשטאַנען פון ר׳ לייביש שעניצערן מיט זיין ווייב, אַלע דריי זין, צוויי שנורן און איין טאָכטער מיט איר מאַן.

פּיווישעס פּלאַן איז געווען דער: קודם־כל דאַרף יואל־הערש איינפירן אַ שטרענגע עקאָנאָמיע אין די הוצאות, און היות דאָס רעדל קאָן זיך נאָך אַמאָל צוריקדרייען — זאָל ער אויף קיין פאַל נישט פאַרקויפן דעם סקלאַד, און אויך נישט די גרויסע זעקס־צימערדיקע וווינונג. יואל־הערש — האָט פּיוויש אויפגעקלערט — דאַרף פאַרדינגען אויף דירה־געלט אַ העלפט פונעם גרויסן סקלאַד און אויך אַ צוויי־דריי אויסמעבלירטע צימערן פון דער וווינונג. פאַרשטייט זיך, אַז פאַרדינגען צו מענטשן, וואָס זאָלן, ווען ס׳וועט אים נויטיק זיין, מיט אַ פאַר־קינדיקונג פון עטלעכע חדשים, — פריי־מאַכן דעם סקלאַד אָדער די דירה.

— כ׳מיין, אַז אַ מער זיכערן מענטש ווי מיך מיט מיין סימעלען — וועט ער נישט געפינען...

ר׳ לייביש שעניצער, און אויך די איבעריקע, האָבן מסכים־געווען מיט פּיווישעס פּלאַן. ס׳איז בלויז געשטאַנען די פראַגע: צו וואָס פאַראַ עסק, וועט יואל־הערש זיך נעמען? יעדער איינער האָט פאָרגעשלאָגן אַן אַנדער מסחר, און לסוף, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען קאָן דאָ, הינטער יואל־הערשס אויגן, גאָרנישט באַשליסן, און אַז ער אַליין מוז זיין דערביי. מיט דריי טעג שפּעטער, נאָך דער דאָזיקער פאַמיליע־באַראַטונג, איז יואל־הערש אַראָפּגעקומען קיין ביאַלע צום שווער.

כאָטש ס׳איז שוין געווען פולער פרילינג, סך־הכל, אַ צען טעג צו פּסח, האָט יואל־הערש נאָך געטראָגן אויף זיך אַ שווערן טונקל־גראָען הינטער־מאַנטל און אַ ברוינעם וואָלענעם שאַליק אַרום דעם האַלדז

פונעם ליגן דריי חדשים נאָכאַנאַנד אין בעט, איז ער נאָך פעטער און שווע־רער געוואָרן, און אויך — אַ סך שוואַכער. ער האָט אויך אויסגעזען אַ סך עלטער פון זיינע צוויי־און־דרייסיק יאָר. די באָרד איז ביי אים געווען ווילד־צעפּאַטלט, און די אויגן זענען ביי אים געווען אָנגעשטרענגטע, מידע.

ווי מען האָט יואל־הערשן אין טאָג פון זיינע תנאים — בעתן באַוויזן זיך מיטן טאַטן זיינעם אין ביאַלע — נאָכגעטייטלט פון טיר־און־פענצטער: „אָט אַ גליק־שידוך״! ס׳מיידל פאַלט אַריין אין א „שמאַלץ־גרוב״!... — אַזוי האָט מען איצט, אינעם טאָג וואָס ער איז אַראָפּגעקומען קיין ביאַלע זיך אַן עצה האַלטן מיט זיין שווער, — געוווסט נאָכצוטייטלען: „ביי וואָס איז איצט דאָס ווייבל, משטיינסגעזאָגט, געבליבן?... ס׳פּאַסט אים דאָך צו זיין אירס אַ טאַטע! אַן אויסזען האָט עס — זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן פאַר די רייד!... ווי קומט „דער באָרשט אין דעם זאַק אַריין״?

יואל־הערש האָט דעם שווער אין שטוב נישט געטראָפן. ר׳ לייביש שעניצער האָט היינט צוליב דער נאָענטקייט פונעם אָנקומענדיקן פסח — וואָס איז דאָס יאָר אויסגעפאַלן כמעט צוזאַמען מיטן קריסטלעכן „וויעל־קאַנאָץ״ — פשוט נישט געהאַט ווו פריער די הענט אַהינצוטאָן, און דערפאַר — געמיטאָגט אין דער שניט־קראָם.

אָפּגעגעבן אַ גרוס פונעם ווייב־און־קינדער, זיך נאָכגעפרעגט אויפן געזונט פון שווער־און־שוויגער, פון די קינדער און אייניקלעך, וועגן פרנסה אין שטוב און ווי גייט עס דעם און יענעם — האָט יואל־הערש אָפּגעגעסן זיין דיעטע־מיטאָג, נאָכגעטרונקען אַ גלאָז „ווישי־וואַסער״ און נישט וועלנדיק שטערן דעם שווער אין דער קראָם, — באַשלאָסן זיך אַביסל צושפּאַרן אויף דער אָטאָמאַנע אין עסצימער.

די דינסט האָט נאָך נישט באַוויזן אַראָפּצורוימען פונעם טיש — האָט איבערן עסצימער, זיך צעטראָגן אַ כראָפּען, ווי מען וואָלט מיט אַ טעמפּער זעג געפירט איבער א שטשאָפּע האָלץ... דערנאָך, אַ פייפן מיט דער נאָז און אַ סאָפּען און פרייכן, ווי פון אַ לאָקאָמאָטיוו...

אין צווישנצייט זענען אָנגעקומען ר׳ לייבישס יונגסטער זון פּיוויש, מיט זיין סימעלען. זיי זענען געבליבן אַ ווילע שטיין אויף דער שוועל פונעם עסצימער, און באַטראַכט זייער מגושמדיקן שוואָגער, ווי ער איז געלעגן א צעפּאָרענער מיט אָן אָפן מויל און געכראָפּעט.

— אָט דאָס איז דער מאַן פון מיין נאָך יונגער און שיינער שוועסטער...

— האָט פּיוויש אָנגעוויזן זיין סימעלען — אויף יואל־הערשן.

— ווען נישט די קינדער, וואָלט זי מיט אים נישט געווינט קיין פיר־אונצוואָנציק שעה! — האָט סימעלע געענטפערט מיט זיכערקייט.

— זי האָט דאָך נישט געהאַט אַלע פיר קינדער מיטאַמאָל... האָט פּיוויש באַמערקט ווי מיט פאָרוואורף.

די צווייטע פאַמיליע־באַראַטונג, וואָס איז דאָס מאָל פאָרגעקומען מיטן בייזיין פון יואל־הערשן, האָט זיך פאַרצויגן פון ניין אין אָוונט ביז איינס אַזייגער ביינאַכט. די הויפּט־זאַך וועגן וואָס יואל־הערש האָט געוואָלט זיך אָן עצה־האַלטן מיט זיין שווער, איז באַשטאַנען אין דעם: צי זאָל ער איינגיין אויפן פאָרשלאַג וואָס איז אים געמאַכט געוואָרן דורך אַ געוויסן בן־ציון ווינאַוועד, אַ באַקאַנטער פריינט פון זיין טאַטן. ער וויל, דער בן־ציון, עפענען מיט אים בשותפות א הורט־סקלאַד פון הערינג.

ר׳ לייביש שעניצער, וואָס האָט נאָך פון די צאַרישע צייטן, געקענט דעם דאָזיקן ייד, וועמענס גרויסער הערינג־סקלאַד איז פאַרברענט געוואָרן בעתן אָפּטרעטן דורכן רוסישן מיליטער פון פּראַגע, — איז אין פּרינציפּ מסכים געווען אויפן עסק, ווייל אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט שפּייז — איז אַ גוט אַרטיקל. פון אַלעם — האָט ער אים געזאָגט — קאָן זיך אַ מענטש אין אַ שלעכטער צייט אָפּזאָגן, נאָר נישט פון עסן! און הערינג, דאַרפסטו וויסן, יואל־הערש, איז איינע פון די הויפּט־שפּייזן פונעם אַרבעטער און פונעם אָרעמען מענטש בכלל, און זיי — זענען דער רוב מנין און רוב בנין פון דער באַפעלקערונג — אַזוי, אַז דו האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן. ס׳שטייט בלויז די פראַגע: אויף וואָס פאַראַ באַדינגונגען דו דאַרפסט אַריינגיין מיט אים אין שותפות.

—ביידע צדדים דאַרפן אַריינלייגן די זעלבע סומע געלט, נאָר אַזוי ווי דער גאַנצער מומחה אין דעם האַנדל איז דער הער ווינאַוועד — דאַרף איך דערפאַר געבן דעם סקלאַד, דאָס הייסט — נאָר אַ העלפט פונעם סקלאַד, וואָס וועט געגוג זיין אויפן עסק.

ס׳האָט זיך אַלץ צונויפגעלייגט, ווי פּיוויש האָט פּלאַנירט.

ר׳ לייביש שעניצער האָט זיך אַרויסגעזאָגט סיי פאַר יואל־הערשס שליסן שותפות מיט בן־ציון ווינאַווערן, און סיי מיט פּיווישעס פאָרשלאַג, וואָס וועט פאַרן אײדעם זיין אַ גרויסע פאַרקלענערונג אין די הוצאות. אויך יואל־הערש איז אין פּרינציפּ מסכים געווען מיט זיין שוואָגערס פאָר־

שלאַג. עס איז בלויז געבליבן צו וויסן וויפל וועט דאָס פּיוויש דאַרפן צאָלן חודשלעך פאַר אַ העלפט פונעם סקלאַד און פאַרן פאַרנעמען די דריי קלענערע אויסמעבלירטע צימערן פון יואל־הערשט וווינונג.

נאָך אַ קורץ ארומרעדן די זאַך, זענען ביידע שוואָגערס אַדורכגעקומען צווישן זיך.

צומאָרגנס אינדערפרי, נאָכן פרישטיק, איז יואל־הערש אָן עטוואָס אויפגעלייגטער, צוריקגעפאָרן קיין ווארשע.

נישט אויף לאַנג האָט דער ווײַנהענדלער, דער אגודהניק ר׳ יצחק ווישענדאָבילסקי „אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער" און אויסגעמיטן דאָס אויבערשטע צימערל אין „מעיסקעס קאָוויאַרניע".

נאָך דעם ווי זיין דבורהלע איז אויפן דריטן טאָג נאָכן אַרעסט באַפרייט געוואָרן, איז ער געווען איבערצייגט, אַז ס׳איז טאַקע געווען נישט מער ווי אַ טעות און ער איז ביסלעכווייז ווידער געוואָרן ביי זיך תקיפותדיקער, ווידער אָנגעהויבן האַלטן יעדן איינעם אויפן אויג און אויף דער צונג... און ווידער זיך גענומען וויזן אינעם אויבערשטן צימערל פון „מעיסקעס קאָוויאַרניע", און צווישן איין זופּ און צווייטן — געפּרעדיקט מאָראַל.

בלויז דער דרוקער־ארבעטער, דער קאָמוניסט וולאַדעק, האָט געוווּסט דעם אמת וועגן דבורהלען — די חברטע „ביאַנקאַ". ער האָט אַפילו געוווּסט, אַז די חברטע ביאַנקאַ גרייט זיך צו פאַרלאָזן דעם טאַטנס שטוב און אַוועקגיין וווינען מיטן קריסטלעכן חבר י. ב. פון דער וואַליער „דזשעלניצע". נישט איינמאָל, בעת ר׳ יצחק האָט געשיט פעך און שוועבל אויף יענעמס זין און טעכטער, אָדער אויף זייערע טאַטע־מאַמע, און נישט פאַרגעסן צוצוגעבן: ביי וועמן דאָס איז מעגלעך, ביי מיר — נישט — פלעגט וולאַדעק זיך איינהאַלטן מיט אַלע כוחות נישט אַרויסצושיטן פאַר אים, אין קעגנוואַרט פון די אַרומיקע, אַז ווען ער יצחק, וואָלט זיך נענטער ארומגעקוקט וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אין זיין הויז, וואָלט אים אַוועקגענומען געוואָרן דער חשק נאָכצוקוקן, וואָס עס טוט זיך ביי אַ צווייטן... — אָבער צוליב קאָנספּיראַציע, האָט זיך וולאַדעק געמוזט געבן „אַ ביס אין דער צונג", און שווייגן...

נאָכן נישט לאַנגן איבעררייס, האָט היינט ר׳ יצחק ווידער געהאַט די געלעגנהייט צו שיטן פעך און שוועבל אויף די אַלע וואָס גייען נישט אין

זיינע דרכים. די סיבה איז געווען: דער אָרגאַניזירטער איבערפאַל פון פּוילישע כוליגאַנעס, אויף אַן אויספלוג פון יידישע יוגנטלעכע ספּאָרטלער אינעם מלאַטשינער וועלדל. ר׳ יצחק האָט ווידער זיך געווישט מיט אַן עק פון זיין שאַלעקל דאָס רויטע, צעפּאַרעטע פּנים זיינס און געדונערט אויף די פּושעים, וואָס ווילן זיין מיט גויים גלייך און וועלן חלילה ברענגען אַן אומגליק אויף אומשולדיקע און אָרנטלעכע יידן; אַז שולדיק אין אַלעם, זענען די סאָציאַליסטישע און ציוניסטישע רעדלפירער, וואָס אַנשטאָט צו זען, אַז די יוגנט זאָל זיצן און לערנען תורה, פירן זיי זי אַריין אין פּאָליטיק, פוטבאָל און אויסגעלאַסנקייט...

דעם צוזאַמענשטויס האָט ר׳ יצחק געהאַט מיט דעם פּועלי־ציוניסט ליפּקע כמיעלניק. אָבער ווי שטענדיק, איז אים ליפּקע נישט שולדיק געבליבן, און אַרויס מיט זיין טערמינאָלאָגיע אין קעגנאָנגריף:

— אָט די אַלע ר׳ יצחקס, וואָס ווילן אָנטאָן יעדן ייד אַ רעליגיעז העמדל, וואָס זאָל אים האַלטן געפּענטעט פון וויג ביז צום קבר, בכדי ער זאָל חלילה נישט פּרווון דורכרייסן דעם פון דורות־לאַנג אָנגעזעצטן שפּינוועבס, מיט וועלכער ס׳זענען איינגעהילט די אַלטע פאַרשימלטע לעבנס־באַגריפן און אַבערגלויבנס, — זיי, נאָר זיי, זענען דאָס די אומ־דירעקטע שטויסער צו אַסימילאַציע און שמד צווישן יידן! דערקעגן מיר, מיר אַרבעטער, פּועלי־ציוניסטן, זענען זייערע צעשטערער! — לייענט באָראָכאָוון, וועט איר וויסן מיט וועלכן וועג דער יידישער אַרבעטער האָט צו גיין, און דעם ציל פאַר וועלכן ער האָט צו קעמפן!

דער טעקסטיל־פאַבריקאַנט מאָוריצי קליין:

— ווען נישט הערצל, וואָלט באָראָכאָוו נישט געהאַט וואָס צו זאָגן!...

— זאָלסט מיר מוחל זיין ליפּקעלע — האָט ר׳ יצחק זיך געהיצט, זיך געווישט דעם שוויס און נישט אונטערגעגעבן זיך — האָסט ערגעץ־ווו גענאַשט די געדרייטע ווערטלעך וואָס דו רעדסט זיי אַרויס ווי אַ גראַ־מאָפאָן. אין דיין רעדן ליגט בלויז עם־הארצות, איין אות פון אונדזער הייליקער תורה, איז הונדערט מאָל מער ווערט ווי דיינע פלאַפּלערייען וועגן באָראָכאָוון און הערצל!...

דער לערער פון „לשון־קודש״, דער מזרחיסט חיים בערקאָוויטש, האָט עטלעכע מאָל אַרומגעגלעט זיין קורץ שוואַרץ בערדל, — גלייכגעמאַכט דאָס שניפּסל, און אויסווישנדיק מיט אַ שטיקל זאַמש זיינע גראָבע ברילן־גלעזער — געלאָזן אָנגעהויבן:

— די צרה, ר׳ יצחק, שטעקט אין דעם, וואָס אַנשטאָט צו קומען און שטאַרקן דעם יידישן גייסט נישט בלויז דורך דת, נאָר אויך דורך נאַציאָ־נאַלן באַוווסטזיין, אין אַרבעט פאַר ארץ־ישראל, וואָס דאַרף זיין דער געבאָט פאַר יעדן פרומען ייד — איז מיט אייער פאַנאַטיש באַקעמפן דער אויפ־וואַכנדיקער שטרעבונג צו פאַרווירקלעכן אַ צוויי טויזנט־יאָריקן חלום, זיך צוריקצוקערן אויף אייגענער ערד — שטעלט איר אייך מיט אייער שנאה צו אָט דער שטרעבונג, — מחוץ פון כלל ישראל!

דאָ, האָט זיך ווידער אַרויסגערוקט ליפּקע כמיעלניקס צעשויבערטער קאָפּ אין ווען עמענס האָר ס׳האָבן נאָך ווו־נישט־ווו געשטעקט האָלץ־שניצלעך פונעם סטאָליאַר־װאַרקשטאָט. אונטערפּויקנדיק מיט זיינע ביינערדיקע פינגער אויפן טישל, האָט ער גענומען רעדן מיט אַ שטילער שטים, וואָס איז בהדרגה געשטיגן:

— אויב מיר פּועלי־ציוניסטן, פּראָפּאַגאַנדירן און קעמפן פאַר ארץ־ישראל, איז עס נישט פאַר אַ סתם יידישער היים, נאָר פאַר אַ פרייער נאַציאָנאַלער היים, וואָס זאָל זיין געבויט אויף גערעכטע סאָציאַלע יסודות, ווו דער בויענדיקער כוח, דער אַרבעטער־קלאַס, זאָל האַלטן דעם רודער אין דער האַנט.

דער טעקסטיל־פאַבריקאַנט, איז ביי ליפּקע כמיעלניקס לעצטע ווערטער אויפגעשפּרונגען פון אָרט ווי אַן אָפּגעבריטער. זיין פול רונדיק פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַן אַמאַראַנט־קאָליר, און ער האָט אַן אָנגעבלאָ־זענער — אַ וואָרף־געטאָן:

— דאָס איז סתם פּראָזעלאָגיע, וואָס איר קאָנט מיט איר זשאָנגלירן פאַר אָט די צוויי פּראָווינצער יינגלעך. מיט אַזעלכע פּוסטע פּראָפּאַגאַנדעס וועט איר נישט שאַפן קיין יידישע מדינה אין ארץ־ישראל! — וואָס מיר האָפן, אַז זי וועט אַמאָל, סוף כל סוף, אַנטשטיין — אַדאַנק אונדזער אומאויפהערלעכער מיזאַמער אַרבעט!

ס׳האָבן מיטאַמאָל זיך דערהערט שטימען אַרום עטלעכע טישלעך. ס׳איז געוואָרן אַ שטיקל גערודער און איינער האָט געפּרווט איבערשרייען דעם צווייטן.

גראָד האָט זיך באַוויזן ר׳ מעיסקע גאַלקין מיט א גרויסער באַשטעלטער און באַלייגטער טאַץ.

אַ צוגעווינטער שוין צו די שאַרפע צאַנקערייען און אַפילו, זידלערייען צווישן די דיסקוסאַנטן — איז ער שטיין־געבליבן א צעשמייכלטער מיט אַ

האַלב־אָפן מויל, און דורך זיין שוואַרץ־גערעמלטע פענסנע, — באַטראַכט זיינע טומלדיקע שטאָם־געסט.

— ווי זאָגט איר, ר׳ מעיסקע, זאָגט! — האָבן זיך פון אַרום די באַזעצטע טישלעך געריסן צו אים עטלעכע שטימען מיטאַמאָל און געוואָלט, אַז מעיסקע זאָל זיי געבן גערעכט...

ר׳ מעיסקע האָט אַ שטעל־אַוועק־געטאָן די טאַץ אויף אַ טישל, זיך אַ קראַץ־געטאָן אין זיין פאַרגרויט קאַמעץ־בערדל, און צעפּירנדיק בײדע הענט ווי אַ האָן די פליגל — בעת ער פאַרנעמט זיך צום קרייען, — נעבעכדיק געזאָגט:

— אַז איך ווייס אַליין ניט וואָס איך צו זאָגן. אַז כ׳ווייס אַפילו ניט וואָס איך בין... און מיס זיך איבערהעיפּט ניט אין פּאָליטיק. לעיט ווי כ׳הער אָפּט פון אייערע רעיד, זע איך איין, אַז יעדע פאַרטעי פאַרמאָגט אין זיך עפּעס גוטעס און גערעכטעס און עפּעס סלעכטעס און אומגערעכטעס... גלעיבט מיר, ווען איר וואָלט אַזעי אַרויסגענומען פון יעדע פאַרטעי בלעיז דאָס גוטע און גערעכטע, און געסאַפן דערפון אַ פריסע פאַרטעי׳, וואָלט איך דער ערסטער צוגעסטאַנען צו איר... דערווייל מוז איך צוליב מיין פּרנסה, בלייבן אַ נעיטראַלער מענץ.

ס׳האָבן זיך דערהערט פריילעכע שטימען און עמעצער האָט אַ זאָג־געטאָן:

— אַ פייערדיקער לוטוואַק!! אַ צלם־קאָפּ!! אַ ממזרדר!!

דער זייגער איז שוין געווען נאָך עלף. מיט אויפגעשטעלטע קעלנער, די קעפּ אַריינגעצויגן אין די אַקסלען, — האָבן זיך אַלע אַרויסגעשאַרט פון דער קאַוויאַרניע — אין האַרבסטיק־רעגנדיקן דרויסן.

די עטלעכע חדשים, וואָס פייוויש האָט זיך געפונען מיט זיין ווייב־און־קינדער אין וואַרשע ביים שוואָגער, זענען נישט געבליבן אָן השפּעה אויף ליבעלעס טראַכטענישן.

ליבעלע האָט טאַקע געהאַט פון יואל־הערשן פיר קינדער, אָבער... יעדעס מאָל, ביים דערפילן דער געבאָטענער פליכט פון דער פרוי צו איר מאַן, האָט זי מיטן כוח פון דער פאַרבאָטענער מחשבה, פאַרביטן איר מאַן, אויף איר שוואָגער לייזערקען... און אַפילו אויפן שניידערס ייִנגל אין ביאַלע, — דער שוואַר־אויגיקער יאָסקעלע מיט די ווילד־צעפלאָ־

שעטע געקרויזלטע האָר, דער, פון וועמען זי האָט, אַלט זייענדיק קוים דרייצן יאָר, באַקומען אַ קוש, בעטן קלויבן מיט אים רויטע ווײַנפּערלעך הינטער דער שטאָט...

ליבעלע האָט געוווּסט, אַז אויך אין דער־אַ מחשבה ליגט אַ גרויסע זינד — זי האָט אָבער אַנדערש נישט געקאָנט...

איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, אין אַ שניי־זאַווערוכע, ווען יואל־הערש איז נאָך אַ מאָרפיום־איינשפּריץ ענדלעך איינגעשלאָפן און פּייוויש האָט אַרויפטעלעפאָנירט, אַז ער וועט אַהיימקומען שפּעט אויף נאַכטמאָל, האָט סימעלע זיך פאַרמאַכט מיט ליבעלען אין ר׳ איטשע־מאירס געוועזענעם קאַבינעט, וואָס איז געבליבן נישט־געענדערט.

אָנגעצונדן די עלעקטרישע שטיילאָמפּ אויפן שרייבטיש, האָט סימעלע גענומען פאָרלייענען פאַר איר שוועגערין אַן אינטערעסאַנט בוך, וואָס דעם דאָקטאָר לעכנערס פרוי פון ביאַלע, האָט איר דאָ נישט לאַנג געשענקט.

אינעם בוך — אָנגעשריבן פון אַ געוויסן פּראָפעסאָר — זענען באַהאַנדלט געוואָרן פּראָבלעמען וועגן דעם פאַרבאַדינג צום האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן פון מאַן און פרוי אין דער פאַמיליע. צווישן אַנדערע זאַכן, האָט זיך אינעם בוך אויך גערעדט וועגן דעם, אַז ליבע איז דער נאַטירלעכסטער און העכסטער גענוס אין לעבן, אַז אַן ליבע איז דאָס לעבן גראָ און נישט אינטערעסאַנט; אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן צו ליבן און געליבט צו ווערן... אַז דאָס אָפּטויטן די נאַטירלעכע פאַרלאַנגען פון גענוס — איבערהויפּט אין די יונגע יאָרן — איז קעגן די געזעצן פון דער נאַטור און איז, דעריבער — שעדלעך.

ליבעלע האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו סימעלעס לייענען און ביי געוויסע שטעלן פונעם פּראָפעסאָרס אַרויסזאָגונגען, האָבן אַן איר וויסן, זיך געגליטשט וואַרעמע טרערן אויף איר פּנים...

ליבעלעס האַרץ איז געווען צעטיילט אויף צוויי טיילן. איין טייל פאַר רחמנות און די צווייטע, פאַר ליבע. די ערשטע טייל, איז געווען פול מיט אויפריכטיקן רחמנות און באַדויער צום שווער־קראַנקן נאָענטן מענטש, וואָס איז געלעגן אַנטקעגן איר אין צווייטן בעט. פאַר זיין גענעזונג, איז זי גרייט געווען אָוועקצוגעבן איר לעצט העמד, אַ טייל פון איר בלוט... אָבער צו דער זעלבער צייט, האָט די צווייטע העלפט פון איר האַרץ, פאַרן דאָזיקן מענטש גאָרנישט פאַרמאָגט...

די נאַכט, ווען סימעלע האָט פאַר איר געלייענט דאָס בוך, איז ליבעלע ווייניק געשלאָפן. אַרומגעהילט אין אַ ווייסן פלעד, האָט זי אַ האַלבע נאַכט, אינדערפינצטער, זיך אַרומגעדרייט אַהין און אַהער איבערן שלאָפ־צימער, און אָפּשטעלנדיק זיך ביים פענצטער, — אויסגעקראַצט מיטן פינגער אַ פיר־עק אינעם בלעטער־געפריר אויף די שויבן, און אַרויס־געקוקט אינדרויסן צו דער שניי־זאַוויערוכע וואָס האָט מיט געוואָי און געברום געהויבן גאַנצע שניי־פלאַכטעס און זיי געשליידערט אין דער נאַכט־אַריין — צעריבענע אויף ווייסן שטויב...

גאַר שנעל, האָט מען אין דער געגנט ווו די יונגע יעלניקס האָבן געוווינט, זיך דערוווּסט, אַז דער ביאַלער חסיד יואל־הערש יעלניק, איז פון אַ מעל־הורטאָווניק געוואָרן אַ „הערינג־הענדלער". כאָטש מען האָט געוווּסט אַז ער פאַרקויפט נישט „אויפן שטיקל", נאָר אויפן פעסל — האָט מען דאָס וואָרט „הערינג־הענדלער" אַרויסגעזאָגט מיט איראָניע, בכדי אונטערצושטרייכן, וואָס עס איז געוואָרן פון דער אַמאָל גרעסטער מעל־פירמע אין וואַרשע.

יעדן טאָג, ווי נאָר יואל־הערש קומט אַהיים נאָכן שליסן דעם סקלאַד און ער באַוויזט קוים איבערצוטרעטן די שוועל, נעמט אים ליבעלע גלייך אונטעריאָגן: נו שנעל, וואַרף שוין אַראָפּ פון זיך די פאַריילעצטע בגדים! נעם אויף זיך דעם שטוב־כאַלאַט און גיי אַריין אין וואַנעצימער זיך מאַכן אַ באַד!

אָפּגעגעסן און אָפּגעבענטשט, נעמט יואל־הערש אַרויס מיט אַ שלאַבערדיקער באַוועגונג פון אַ קאַרטאָן־שיידל, אַ פּאָר געניקלטעברילן, און איינשפּאַנענדיק זיי מיט כוח אויף זיין ברייט צעפלאַסן פנים, נעמט ער נישט־געאיילט אַדורכקאָנטראָלירן אַ פעקל חשבונות, וואָס פאַרשפּרייטן גלייך אַרום זיך, אַן אָפּשטויסנדיקן הערינג־ריח. ליבעלע, וואָס קאָן זיך נאָך אַלץ נישט צוגעוווינען צום דאָזיקן ריח, האַלט זיך ביי דער נאָז און שרייט, און יואל־הערש ענטפערט געלאַסן, מיט אַ שולד־שמייכל:

— ווייסט דאָך ליבעלע, אַז „פאַר פרנסה־וועגן, מעג מען טאַנצן מיט מאַרישקע לעבן"...

יעדן אָוונט, נאָכן חשבונען, רופט ער איינציקווייז צו צו זיך די קינדער, און אָנהייבנדיק פונעם עלטסטן — שטעלט ער יעדן באַזונדער

די זעלבע צוויי פראַגן: ווי האָסטו זיך אויפגעפירט אין שטוב? וואָס האָסטו היינט געלערנט? באַקומען די תשובות, — באַקומט יעדעס קינד, לויט דעם עלטער, — עטלעכע קליינע מטבעות מיט א קניפּ אין באַק און ער נעמט זיך וויגן איבער אַ געעפנט ספר. וויגט זיך, וויגט זיך, ביז ער דרעמלט איין מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפן בלאַט און דרעמלט אַזוי לאַנג, ביז ער דערהערט ליבעלעס שטים:

— יואל־הערש, ס׳געלעגער איז שוין געמאַכט!

אַזוי יעדן אָוונט — אַלע טעג אין דער וואָך.

נאָך דער דורכגעמאַכטער קראַנקהייט, איז יואל־הערש נישט געווען מער דער זעלבער. געוואָרן נאָך מער אָפּגעלאָזן אויף זיך און אַרום זיך, זיינע נישט זייער פלינקע באַוועגונגען, זענען געוואָרן נאָך שווערער, שלאַבריקער, ווי גאַרנישט ביי אַ מענטש אין זיינע יאָרן. זיין באַפעלע־רישער טאָן און זיין נישט־בויגזאַמע עקשנות, איז ביי אים געבראָכן געוואָרן ביז צו אונטערטעניקייט און גלייכגילטיקייט צו ליבעלעס אַלע הויז־ענינים. אויך זיין גראָבע גשמיותדיקייט מיט וועלכער ער האָט געדינט דער אָכילה, איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן, — ביזן עסן בלויז דאָס, וואָס ער האָט געמעגט, און דאָס אויך אין אַ באַגרענעצטער מאָס. אָבער נישט געקוקט אויף דער שטרענגער דיעטע וואָס ער האָט געהאַלטן, איז ער נישט מאָגערער געוואָרן — אַ זאַך וואָס איז אים אַזוי נויטיק געווען פאַרן געזונט.

נאָך איין וויכטיקע ענדערונג איז פאָרגעקומען מיט יואל־הערשן. אַן ענדערונג, פון וואָס ליבעלע איז געווען צופרידן — ס׳איז ביי אים פאַרשוואונדן געוואָרן זיין איבערגעטריבענער סעקסועלער פאַרלאַנג...

אויך ליבעלע האָט, אין משך פון די עטלעכע חדשים וווינען אין איין דירה מיט פּיוווישן און מיט איר שוועגערין סימעלע — אַ סך זיך געביטן.

סימעלע, וואָס האָט גוט פאַרשטאַנען די סיבה פון איר שוועגערינס שטענדיקער פאַרטראַכטקייט און מוטלאָזיקייט, האָט אויף אַ דיסקרעטן אופן באַמיט זיך ליבעלען אַרויסצונעמען פון איר כסדרדיקן גראַנגל מיט זיך און צו ווירקן אויף איר, זי זאָל זיך נעמען אין די הענט אַריין...

דער הערינג־מסחר, וואָס איז צושטאַנדגעקומען באַלד נאָך שבועות, איז שוין אין די ערשטע עטלעכע וואָכן, אַוועק אַ סך בעסער ווי מ׳האָט זיך פאָרגעשטעלט. האָט טאַקע ליבעלע, אויף דער עצה פון איר שוועגערין,

צוגענומען אַ פּרוי צום רוימען און צום אַרומקוקן זיך אויף די קינדער. סימעלעס מיין דערביי איז געווען: ליבעלע זאָל האָבן מער צייט אויף אַרומצוקוקן זיך אויף אַליין און צו זען, אַז די קינדער זאָלן האָבן אַ שיינער און געזונטער מאַמען...

ס׳האָט גאָרנישט לאַנג געדויערט און ליבעלען איז נישט געווען צו דערקענען. זי איז פּשוט נאָך שענער געווען ווי צו איר חתונה. איר פּנים האָט צוריקבאַקומען איר לויטערקייט און לייכטע ראָזיקייט, און די בלאָע אויגן, וואָס האָבן דערמאָנט אָן „פאַרגעס מיך נישט״-בלימלעך — האָבן צוריק באַקומען זייער אַמאָליקן יוגנטלעכן גלאַנץ.

צי האָט יואל-הערש באַמערקט די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט זיין ווייב? האָט ער באַמערקט אירע נייע פירעכצער?... אַז נישט שטענדיק גייט זי מיט איר שוועגערין סימעלען אין גאַס אריין, — בלויז זיך דורכצולופטערן אַביסל?... צי ווייסט ער, אַז סימעלע גייט מיט איר פון צייט צו צייט אַריין אין אַ קינאָ אָדער טעאַטער, און אַמאָל אויף אַ קאָנצערט, צי גאָר אין אַ קאַפע? צי האָט ער אויך נישט געהערט און נישט געוווּסט, אַז ווען ער גייט שלאָפן, הייבט מען ערשט אָן מיט צוויי צימערן ווייטער, ביי זיין שוואָגער פּיוּוישן, וואָך צו זיין?

כמעט יעדן אָוונט, איז ביי פּיוּוישן אין עסצימער געשטאַנען אַ געדעקטער טיש און אַרום אים, — יונגע סוחרים און אַוואַנסירטע האַנדלס-אָנגעשטעלטע — ווער מיט זיין יונג ווייבל, ווער אַ פריילידיקער, אָדער גאָר אַ יונג ווייבל אָן אַ באַגלייטער... און, מען האָט פאַרברענגט ביי אַ קערטל, דערציילט זיך געפעפערטע וויצן און אַנעקדאָטן, פון וואָס די יונגע ווייבלעך, און ליבעלע בתוכם, האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. נישט איין פּאָר אויגן פון אָט די יונגע סוחרים און האַנדלס-אָנגעשטעלטע, האָבן זיך איינגעגעסן אין דער פרוי וואָס האָט שוין געהאַט אונטערגע־וואַקסענע קינדער — אין ליבעלען. מער דרייסטערע, האָבן זי געפּרוּווט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, לייכט אַרומצונעמען און, גלייך אויפן אָרט באַשטראָפט געוואָרן, מיט אַ פּעטשל איבער דער האַנט...

און יואל-הערש? — יואל-הערש איז איבערן קאָפּ „געלעגן אינעם פּעסל העריגנ״... אָדער, — אָן איינגעדרעמלטער איבערן ספר — געהערט ליבעלעס קול: — יואל-הערש, ס׳געלעגער איז שוין געמאַכט!

יואל-הערש האָט גאָרנישט געזען און פון גאָרנישט געאַנט...

נאָך אַ האַלב יאָר פון ליבעלעס צוזאַמענוווינען מיטן ברודער און

שוועגעריך, איז געשען אַ זאַך, וואָס נישט נאָר יואל־הערש האָט נישט געוווּסט דערפון, נאָר ס׳איז אפילו פאר פּיזוישן און סימעלען, געבליבן אַ לאַנגע צייט, אַ סוד.

ס׳האָט קיינער נישט געוווּסט, אַז ליבעלע האָט געהאַט אַ געליבטן. ווען זי אַליין האָט עס איינמאָל אַנטפּלעקט פאַר פּיזוישן און פאַר סימעלען — האָט איר געליבטער, מיט וועמען זי האָט איבער צוויי יאָר צייט זיך געטראָפן אויף אַ זייער דיסקרעטן אופן — זיך מער נישט געפונען צווישן די לעבעדיקע...

פּיזויש און אויך סימעלע, זענען געווען דערשטוינט. דערשטוינט, נישט אַזוי פון דער פּאַסירונג, נאָר צוליב דער אומגעריכטער אַנטפּלעקונג, ווער ס׳איז געווען איר געליבטער. צי האָט זיי געקאָנט גאָר איינפאַלן, אַז זייער נאָענטער פריינט, דער רעפּרעזענטאַטיווער אַלמן אויף די קערטל־אָוונטן — זאָל עס האָבן געווען דער העלד פון דער געשיכטע!...

וואָס עס האָט ליבעלען באַוואויגן צו אַנטפּלעקן דעם סוד ווען דער הויפּט־עדות האָט שוין נישט געלעבט — איז געבליבן איר סוד...

דאָס לעבן אינעם הויז פון די יונגע יעלניקס, איז זיך ווייטער געפלאָסן „שטיל און רואיק" און זיך ווייטער געפירט ווי געווען: די קינדער זענען געוואַקסן; ליבעלע האָט געזען אַז נאָכן שליסן דעם הערינג־סקלאַד זאָל יואל־הערש האָבן אַ וואַרעמע וואַנע, יעדן אָוונט געוועקט אים פונעם דרעמלען איבערן ספר — „יואל־הערש, ס׳געלעגער איז שוין געמאַכט", און יואל־הערש, ווי זיין שטייגער, האָט אָן איבערצודרייען זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער — געכראָפּעט ביז פאַרטאָג...

20

חנוכה־צייט, אינעם ערשטן ווינטער וואָס יואל־הערש האָט געפירט דעם בשותפותדיקן הערינג־סקלאַד, איז פון ארץ־ישראל אָנגעקומען דער ערשטער בריוו פון ר׳ איטשע־מאיר יעלניקן, צו זיין יונגסטן זון יואל־הערשן. צום בריוו איז געווען בייגעלייגט אַ פאָטאָגראַפיע פון זיך מיט פריידעלען, ווי זיי זיצן אויף אַ גאַניק פון אַ ווייס הייזל אַרומגענומען מיט גרינס, און אויפן טישל, נעבן זיי — אַ טעלער מיט ארץ־ישראלדיקע פירות און אַ פלעשל מיט אָן אָנגעשטעלטן דייטלעך־לעזבאַרן עטיקעט — „ראשון לציון."

אינעם בריוו פרעגט זיך ר׳ איטשע־מאיר, ראשית־כל, אויף יואל־הערשס געזונט און אויפן געזונט פון זיין ווייב־און־קינדער, און ער ווינטשט אים מזל און הצלחה אין זיין נייעם הערינג־מסחר. כאָטש ר׳ איטשע־מאיר האָט געוווּסט, אַז יואל־הערש האָט זיין ברודער לייזערקען מיט זיין שוועגערין צעלינא מיט זייערע קינדער — אין דער לינקער פּאה — פרעגט ער זיך פונדעסטוועגן אָן ביי אים, וואָס עס הערט זיך ביי זיי, און בעט אים, אויב ס׳איז מעגלעך אים צוצושיקן זייער אַדרעס. ווייטער, פרעגט ער זיך אָן, וואָס עס הערט זיך ביי די מחותנים אין ביאַלע, און וואָס עס הערט זיך ביי די מחותנים פון ווינגדערס צד, און צי ס׳האָט ווער פון זיי דערהאַלטן בריוו פון רוסלאַנד — ווייל שוין זייער אַ לאַנגע צייט, ווי ער האָט נישט דערהאַלטן קיין בריוו סיי פון ווינגדערן פון אַדעס, און סיי פון אסתרלען פון סיביר. וועגן זיך און פריידעלען, שרייבט איטשע־מאיר, אַז זיי זענען גאָט צו דאַנק געזונט און לעבן גאַנץ צופרידן, — אויב מען קאָן זיין צופרידן — ווען קינדער ווערן פאַרטראָגן אין דער ווייטער וועלט און לאָזן פון זיך נישט הערן...

— וואָס שייך פּרנסה — שרייבט איטשע־מאיר — קומען מיר דורך. מיר זענען נישט קיין גרויסע פאַרנוצער. מיר האָבן אַ שיין שטיקל פעלד, אַביסל ביימער מיט פּרוכט, אַ גרינוואַרג־גערטנדל אַרום דער שטוב, אַן אייזעלע, צוויי ציגן און אַביסל הינער. יאָ, שיער נישט פאַרגעסן: מיר האַלטן אויך אַ „מענטש״ צו דער אַרבעט. כ׳קאָן דיר אָבער זאָגן, אַז מיר פאַרדינען נישט אין אים קיין צעבראָכענעם גראָשן, ריכטיקער געזאָגט — פאַרקערט... מיר האַלטן אים נישט אַזוי צוליבן שטיקל פעלד, ווי דאָס שטיקל פעלד צוליב אים... ער איז ביי אונדז אַן אייגענער, מיט עסן און שלאָפן. ער איז אַן אידעלער „שטודירטער״ בחור, נאָך כמעט אַ יינגל, וואָס האָט פאַרלאָזט אַ זאַטע היים אין לאָדזש. מיר האָבן שוין באַקומען עטלעכע דאַנק־בריוו פון זיינע עלטערן, וואָס ווינטשן אונדז דאָס אייביקע לעבן. אַזעלכע ווי אָט דער בחור, זענען דאָ פאַראַן אַ סך, אַפילו שוין „געענדיקטע״, וואָס מאַכן דאָ דורך אַ זייער שווער לעבן. זיי גייען, ווי מען רופט עס דאָ אָן, אויף „כיבוש־עבודה״... דאָס הייסט, זיי גייען מיט זייערע ווייסע ווייכע הענטלעך, אויף שוואַרצער האַרטער אַרבעט, וואָס עס טוען, געוויינלעך, די באַרוועסע אָפּגעשטאַנענע אַראַבער אין זייערע קויטיקע זאַק־פּלודערן, און זיי לאָזן זיך באַגנוגענען מיט אַ פּיתה און אַביסל זיתים... אָט די דאָזיקע אידעלע בחורים, מערסטנס פון אונדזערע קאַנטן, באַמיען

זיך אויף וויפל ס'איז מעגלעך, און מער נאָך וויפל ס'איז פּאַר זיי מעגלעך — נישט אַרויסצוגעבן ווייניקער אַרבעט פון די אַראַבער און אויך נישט צו פאַרלאַנגען מער פון זיי... ווייל אַנדערש, — זענען די יידישע באַלעבאַטים נישט געניגט אויסצובייטן די אַראַבישע אַרבעטער אויף יידישע חלוצים...

21

ר' איטשע־מאיר יעלניקס עלטסטער זון וויגדער, האָט מיט זיין פרוי און קינדער פאַרלאָזט די שטאָט אָדעס אויף גאַנצע דריי יאָר. זייענדיק ווי זיין ברודער לייזערקע, אַ געענדיקטער בוי־אינזשיניער, איז ער מיט אַ גרופּע יונגע אינזשיניערן, טעכניקער און ארכיטעקטן, ארויסגעפאָרן אין אַ „קאָמאַנדיראָווקע" (שליחות אויף אַ באַשטימטער אַרבעט) אין ערגעץ אַן אָרטשאַפט „טשערעמכאָוואָ", אין וויטן סיביר — דורכצופירן גרויסע און וויכטיקע בוי־אַרבעטן.

זייענדיק פאַרנומען מיט די צוגרייטונגען צו זייער אָפּפאָר, האָבן וויגדער און זיין לייטשע, באַשלאָסן אַהיימצושרייבן וועגן זייער פאַרלאָזן אָדעס, — ווען זיי וועלן שוין זיין אויפן באַשטימטן אָרט.

אויסגעפינענדיק אויף דער גרויסער לאַנד־קאַרטע, אַז טשערעמכאָוואָ געפינט זיך זייער נאָענט צו דער שטאָט אירקוטסק, וווּ עס לעבט זיין שוועסטער אסתרל מיט איר מאַן און קינדער, האָט וויגדער איר גלייך צוּוויסן־געטאָן וועגן זיין מעגלעכקייט צו קאָנען זי אין קורצן באַזוכן.

געווען איז עס אין די ערשטע טעג פון חודש מערץ אין יאָר טויזנט ניין הונדערט זיבנאונצוואַנציק. פאַר די אינזשיניערן, טעכניקער און ארכיטעקטן, וואָס זענען מיט זייערע פאַמיליעס געפאָרן אין „קאָמאַנדי־ראָווקע" קיין טשערעמכאָוואָ, איז צוגעטיילט געוואָרן אַ ספּעציעלער גוט־געהייצטער פּאַסאַזשיר־וואַגאָן, וואָס איז צוגעטשעפּעט געוואָרן צום לאַנגן פּראַכט־צוג, הינטערן לאָקאָמאָטיוו.

וויגדער און לייטשע — איצט, — וויקטאָר איסאַקאָוויטש און ליזאַ וולאַדימיראָוונאַ, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געפונען גענוג פרייע צייט אויף אַרויסכאַפּן זיך אַביסל אויסער די גרענעצן פון דער שטאָט אָדעס, — נישט אַריינגערעכנט וויקטאָרס דינען אין דער רויטער אַרמיי אין קאַווקאַז — האָבן זיי איצט, אין זייער לאַנגער און ווייטער נסיעה, געהאַט די געלעגנהייט צו זען מיט זייערע אייגענע אויגן, ווי אומגעהויער גרויס און רייך, און נישט ווייניקער אָרעם — איז סאָוויעט־רוסלאַנד.

— קוק לידאַטשקאַ, קוק זיך צו — האָט איר מיט א פינגער, וויקטאָר אַנגעוויזן אויף די פאַרכאַפּנדיקע ווינטער־פּייזאַזשן, וואָס האָבן זיך ווי אויף אַ לאַנגער פילם־לענטע פאַרבייגערוקט פאַר זייערע וואַגאָן־פענצטער.

— האָסטו אַ באַגריף, לידאַטשקאַ, וואָס פאַראַ גרויסע נישט־אויס־שעפּבאַרע רייכטימער עס זענען פאַרבאָרגן אין די אינגעווייד פון אָט די מיט שניי־באַדעקטע בערג און טאָלן? — צי קאָנסטו אָפּשאַצן די ווערט פון די וועלדער, וואָס ציען זיך דאָ — נישט איבערצוזאָגן מיט דער באַן אין משך פון שעהן? און דאָס פלאַכלאַנד אונטערן ווייסן ווינטער־צודעק פון דער צווייטער זייט רעלסן — ווייסטו וואָס פאַראַ ערד דאָס איז? — נישט אָפּצושאַצן!

— כ׳מיין וויקטאָר, אַז סאָוויעט־רוסלאַנד איז טאַקע דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט, ווו עס זענען נישט פאַראַן קיין אַרבעטלאָזע — האָט לידא געזאָגט מיט אַ טאָן פון אָנערקענונג.

— יאָ, ריכטיק לידאַטשקאַ, ביי אונדז איז פאַר אָט דער פּלאָג פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, קיין אָרט נישטאָ.... נישט באַוויזן צו פאַר־ענדיקן דעם גאַנצן זאַץ, — האָט וויגדער פּלוצלינג דערזען דורכן וואַגאָן־פענצטער, אַ גרויסע הילצערנע כאַטע מיט אַן אָפּגעריבענער גראָער שילד איבערן אַריינגאַנג: „סטאָלאָוואַיאַ לעספּראָמאַ״ (אַרבעטער־קיך פון דער וואַלד־אינדוסטריע) און — פון איר זענען ארויסגעגאַנגען אָפּגעצערטע מענער, פרויען און קינדער מיט אַלטע טשייניקעס, קריגלעך, טעפּלעך און מיט קאָנסערוון־פושקעס מיט דראָטענע אויערן. ווי פליגן אויף אַ בלאַנק־ווייס טישטוך, האָבן די מענטשן אין צעפאַרענע ווילאָקעס און אין לאַפּ־טשעס געטאָפּטשעט ביז איבער די לידקעס אין שניי, און געגאַנגען ווי אין א טרויער־פּראָצעסיע.

וויגדער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און אַ זאָג געטאָן מער צו זיך ווי צו זיין פרוי:

— יאָ, לידאַטשקאַ, נאָך אַלץ פאַראַן ביי אונדז אַ גרויסע אָרעמקייט, אָבער אויך דאָס וועט פאַרביי.

— און דער טיף־איינגעבאַקענער אַנטיסעמיטיזם, וועט אויך פאַר־שווינדן? — האָט לייטשע געפרעגט מיט אַ גאַנץ שטילן טאָן און מיט אַ בליק, ווי זי וואָלט וויקטאָרס ענטפער דערוואַרט נישט פון זיין מויל, נאָר פון זיינע שפּיגלדיקע שוואַרצאַפּלען...

— וואָס ווילסטו לידאָטשקאַ? — דו ווילסט אפשר אַז איינס־און־צוויי, ווי מיט אַ כישוף־שטעקעלע, זאָל באַזייטיקט ווערן אַ גיפט, מיט וועלכן די צאַרישע מאַכט האָט דורות־לאַנג ציל־באַוווּסט אַריינגעטריפט אין דער נשמה פונעם רוסישן פאָלק? — פאַרשטיי, אַז מיר זענען נאָך אַזוי נאָענט פון דער דורכגעמאַכטער רעוואָלוציע, קאַמפן מיט די קאָנטער־רעוואָלוציעס פון די ווייס־גוואַרדייאישע רוסישע גענעראַלן און פרעמדע „אינ־טערווענטן" — כ'וויל האָפן, אַז בלויז אַ צוויי צענדליק יאָר וועלן פאַרגייק, און אפשר דאָס אויך נישט — און די אנטיסעמיטישע פעסט וועט נישט דערגיין צו דער פריש־אונטערגעוואַקסענער סאָוויעטישער יוגנט, — אַ דערצויגענע אין גייסט פון דער רעוואָלוציע און פריי פון ראַסיסטישע און נאַציאָנאַלע פאָראורטיילן. דו דאַרפסט אויך וויסן, לידאָטשקאַ, אַז די רעגירונג באַקעמפט מיט דער גאַנצער שטרענגקייט פון געזעץ, יעדע אַנטי־סעמיטישע דערשיינונג אין דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט. נישט נאָר דאָס — די רעגירונג שטיצט, אין דער מאָס פון אירע מעגלעכקייטן, די נאַציאָנאַל־קולטורעלע באַדערפעענישן פון דער יידישער מינדערהייט, — צוגלייך מיט אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין ראַטנפאַרבאַנד — הלוואי לידאָטשקאַ, וואָלט אין פוילן די יידן־פראַגע געלייזט־געוואָרן אויף אַזאַ אופן, וואָלטן די יידן נישט געדאַרפט טראַכטן וועגן צוריק־אויפבויען אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל.

ווידער איז שטיל געבליבן. ווי אַ גרויסע פייער־רויטע קויל איז די זון שוין געהאַנגען גאַנץ נידעריק.

מיט אַן אויסגעצויגן פייפן און פרייכן, און מיט גרויסע קנוילן זיל־בער־ווייסן דאַמף און געדיכטע וואָלקנס רויך, האָט דער לאָקאָמאָטיוו געצויגן נאָך זיך די וואַגאָנען באַרג־אַרויף אויף אַ הויכן באַן־אָנשיט. מיט־אַמאָל האָט דער צוג גענומען פאָרן אין אַ גרויסן האַלב־קרייז; די געהאַ־מעוועטע רעדער האָבן גענומען שאַרף גרילצן, און דער לאָקאָמאָטיוו האָט לאַנגזאַם, ווי אַ טשערעפּאַכע, געשלעפּט הינטער זיך די וואַגאָנען אויף אַ לאַנגער אייזערנער בריק איבער אַ טאָל, אין וועמענס מיט ס'איז געלעגן איינגעדרעמלט אַ פאַרפרוירן טייכל.

ס'האָט זיך גענומען אויסשפּרייטן דער אָוונטגראָ. אַריינגערוקט דעם קאָפּ אינעם ווינקל צווישן דער וואַנט פונעם פענצטער און דעם מחיצה־ווענטל, איז ווידער מיט אין פוס אויסגעצויגן אויף דער באַנק און דעם

צוויטן אַראָפּגעהאַנגען — געזעסן אַ פּאַרטיפּטער אין אַ פּאַד־זשורנאַל. אויף דער אנטקעגנדיקער באַנק נעבן ביידע קינדער — איז לייטשע געזעסן מיט די שפּיזלעך איבערן בלאָען וואָלענעם שאַליק.

ווען אַ טונקלקייט האָט געגומען שנעל אויספּילן דעם וואַגאָן, און זי האָט מער נישט געזען צו מאַניפּולירן מיט די שפּיזלעך, האָט זי, ווי זי וואָלט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן עפּעס — איבערגעריסן דאָס שווייגן: — הערסט וויקטאָר, כ׳האָב דיר עפּעס איבערצוגעבן!

— וואָס, לידאָטשקאַ?

— הערסט, כ׳האָב דיר אינגאַנצן פאַרגעסן צו דערציילן, אַז דער יונגערער ברודער פון רעבעקאַ גראַסימאָוונאַ, דער מעטאַל־טאָקער אַבראַשאַ, וואָס איז אין דער מלחמה מיט פּוילן אין יאָר נײַנצן צוואַנציק אַרײַנגעפאַלן אין פּוילישער געפאַנגענשאַפט און פון דעמאָלט אָן נישט געלאָזט מער הערן פון זיך, — האָט זיך פּלוצלינג אָפּגערופן פון פּאַלעס־טינע. רעבעקאַ האָט, ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק, דערהאַלטן פון אים דעם ערשטן בריוו.

— טאַקע?! וואָס זאָגסטו?! — האָט וויגדער זיך אויפגעשטעלט — האָט אים גאָר, דעם איבערצייגטן קאָמוניסט, די מלחמה פאַרטראָגן קיין פּאַלעסטינע...

— צו וואָס די איראָניע, וויקטאָר? — און אַז דיך, דעם איבערצייגטן פּועלי־ציוניסט, האָט די וועלט־מלחמה, אַנשטאָט קיין פּאַלעסטינע, פאַר־טראָגן דאָ אַהער, און ביסט געוואָרן גאָרנישט קיין שלעכטער קאָמוניסט....

— ווען נישט די מלחמה? — האָט וויגדער געגומען שטיל רעדן, אַזוי, אַז צוליבן גערעדל פון די וואַגאָן־רעדער, האָט לייטשע געמוזט זיך נענטער צורוקן צו אים — ווען נישט די וועלט־מלחמה, וואָלט עס געווען ריכטיק אַזוי ווי ס׳איז געווען, ווייל... ס׳וואָלט נאָך היינט נישט געווען קיין סאָוועט־רוסלאַנד. נישט צוליב ראָמאַנטיק, בין איך געוואָרן אָן אַנהענגער פאַר אַ יידישער היים אין פּאַלעסטינע, נישט צוליב ראָמאַנטיק, נאָר צוליב דער אומדערטרעגלעכער לאַגע פון די יידן אין פּוילן.

— און מער גאָרנישט?

— ווער זאָגט עס?... — כ׳געדענק, כ׳פלעג טאַקע זאָגן, אַז די יידן וועלן בלויז דעמאָלט ווערן אַ געזונט און נאָרמאַל פאָלק, ווען זיי וועלן אויס־קעמפן אַן אייגענע היים. אָבער פאַרשטיי, אַז ביי די ניי־געשאַפענע באַדינ־

גונגען פאַר יידן אונטערן סאָוויעטישן רעזשים — זע איך נישט קיין שום באַרעכטיקונג פאַר פּאַלעסטינע־פּראָפּאַגאַנדע צווישן סאָוויעטישן יידנטום...

דער שטילער שמועס, באַגלייט פונעם איינטאָניקן רעדער־געראַל און פון די לייכט־אונטערשפּרינגענדיקע וואַגאָנען איבער די רעלסן־פאַרבינ־דונגען — איז איבערגעגאַנגען אויף דערמאָנונגען און עפּיזאָדן פון דער אַלטער היים אין צארישן וואַרשע מיט איר גרויסער, אימפּולסיווער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ פאַרבנרייכע מאָזאַאיק פון אַ יידיש לעבן.

הינטער די פאַרקאָפּטשעטע שייבעלעך פונעם ענג־לאַמטערל אין וואַגאָן, האָט געטאַנצט אַ רויט פלעמל פון אַ שמעלצנדיק ליכט, פון וואָס די שאָטנס אויפן סופיט און אויף די ווענטלעך פונעם האַלב־פינצטערן אָפּטייל, האָבן געפלאַטערט ווי פלעדערמייז...

אויף די אויבערשטע פּריטשעס, זענען ביידע קינדער געלעגן און געשלאָפן. פאַר די פאַרבעלמעטע וואַגאָן־פענצטער זענען ווי פאַרביי־געשוווּמען און פאַרשווּנדן פאַרשידנאַרטיקע טונקעלע סילועטן, און ס'האָבן זיך פון וויטן געצונדן פלעמלעך ווי פון וועלפישע אויגן. מיטאַמאָל האָט דער וואַגאָן גענומען אונטערטאַנצן אויף א געדיכטער נעץ פון וועקסל־שינעס. פון דער הויך האָבן סעמאַפאָרן געווונקען מיט רויטע, בלאָע און געלע פייערלעך. ס'האָבן זיך דערהערט ווייטע טרילנדיקע פייפלעך. אויך דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן וואָרענונגס־פייף און, שניידנדיק פאָרויס, — זיך ראַפּטום אָפּגעשטעלט ביי דער הויפּט־ראַמפּע פאַר א גרויסער פיל־פענצטערדיקער העל־באַלויכטענער געביידע, וואָס איז געשטאַנען צוגעדעקט מיט א געדיכטן שניי־פעלץ. דער וואָקזאַל־זייגער האָט געוויזן פופצן נאָך עלף. הויך איבער די איינגאַנג־טירן, האָבן גרויסע, שוואַרצע אותיות אויף אַ ווייסן פאָן, אָנגעוויזן אויף דער שטאָט כאַרקאָוו. נישט געקוקט אויף דער שפּעטער אָוונט־שעה, האָט דער וואָקזאַל אינעווייניק געווימלט מיט מיליטערלייט, באַאַמטע, פּויערים, אַרבעטער און סתם אַ רייכן פאַרביקן געמיש פון טיפּן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס דאָס גרויסע רוסלאַנד פאַרמאָגט.

— וועק אויף די קינדער, לידאָטשקאַ, כ'וויל גיין ברענגען טיי! — האָט וויגדער א כאַפּ־געטאָן דעם טשייניק און זיך געלאָזט לויפן צו אַ פענצטער איבער וועלכן ס'איז געהאַנגען אַ גרויסע שילד מיט דער אויפשריפט: „קיפּיאַטאָק".

נאָך אַ לאַנגער רייזע פונעם, פאַרהעלטנישמעסיק, מילדן אָדעסער ווינ־טער, ביז צו די שאַרפע פרעסט פונעם ווייטן סיביר, איז וויגדער מיט זיין פרוי און קינדער, ענדלעך אָנגעקומען קיין טשערעמכאָווא.

נישט באַוויזן רעכט זיך אויסצורוען פונעם דורכגעמאַכטן לאַנגן וועג און זיך מער־ווייניק איינאָרדענען אינעם נייעם ציטווייליקן וווינאָרט, האָט וויגדער מיט זיין הויזגעזינד זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין אירקוטסק. די גרויסע דערוואַרטע רגע פונעם צוזאַמענטרעף צווישן ברודער און שוועסטער, איז ענדלעך צושטאַנדגעקומען. מיט פריידיקע טרערן און קושן, האָבן וויגדער און אסתרל אויפגענומען זייער ערשטע באַגעגעניש נאָך אַזאַ לאַנגער צייט פון צעשיידונג. ביידע, וויגדער און אסתרל, האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן איינער פון צווייטן, ווי יעדער פון זיי האָט, נישט געקוקט אויף די דורכגעמאַכטע שווערע יאָרן, — אַזוי גוט אויסגעזען.

נישט מיט ווייניקער אויפריכטיקער האַרציקייט, האָבן געשלאָסן זייער ערשטע פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט, ביידע שוועגערינס און שוואָגערס מיט זייערע קינדער.

אסתרל האָט שוין פאַרמאָגט צוויי דערוואַקסענע מיידלעך. דאָס עלטערע מיידל, פאַניא, איז שוין אַלט געווען פערצן יאָר און די יונגערע, ראָזעטשקאַ, דרייצן יאָר. ביידע, זענען זיי ענלעך געווען צו אסתרלס ערשטן מאַן אַרטשיק דאַרפסמאַן: שמאַל־אויגיקע, מיט טונקל־בלאָנדע געקרויזלטע האָר און שמאָלע נעזלעך.

איסאַאַק לוואָוויטש איז געבליבן אַרבעטן ביים זייגערמאַכעריי וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אין פּוילן נאָכן פאַרלאָזן דעם טאַטנס הויז. ער איז איצט געווען מייסטער אין אַ זייגערמאַכער־אַרטעל אין דער שטאָט אירקוטסק, און אסתרל, וואָס האָט זיך דאָ גערופן עסטעראַ איסאַקאָוונאַ — איז געבליבן אַ לערערין אין די העכערע קלאַסן פון אַ פאָלקס־שול. געוווינט האָבן זיי, ביים אַריינפאָר אין שטאָט, אין אַ כאַטע פון דיקע געטעסעטעביימער. באַשטאַנען איז די וווינונג, פון צוויי צוויי־פענצטערדיקע צימערן מיט אַ קיך און אַ שפייז־קאַמער אין פאָדערהייזל. די כאַטע איז געווען ארומגעצוימט מיט אַ הויכן הילצערנעם פּאַרקאַן, און אינעם הייפל האָבן זיך געפונען עטלעכע ציגן אין אַ שטעלעכל אין וועלכן מען האָט, ווינטערצייט, געהאַלטן אויך די הינערשטייגן און צוויי שטייגעלעך מיט קראַליקעס. איסאַאַק לוואָוויטש האָט אַרומגעפירט די געסט ווייזן זיין „ווירטשאַפט" און זיך געגרויסט

מיט די רייען הויך־געשטאַפּלט צעזעגט און צעהאַקט האָלץ, וואָס ער און אסתרל האָבן מיט זייערע אייגענע הענט צוגעגרייט אויפן לאַנגן ווינטער.

פאַרברענגט ביי זיין שוועסטער און שוואָגער, האָט וויגדער מיט זיין פרוי און קינדער בסך־הכל דריי טעג. אין די דריי טעג האָט מען זיך אָפּגעגעבן מיט זכרונות פון אַמאָל, פון דער היים; זיך דערמאָנט יעדער איינער, פאַרשידענע עפּיזאָדן פון די יוגנט־יאָרן, און איסאַאַק לוואָוויטש האָט געשילדערט אויף א הומאָריסטישן און קאַריקאַטורעלן אופן, בילדער און עפּיזאָדן פון זיין אַרעסט, משפט און פאַרשיקונג — נישט פאַרגעסנדיק דערביי צו דערמאָנען, דעם גרויסן באַשולדיקונגס־אַקט אין וועלכן ס׳איז מיט פעטער שוואַרצער מאַשינשריפט געווען איבערגעגעבן מיט וואָס פאַראַ אומלעגאַלע קאָנספּיראַטיווע מיטלען, מיט וואָס פאַראַ אונטערערדישער ברייט־פאַרצווייגטער טעטיקייט דער קוים אַכצן־יעריקער פּוילישער ייד, איסאַאַק לוואָוויטש שעניצער, האָט געוואָלט שטירצן די הערשנדיקע אָרדענונג.

היות וויגדער האָט צו זיין „קאָמאַנדיראָווקע״ געהאט אין זיין רשות עטלעכע לאַסט־מאַשינען אויף צו ברענגען בוי־מאַטעריאַלן פון אירקוטסק קיין טשערעמכאָוואָ, האָט ער עס אַזוי איינגעאָרדנט, אַז זיי האָבן געקאָנט יעדע צווייטע וואָך, מאַכן קעגנזייטיקע באַזוכן איינער ביים אַנדערן. ביי אָט די צוזאַמענטרעפונגען, פלעגן וויגדער און אסתרל, פון צייט צו צייט, אָנשרייבן אַ בשותפותדיקן בריוו צו זייער טאַטן און פריידעלען קיין פּאַלעסטינע. צוליב אַ נישט־אויפגעקלערטער סיבה, האָבן אָבער די געמיינזאַמע בריוו זייערע קיין פּאַלעסטינע און איסאַאַק לוואָוויטשעס און לייטשעס בריוו קיין פּוילן — אויפגעהערט דערגיין צו זייערע אַדרעסאַטן — דאָס גאַנצע יאָר נאָך וויגדערס אָנקומען קיין סיביר. דערקעגן, זענען אַלע אַרויסגעשיקטע בריוו פון פּוילן און ארץ־ישראל דערגאַנגען קיין סיביר, און אין יעדן פון זיי — איין און די זעלבע פראַגע: „פאַרוואָס ענטפערט איר נישט אויף די בריוו? מיר ווייסן שוין נישט וואָס איבערצוקלערן!״ ערשט, נאָך איבער אַ יאָר צייט שוויגן פוןביידע קינדער, האָט ר׳ איטשע־מאיר זיך סוף כל סוף דערוואָרט אויף דעם אויסגעקוקטן בריוו פון זיין אסתרלען און געבליבן א דערשטוינטער, — פון זען אַ העלפט פונעם בריוו — געשריבן מיט וויגדערס האַנט. פונעם צווייטן, מער אויספירלעכן בריוו, האָט זיך איטשע־מאיר ערשט דערוווסט, ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט, אַז מיטאַמאָל, ווי ביידע קינדער וואָלטן צווישן זיך אָפּגערעדט נישט צו שרייבן — האָט ער אויפגעהערט צו דערהאַלטן פון זיי בריוו.

22

ס׳איז ווידער אַוועק אַ ווינטער און אַ פרילינג מיט פאַרשידענע נייעסן און גרעסערע אָדער קלענערע סענסאַציעס, וואָס זענען איבער דער צייט פאָרגעקומען אין דער ברייטער וועלט, אין לאנד און אינעם גרויסן דריי־הייפיקן הויז אין וועלכן יואל־הערש יעלניק — ר׳ איטשע־מאירס יונגסטער זון — האָט געטיילט זיין וווינונג מיט זיין שוואָגער און שוועגערין, פייוויש און סימעלע שעניצער.

ווידער זענען אין די זומער־פאַרנאַכטן, ביזן שפּעטן אָוונט, די אַלע נייעסן און סענסאַציעס באַהאַנדלט און איבערדיסקוטירט געוואָרן אַרום דער בעטאָנענער אַרומצוימונג אינעם מיטלסטן אַספאַלטירטן הויף, וואָס ארום דעם גערטנדל מיט די עטלעכע הויך־אַרויפגעשאָסענע אַקאַציע־ביימער. ס׳זענען איבער דער צייט אָפּגעפאַלן און צוגעקומען נייע דיסקוטאַנטן. „כאַצקעלע נאַכאַלניק״, וואָס האָט געהאלטן, אז מיט אלע „בורזשאקעס״ מוז מען האַנדלען „נאַכאַלנע״, נישט אַנדערש ווי מיט א „שפּייער״ און אַ „קניידל״ — האָט נישט באַוויזן צו פאַרוואַנדלען זיינע ווערטער אין מעשים. אין אַ קנאַפּ יאָר נאָכן אַרעסטירט ווערן אין דער זעלבער נאַכט וואָס די חברטע ביאַנקא — איז ער פון אַ לונגען־אַנצינדונג געשטאָרבן אינעם תפיסה־שפּיטאָל. געפעלט האָט אויך דער טעקסטיל־פאַבריקאַנט מאָוריצי קליין, וואָס האָט צוליבן „אַראָפּלאָזן זיך צום פאָלק״ און קאָלעגירן מיט אָט די מענטשן פון „מעיסקעס קאָוויאַרניע״, זיך געהאַלטן פאַר א דעמאָקראַט... ער האָט אין א שיינעם העלן מיטוואָך „אַנגעזעצט״ און... קאַפּויער געקומען אין בראזיל... געפעלט האָט אויך דער מזרחיסט מיטן קורץ־געשוירענעם לאַפּאַטקע־בערדל — דער העברעישער לערער חיים בערקאָוויטש. ער איז, ווי די ערשטע צווי, פאַרשווונדן געוואָרן אָן אַ „זיי געזונט״. טייל האָבן געוווסט צו דערציילן, אַז ער איז אַוועק קיין ארץ־ישראל, און אַ טייל — אַז ער זאָל גאָר האָבן געוואָרן אַ ראַבינער אין אַ קליין עסטרייכיש שטעטל. דערפאַר אָבער זענען צוגעקומען עטלעכע יונגעמאַנטשיקלעך, נאָר־וואָס חתונה־געהאַטע, וואָס זענען געבליבן וווינען ביי זייערע שוויגער־עלטערן — איינוווינער פונעם גרויסן דריי־הייפיקן הויז. ס׳זענען אויך צוגעקומען צוויי פרישע איינוווינער: איינער — אַ גר־צדק, וואָס איז איבערגעגאַנגען צום יידנטום, חתונה־געהאַט מיט אַ יידיש מיידל פון אַ פרייער היים און — געפאָדערט פון איר, זי זאָל אויספירן אַלע מצוות וואָס געהערן צו דער פרוי...

געוועזן איז ער אַ דאַרער, אַ הויכער, אין די דרייסיקער יאָרן; געהאַט

האָט ער אַ העל־בלאָנד קורץ און שיטער בערדל און אַ מאָגער מאַרטירער־פּנים, וואָס האָט אים שטאַרק ענלעך־געמאַכט צו ישו הנוצרי אויף די הייליקע קריסטלעכע בילדער. זייער שנעל האָט ער זיך באַפריינדעט מיט אַלע „פריייע טריבונע״־געסט, וואָס האָבן באַלד אין אָנהייב פון זיין דערשיינען צווישן זיי, אַרויסגעוויזן גרויס פאַראינטערעסירונג מיט אים. דער נייער גאַסט — אברהם בן אברהם קורטנייל, אַ מעבל־סטאָליאַר פון פאַך און אַ געוועזענער סטודענט פון הומאַניסטישן פאַקולטעט אין אַן איטאַליענישן אוניווערסיטעט, האָט — ביי יעדע געלעגנהייט, און וועגן וואָס מען זאָל נישט רעדן, געפּרוּווט אַרויפצופירן אויף אַ שמועס, וועגן „אַלטן טעסטאַמענט״, וועגן דער הויכער מאָראַל און עטישקייט פון דער יידישער אמונה, וועגן ירושלים, כותל המערבי און דער מערת המכפלה...

דער צווייטער ניי־צוגעקומענער איז געווען אַ טונקל־שאַטינער יונגער מענטש פון אַ יאָר פינפאונדרייסיק, מיט עטוואָס־אַרויסשטייענדיקע קין־באַקן, גלאַט־אַרויפגעקעמטע געדיכטע האָר און דיקלעכע אַראָפּגעלאָזטע וואָנסעס, „אַלא מאַקסים גאָרקי״. ער האָט פאַרנומען אין פּאַרטער, רעכטס פונעם מיטלסטן אַספאַלטירטן הויף, אַ צוויי־צימער־וווינונג ווו ער האָט אין אַ ווינקל, הינטער מילך־ווייסע שויבן איינגעאָרדנט זיך אַ פאָטאָגראַפישע אַטעליע און אַרויסגעהאַנגען אינדרויסן ביים טויער, אַ וויטרינע מיט פאָטאָגראַפיעס, און איבער דער וויטרינע, און אויך ביים אַריינגאַנג צו זיין אַטעליע — אויפגעקלאַפּט שמאָלע ווייסע שילדלעך מיט רויטער שריפט: „פאָטאָ־וויקטאָר״. זייענדיק פאַראינטערעסירט אין געווינען זיינע ערשטע קליענטן, האָט דער „פאַן וויקטאָר״ אין געציילטע טעג נאָכן אַריינקלויבן זיך אהער, שוין געהאַט געשלאָסן נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט די אַרומזיצנדיקע אויף דער בעטאָן־פאַרצוימונג אַרום גערטנדל און, גערעדט מיט זיי אין אַזאַ יידיש, פון וועלכן מען האָט געדאַרפט פאַרשטיין, אַז אין פויליש וואָלט אים אַ סך לייכטער געווען דאָס אונטערהאַלטן זיך מיט זיי, אָבער... ער איז אַ מענטש וואָס איז גרייט זיך אַראָפּצולאָזן צום פּשוטן פאָלק...

דער „פאַן וויקטאָר״ איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט אַריינפּאַסן אין קיין איינע פון די יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען אין לאַנד — ר׳איז געווען אַ „פּעפּעסאָוויעץ״ (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי), און געהאַלטן האָט ער, אַז יעדער פּראָגרעסיווער באַוווּסטזיניקער ייד, דאַרף אָפּגעבן זיין שטים פאַר די פּ. פּ. ס.

ווידער האָט אָנגערוקט דער האַרבסט. דער הימל איז ווי נידעריקער געוואָרן. די אָוונטן האָבן גענומען פריער צופאַלן. שאַרפע קאַלטע ווינטן האָבן גענומען אַלץ אָפטער און שטאַרקער בלאָזן.

מעיסקעס „געשווירענע״ דיסקוטאַנטן און אויך די „פרייע צוהערער״ און קיביצער — זענען ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען אין זייער ווינטער־רעזידענץ — אין אויבערשטן צימער פון „מעיסקעס קאַוויאַרניע״.

ס׳איז שוין פאַרביי איבער אַ וואָך צייט, ווי ר׳ יצחק ווֹשענדאָבילסקי האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט אַריינצושמעקן אין „מעיסקעס קאַוויאַרניע״, אָבער דאָס טישל זיינס איז נישט, חלילה, געבליבן פאַריתומט. ביים דאָזיקן טישל זענען איצט געזעסן דער גר־צדק אברהם בן אברהם און דער פאָטאָגראַפיסט. דער ערשטער — צוליבן הערינג־סאַלאַט מיט גאַרנישאַנקעס — ר׳ מעיסקעס דערפינדונג און כדי צו דערמאָנען די אַרומיקע, אַז ס׳איז פאַראַן אַן „אַלטער טעסטאַמענט״, אַ ירושלים מיטן כותל־מערבי, און די מערת־המכפלה... דער צווייטער ווידער — כדי צו געווינען קליענטן פאַר זיין פאָטאָגראַפישער אַטעליע, און כדי צו ווערבירן אָנהענגער פאַר דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פ. פּ. ס.

די סיבה פון ר׳ יצחק ווֹשענדאָבילסקיס אויפהערן אַריינצוקומען אין „מעיסקעס קאַוויאַרניע״ איז געווען: דבורהלע, די טאָכטער פונעם „היטער״ פון דת און „יידישן פירעכץ״; אין איינעם אַ טאָג האָט זי גענומען און פאַרלאָזט דעם טאַטנס הויז און אַוועק וווינען „נאָ וויאַרע״, מיט עפּעס אַ יונגן קריסט, אַ „חבר״...

אין „מעיסקעס קאַוויאַרניע״ האָט מען געהאַט היינט צו רעדן וועגן אַ סך געשעענישן: וועגן דעם זעלבסטמאָרד פון גרויסן מאַנופאַקטור־סוחר, וואָס איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פינפטן שטאָק... וועגן דעם גליק וואָס האָט געטראָפן דעם שטאַמלדיקן היטלמאַכער „מוישעלע מאַמעליגע״, וואָס זיין ווייב — נאָכן ברענגען אים, איינס נאָכן אַנדערן, פינף מיידן אויף דער וועלט — האָט אים די וואָך געבוירן אַ „יונגאַטש״. גערעדט האָט מען אויך וועגן די לעצטע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען פון די רעכטע פּוילישע גרופּירונגען אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט; וועגן ביראָבידזשאַן קאָנטראַ ארץ־ישראל און נאָך אַנדערע טעמעס. אָבער דאָס שוועבעלע וואָס האָט געמאַכט אויפפלאַמען די געמיטער, איז געווען די געשיכטע מיט דער עקסמיסיע פונעם שוסטער, דער טאַטע פונעם פאַרשטאָרבענעם אַנאַרכיסט „כאַצקעלע נאַכאַלניק״, וואָס נאָר אַ דאַנק דעם באַנק־באַאַמטן, דעם

אומפּאַרטייאישן יאַקוב קאַזשדאַן און אויך א דאַנק דעם באַלעבאָס פון דער קאַוויאַרניע, ר׳ מעיסקע גאַלקין — האָט מען דעם שוסטערס „רוכאַמאַשטשי״ (באַוועגלעך אייגנטום) צוריק אַראָפּגעטראָגן אין זיין קעלערשטוב.

דער זייגער איז שוין געווען נאָענט צו עלף. די עלעקטרישע ליכט אינעם פענצטער פון דער קאַוויאַרניע איז שוין געווען פאַרלאָשן. סאָניעטשקע, ר׳ מעיסקעס טאָכטער און אויך זיין ווייב „ציפּעירע״, זענען שוין אַוועק אין שטוב. אינעם אויבערשטן צימער האָבן זיך בלויז געפינען דריי שטאַם־געסט: דער בונדיסט עזריאלקע קאַמאַשנשטעפּער, דער פּועלי־ציוניסט, דער קיכמעבל־סטאָליאר ליפּקע כמיעלניק און דער דרוקער־אַרבעטער, דער קאָמוניסט וולאַדעק. ר׳ מעיסקע איז געזעסן הינטערן בופעט נעבן דער קאַסע און געדרעמלט. אויף אַ פּאַליצע וואָס איבער זיין קאָפּ, צווישן צוויי גרויסע פּירקאַנטיקע פאַרביק־באַמאַלענע שאַכטלען, האָט זיך באַקוועם איינלאַקירט און געשמאַק געשלאָפן — די שניי־ווייסע דיקלעכע קאַץ מיטן שוואַרצן נעזל — זיזי. ביי אַ טישל נעבן איינגאַנג, איז געזעסן אין אַ ווייסן פאַרטוך און אין אַ ווייס הייבל אויפן קאָפּ, די האַלב־קעלנערקע און האַלב־קעכין, און א מידע און אויסגעמאַטערטע — געגעסן פויל איר נאַכטמאָל.

אינעם אויבערשטן צימערל איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען אַ וויכוח, אָבער שוין מיט ווייניקער ברען, און שטילער, ביז — צו די לעצט־געבליבענע דריי דיסקוטאַנטן איז דערגאַנגען ר׳ מעיסקעס פאַרשלאָפן קול:

— חברים, מיר סליסן דאָס געסעפט! מאַכט אייך אַ קניפּל ווו איר האַלט — וועט איר מיט אַ טאָג ספּעטער פאַרזאָרגן די וועלט...

וולאַדעק, ליפּקע און עזריאלקע, האָבן זיך אַרויסגעשאַרט אינדרויסן. ר׳ מעיסקע האָט פאַרלאָשן די עלעקטרישע ליכט, און דאָס מיידל מיטן ווייסן פאַרטוך מיטן הייבל, וואָס איז געשלאָפן ביי די גאַלקינס — האָט ווי אויס־גיסנדיק דעם צאָרן אויפן טאָג וועלכן זי איז געבוירן געוואָרן — מיט רוגזה אַראָפּגעלאָזט די זשאַלוזעס, וואָס האָבן מיט אַ קייקלדיק געקנאַל איבער־געריסן די טיפע שטילקייט פון דער טונקעלער, דרעמלענדיקער גאַס.

אַלע דריי, האָבן זיי לאַנגזאַם געשפּאַנט אַהין און צוריק פאַר דער געשלאָסענער קאַוויאַרניע און פאַרגעזעצט זייער נישט פאַרענדיקטן וויכוח, אַזוי לאַנג, ביז... פון ערגעץ אַ ווינקל, האָט אַ זייגער אויסגעשלאָגן מיט אַ טעמפּן מעטאַלענעם קלאַנג — איינס... — און יעדער באַזונדער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אינעם חשכות פון דער האַרבסטיקער נאַכט.

דאָס לעבן איז זיך ווייטער געגאַנגען ווי קיינמאָל גאָרנישט... אין לויף פון דער צייט, זענען פון נעכטיקע קינדער געוואָרן דערוואַקסענע בחורים און מיידלעך, און נעכטיקע בחורים און מיידלעך זענען שוין געווען טאַטעס און מאַמעס פון קינדער. ס׳זענען אויך, ווי מיטאַמאָל, צוגעקומען פרישע גרוי־האָריקע מענער און פרויען און ווער ס׳איז אויך אין די לעצטע יאָרן אַוועק אויפן עולם־האמת... צווישן זיי: ר׳ מעיסקעס ווייב ציפּעירע, וואָס איז אנטשלאָפן געוואָרן ווי אַ הון — זיצנדיק הינטערן בופעט אין דער קאַוויאַרניע. מיט אַ חודש שפּעטער איז געשטאָרבן דער ווייג־הענדלער ר׳ יצחק וושענדאָבילסקי, און כמעט אין דער זעלבער צייט, איז אַוועק נאָך אַ שווערער און לאַנגער קראַנקהייט, דער מיטליאָריקער באַנק־באַאַמטער יאקוב קאַזשדאַן. אָבער דעם גרעסטן רושם האָט געמאַכט די ידיעה, אַז שיעלע יעלניק, יואל־הערשס ניינצניאָריקער עלטערער זון, איז אומגעקומען אינעם שפּאַנישן בירגער־קריג, ווו ער האָט געקעמפט אַלס פרייוויליקער אין די רייען פון דער פּוילישער בריגאַדע. אַ סך טעג האָט די ידיעה פונעם טויט פון יונגן ייִנגל, וואָס איז אויף די פעלדער פון סאַראַ־גאָסאַ געפאַלן אין קאַמף פאַר אַ פריי שפּאַניע. — געדינט אַלס הויפּט־טעמע נישט בלויז אין די אָונטיקע וויכּוחים ביי מעיסקען, נאָר כמעט אין יעדער שטוב ווו דער נאָמען יעלניק איז באַקאַנט געווען.

ווי אַזוי איז דאָס געקומען צו יואל־הערשן, דעם ביאַלער חסיד, אַ בחור, וואָס זאָל לויפן זיך אָננעמען די קריוודע פונעם אונטערדריקטן שפּאַ־נישן פאָלק? — אָבער די וואָס האָבן נענטער געקענט דאָס הויז פון די יונגע יעלניקס, האָבן זיך אויף דעם נישט אַזוי שטאַרק געוווּנדערט. זיי האָבן געוווּסט, אַז ס׳איז שוין דאָרט פון לאַנג נישט אַזאַ הויז ווי יואל־הערש האָט געטרוימט צו זען. ס׳איז געווען אַ הויז מיט זיינע חסרונות און מעלות ווי ביים רוב יידן פון יענער צייט. יואל־הערש האָט שוין פון לאַנג אויפגעגעבן דעם געדאַנק אַז ביי אים אין הויז וועט זיין אַנדערש ווי ס׳איז געווען ביים טאַטן זיינעם.

דאָס אַפּפאָרן פון יואל־הערשס עלטערן זון שיעלע קיין פראַנקרייך, איז פאָרגעקומען מיטן וויסן פון זיינע עלטערן. ער האָט זיי דערקלערט, אַז ער וויל דורכאויס דורכמאַכן אין פאַריז אַ צוויי־יאָריקן קורס פון ראַדיאָ־טעכניק. ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס אויפקלערן אים, אַז ער קאָן עס אויך דערגרייכן דאָ אין וואַרשע. ליבעלע האָט וועגן דעם ענין זיך איבערגע־שריבן מיט אירס אַ קוזינקע אין פאַריז און זיך נאָכגעפרעגט, צי איר

שיעלע וועט זיך קאָנען איבער דער צייט פונעם קורס, אויפהאַלטן ביי זיי, נאָכן באַקומען אַ פּאָזיטיוון ענטפער, האָבן טאַטע־מאַמע אים צוגעגרייט צום אַוועקפאָרן.

דריי חדשים פאַר שיעלעס אָפּפאָרן קיין פראַנקרייך, האָט יואל־הערש חתונה־געמאַכט זיין עלטערער טאָכטער לייקען. לייקע איז געבליבן וווינען ביי אירע עלטערן, אין דער העלפט דירה, וואָס ליבעלעס ברודער פייוויש האָט — ווי ס׳איז פון פריער געווען אָפּגערעדט — געמוזט פריי־מאַכן פאַרן יונגן פּאָרפאָלק.

עס זאָגט זיך נאָר אַזוי „יואל־הערש האָט חתונה־געמאַכט". אין דער אמתן וואָלט יואל־הערש קיינמאָל נישט געחלומט, אַז זיינס אַ קינד, וועט חתונה־האָבן דורך אַ ליבע, און דערצו נאָך אַ געהיימע ליבע, וואָס האָט זיך געצויגן איבער אַ יאָר צייט. נאָך מער וואָלט ער זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז זיין ערשטער איידעם, וועט גאָר זיין עפּעס אַ קלעזמער, וועלכער שפּילט אַפילו אין שבת, און דאָס — נאָך מיט גויישע קלעזמער צוזאַמען, און אין אַן אָרט, וואָס טראָגט אַזאַ משונהדיקן נאָמען „פליהאַרמאָניע"... (פיל־האַרמאָניע). יואל־הערש האָט אין דער שטיל געזיפצט, און אַז ליבעלע האָט געזאָגט „יאָ" — איז ער מסכים געווען אַוועקצוגעבן דעם ערשטן איידעם, דעם שמדניק, אַ העלפט פון זיין דירה.

יואל־הערשס איידעם, איז נישט געווען קיין אַנדערער ווי חיימל גאַלקין, דער זון פון ר׳ מעיסקע גאַלקין.

לייקעס חתונה איז פאָרגעקומען כיד המלך. זי איז פאָרגעקומען אין יואל־הערשס זעקס־צימער־וווינונג. אויף דער חתונה זענען געווען אַ סך איינוווינער פון דעם גרויסן דריי־הייפיקן הויז און די סטאַבילע באַזוכער פון „מעיסקעס קאַוויאַרניע". פון חתנס צד זענען אויך איינגעלאַדן געוואָרן אַ צאָל פון זיינע פאַך־חברים, יידן און קריסטן, וואָס האָבן ווי ער, געשפּילט אין דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע. אויף חיימלס פאַרלאַנג האָבן אויף זיין חתונה געשפּילט קלעזמער „וועטעראַנען", און דווקא, — אַלטע חתונה־ניגונים.

יואל־הערש האָט געפּרוווט וויזן אַן אויפגעהייטערט פריילעך פּנים, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ מחותן — אָבער אין זיין אַרויפגעצווונגענעם שמייכל, איז געלעגן מער צער ווי פרייד... דערפאַר אָבער, האָט ליבעלע געשיינט פון נחת — קוקנדיק אויף איר טאָכטער אין די כלה־קליידער, אין וועלכע זי איז געווען איר אָפּשפּיגלונג, ווי זי האָט אויסגעזען אַלס מיידל צו איר

חתונה. נישט ווייניקער האָט זי אָנגעקוואָלן פונעם חתן, דעם איידעלן בחור מיטן שאָטינעם געדיכט־געקרויזלטן קאָפּ האָר און גרויסע פאַר־טרוימטע אויגן, וועמענס בילד און נאָמען, האָט שוין נישט איינמאָל אַראָפּגעקוקט פון די אַפישן אין יידישן געגנט פון וואַרשע.

ס׳זענען בלויז אַדורך ביי אָ צוויי חדשים פון לייקעס חתונה, ווי די גרויסע פרייד פון חתונה־מאַכן יואל־הערשס ערשטע קינד, איז עטוואָס געשטערט געוואָרן. ס׳איז געשען צוליב דעם, וואָס אומגעריכט איז זייער איידעם הילאַרי (חיימל) צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע מוזיקער — צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך אויך געפונען צוויי קריסטן — רעדוצירט געוואָרן פון דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגע־וויזן האָט מען אין אַ קורצער צייט אַרום, די צוויי קריסטלעכע שפּילער צוריקגערופן. מען האָט זיי נאָר אָפּגעזאָגט כדי מיט זיי צו מאַסקירן די אַנטי־יידן־טענדענץ אין דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע.

קיין הונגער־געפאַר האָט נאָך, חלילה, נישט געדראָט דעם יונגן פּאָר.ביידע מחותנים זענען געווען ביי דער זייט... לייקע, ווי אַ דיפּלאָ־מירטע קראַנקן־שוועסטער, האָט פאַרהעלטנישמעסיק נישט שלעכט פאַרדינט, און הילאַרי, וואָס איז געווען פון דער נאַטור אַ באַשיי־דענער, האָט פאַרמאָגט אַביסל אָפּגעשפּאָרט געלט. אָבער, סך־הכל מיט אַ חודש שפּעטער, נאָך דעם ווי לייקעס מאַן איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דער פילהאַרמאָניע, האָט פּאַסירט אַזוינס, וואָס האָט נישט בלויז פאַר־טונקלט די גרויסע פרייד פון אויסגעבן דאָס ערשטע קינד, נאָר אויף אַ לאַנגער צייט פאַרפינצטערט דאָס לעבן פון יואל־הערשן און ליבעלען, און אַריינגעבראַכט צווישן די קינדער אַ שווערע, דערדריקנדיקע מרה־שחורה. געווען איז עס: די טרויעריקע ידיעה, אַז זייער שיעלע איז געפאַלן אין שפּאַנישן בירגער־קריג.

אין אַ שפּעטער פרילינגס־נאַכט, ווען אין דער שטילער אריסטאָקראַטישער מאַניושקי־גאַס זענען די פענצטער־שויבן הינטער די אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן געווען פאַרצויגן ווי מיט בלאַנעס — האָט בלויז פון אַן איינציק ברייט ווענעציאַנער פענצטער פון אַ צווייטן שטאָק, זיך אַרויסגעריסן אַ מילכוויים ליכט פון אַן עלעקטרישן שטיי־לאָמפּ. דאָס איינציק באַלויכטענע פענצטער איז געווען דאָס אַרבעט־

צימער פונעם באַוווסטן בוי־אינזשיניער לוציאַן יעלינסקי — מיטגליד פון דער בוי־געזעלשאַפט אונטערן נאָמען „ספּולקאַ".

אַן אַריבערגעבויגענער איבער אַ ברייטן מאַסיוון שרייבטיש באַלייגט מיט צייכענונגען און סקיצן, — האָט לוציאַן, אַ פּאַרטיפטער אין שווערע דריקנדיקע מחשבות, געפירט אויטאָמאַטיש מיט דער פעדער איבער אַ סקיץ.

אַ קיל ווינטל האָט דורכן אָפענעם פענצטער לייכט זיך געשפּילט מיט די שיטער־געוואָרענע האָר אַרום זיין גלאַנציקן פּליך און אויך מיט די אָנגעוואָרפענע פּאַפּירן. קיינער, אויסער לוציאַנען מיט דער דינסט, וואָס איז שוין פון לאַנג געשלאָפן — האָט זיך אין דער וווינונג נישט געפונען. צעלינאַ, לוציאַנס פרוי — האָט שוין נישט געלעבט. זי איז מיט צוויי יאָר צוריק געשטאָרבן נאָך אַ קורצער אומהיילבאַרער קראַנק־הייט. דער אַכצניאָריקער זון וואַצלאַוו — אַ סטודענט אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט — איז זיך פּאַרזעסן אויף אַ געבורטסטאָג פון זיינס אַ חברטע הענריקאַ גזשעגאָלסקא, די בת־יחידה פונעם אייגנטימער פון „וועלנאַ פּאָלסקאַ" אויף דער „נייער וועלט". דער יינגערער זון, יוליאַן — אַ שילער אין דער זיבעטער קלאַס גימנאַזיע — איז אַוועק מיט חברים אין אַ קינאָ. זיין נייניאַריקע טאָכטער אַניעלאַ, אַ סטודענטין פון הומאַניסטישן פאַקולטעט, — איז נאָך אַ העפּטיק איבערווערטלען זיך מיטן טאַטן — נאָך נישט אַהיימגעקומען.

דער אַמאָל פאַרשפּרייטער קלאַנג, וואָס איז דערגאַנגען צו יואל־הערשס אויערן, און פון אים — צו איטשע־מאירן קיין ארץ־ישראל — אַז לוציאַן מיט זיין ווייב און קינדער האָבן זיך געשמדט — האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט ריכטיק. ניין, לוציאַן האָט ווי אַ פרייער, פּראַגרע־סיווער מענטש, נישט געהאַלטן פון בייטן די „מטבע", ווייל אויך די צווייטע — פלעגט ער זאָגן — איז נישט ווייניקער פאַלש פון דער ערשטער... ער האָט נאָר געוואָלט מיט האַרץ און נשמה אַנגיין אַלס ריינער הונדערט־פּראָצענטיקער פּאָליאַק, און ווי אַזעלכער — זיך אויסלעבן מיט זיין ווייב און קינדער אין דער סביבה פון אַ ריין־פּוילישער געזעל־שאַפט, און דערפאַר — אויסגעוויילט דאָס הויז אויף דער אַריסטאָקראַ־טישער מאַניושקי־גאַס, וואָס איז געווען אינגאַנצן יידן־ריין...

קיינער פון די פּוילישע הויז־איינוווינער, האָט נישט געהאַט דעם

מינדסטן פאַרדאַכט לגבי די פרישע לאָקאַטאָרן, די יעלינסקיס... געוווסט וועגן דעם „פגם״, האָט בלויז דער הויז־אייגנטימער — אַליין אַ משומד, וואָס איז געווען נאָענט באַפריינדעט מיט לוציאַנס שווער. בעת לוציאַנס פרוי, צעלינאַ, איז געשטאָרבן, האָט קיין סך נישט געפעלט, אַז אָט דער „פגם״ זאָל מיטאַמאָל אַנטפּלעקט ווערן — ווען אין רייך־פּויליש היף וואָלט זיך פּלוצלינג באַוויזן אַ יידישע לוויה...

צום „גליק״, איז צעלינאַס שטילע לוויה מיטן אַנטייל פון אַ קלײנער צאָל קרובים און פריינט, אַרויסגעגאַנגען פון דער פּריוואַטער קליניק ווו זי איז געשטאָרבן.

דאָס, וואָס האָט די לעצטע יאָרן אַנגעהויבן באַאומרואיקן לוציאַנען, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק. זיין טאָכטער אַניעלאַ, וואָס איז ביזן עלטער פון צוועלף יאָר ענלעך געווען צו דער מוטער, האָט ווי אויף להכעיס לוציאַנען, געגומען פון טאָג צו טאָג באַקומען אַלץ מער דייטלעכע יידישע שטריכן. פון אונטערן הויכן שאַרפווינקלדיקן שטערן, האָבן גענומען אַרויסקוקן יידישלעך־פאַרטראַכטע אויגן... איר נאָז איז געוואָרן דינער, לענגער, און ביים שפּיץ — אַביסל פאַרונדיקטער... אַניעלאַ האָט ביסלעכוויז גענומען ענלעך ווערן צו איר זיידן, דעם באַוווסטן גינעקאָלאָג בראָניסלאַוו קראַקאָווסקי.

יאָ, לוציאַן האָט נאָכגעשפּירט און זיך געשראָקן פאַר דער „נישט־געוווּנטשענער״ ענדערונג וואָס קומט פאָר מיט זיין אַניעלאָן, אָבער אַז זיינס אַ טאָכטער זאָל באַקומען פּעטש צוליב איר יידישן אויסזען, — וועגן דעם וואָלט ער קיינמאָל נישט געוואַגט צו טראַכטן. אָבער, אַז זיין טאָכטער האָט נישט בלויז באַקומען, נאָר אויך צוריקגעפּאַטשט, — וועגן דעם האָט ער זיך ערשט דערוווסט נאָך דעם, ווי ס׳איז געקומען פאַר איר אַן אויפפאָדערונג זיך צו שטעלן אין פרידנס־געריכט. און נאָך איין זאַך: — זינט ער איז אַוועק אין דער פּויליש־אַריסטאָקראַטישער מאַניושקי־גאַס און געטאָן אַלץ, אַז זיינע קינדער זאָלן זיך צונויפשמעלצן מיט דער פּוילישער געזעלשאַפט, האָט די טאָכטער זיינע, אַניעלאַ, שוין באַוויזן צו זיין מיט אומצאָליקע פעדעם ענג פאַרבונדן מיט אַ סך יידישע פריינט, און מיט אַ יידישער פּאָליטישער פּאַרטיי.

23

נישט האָבנדיק צוויי יאָר צייט אויסגענוצט זייער יערלעכן „אָטפּוסק" האָבן אסתרל און איר מאַן איסאַאַק לוואָוויטש, באַשלאָסן איבערצולאָזן די גאַנצע ווירטשאַפט אונטער דער אויפזיכט פוןביידע טעכטער און זיך אָװעקלאָזן מיטן „סקאָרים" (שנעלצוג) אין אַ ווייטער נסיעה קיין „זאַפּאַד", בכדי צו רעוויזיטירן וויגדערן מיט זיין פאַמיליע אין אָדעס.

אַרויסגעפאָרן זענען זיי מיטן אויפוואַכן פונעם פרילינג — אין האַלבן חודש אַפּריל.

— איסאַאַק לוואָוויטש! — האָט אסתרלס מאַן דערהערט אָנרופן זיין נאָמען, בעתן אַרויסקוקן פונעם וואַגאָן־פענצטער, ווען דער שנעלצוג האָט זיך אָפּגעשטעלט האַרט פאַרן טשעלאַבינסקער וואָקזאַל.

איסאַאַק האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזעענדיק אויפן פּעראָן, לינקס פון זיך, אַ הויכוווקסיקן, ברייטפּלייציקן מאַן מיט העלע פלאַקסענע האָר און וואָנסעס, — פריידיק אויסגעשריגן:

— סאשענקאַ! סאַמועל אַבראַמאָוויטש! „מאַיאַ קראַשעטשקאַ", פון וואַנען קומסטו דאָ אַהער?! — זע נאָר, אסתרל! אונדזער בעסטער פריינט און געוועזענער נאָענטסטער שכן, דאָס „פּיצעלע", האָט זיך אָפּגעפונען! נאָך איידער אסתרל האָט רעכט באַוויזן זיך צו כאַפּן מיט וועמען איר איסאַאַק פרייט זיך עס אַזוי — האָט סאַמועל אַבראַמאָוויטש, וואָס איז מיט אַ יאָר פינף צוריק, פאַרשוווּנדן געוואָרן פון אירקוטסק, כדי צו זוכן גליק אויפן „זאַפּאַד" — אַריינגערוקט זיינע גרויסע און ברייטע הענט דורכן אָפענעם וואַגאָן־פענצטער און מיט איינמאָל — געדריקט מיט זיי די הענט פון אסתרלען און איסאַאַקן.

— אַך איר יעדראָלקי פּאַלקי! ס'איז דאָך שוין אַ שאָק מיט יאָרן ווי כ'האָב נישט געזען אייערע טייערע ראָזשעס! (פּרצופים). וואָהין שלעפּט איך אָט דער טיול? — האָט ער מיט זיין גרויסן פלאַקסיק־העלן קאָפּ אָנגעוויזן אויפן שנעלצוג.

— אויך אויפן „זאַפּאַד", אָבער נישט כדי צו זוכן „גליקן", נאָר בלויז צוגאַסט קיין אָדעס — צו מיין ברודער מיט דער שוועגערין און קינדער — האָט אסתרל אויסגעכאַפּט מיטן ענטפער דעם מאַן אירן.

— אין אַזאַ צייט אויפן זאַפּאַד?! — האָט זיך ביי סאַמועל אַבראַמאָוויטשן אַרויסגעריסן פון מויל, און ער האָט אינסטינקטיוו זיך אומגעקוקט אין ביידע זייטן...

אָבער אסתרל און איר מאַן זענען געווען אַזוי איבעראַשט פונעם צופאַל, אַז זיי האָבן נישט אויפגעכאַפּט זייער פּריינטס געשטעלטע פראַגע און אויך זיין אַרומקוקן זיך בעת ער האָט עס געזאָגט.

— אַ גרויסער שאָד סאַשאַ, וואָס דער שנעלצוג האָט צו שטיין נאָר אַ פופצן מינוט, און צו פרעגן איז פאַראַן אַזויפיל! — האָט איסאַאַק לוואָוויטש אַ קוק־געטאָן אויף זיין האַנטזייגער.

— למשל, ווער און וואָס אינטערעסירט דיך? — פרעג!

— דאָס ערשטע וואָס איך וויל וויסן, איז: דיין אַדרעס, זיך צו קאָנען מיט דיר איבערשרייבן — ווינסטו טאָקע דאָ אין טשעלאַבינסק?

— ניין, כ׳בין דאָ בלויז זינט דריי טעג, כ׳בין אין אַ „קאָמאַנדיר־ראָווקע". כ׳וווין געגנוג וויט פון דאַנען — אין גאַרקי. אָט גלייך גיב איך דיר... — האָט סאַמועל אַבראַמאָוויטש אַנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט פון וואַגאָן זיין בלאָקנאָט, און גענומען אָנשרייבן זיין אַדרעס. האָסטו שוין באַוויזן פאַר דער צייט צו געפינען אַ ווייב, „קראַשעטשקאַ"?... — האָט אסתרל אַריינגעוואָרפן האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט.

— אַז ס׳איז נישט דאָ ווען, — טייערע, כ׳בין דאָך שטענדיק אין „קאָמאַנדיראָווקע" — האָט סאַמועל אַבראַמאָוויטש אַנגעבלאָזן די ליפּן, און זיין פול רויטלעך פּנים, האָט פון זיין אַרויפגעצויגענער טרויעריקער מינע באַקומען אַ זייער קאָמישן אויסזען.

— האָסטו נאָך אַלץ צו טאָן מיט פערד, סאַשאַ? — איז אסתרל נאָך אַלץ פאַרלאָפן מיט אירע פראַגן, דעם מאַן אירן.

הלוואי וואָלט איך בלויז מיט זיי געהאַט צו טאָן... מיט זייערע לאַנגע צונגער, ביסטו זיכערער ווי מיט מענטשן...

אסתרל מיטן מאַן האָבן זיך איבערגעקוקט און געוואַרט צו הערן פון אים נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס וועט קלאָר מאַכן, וואָס האָט אים דאָס פּלוצלינג באַוויגן צו באַנוצן זיך מיט דעם דאָזיקן אַפאָריזם.

אָבער סאַמועל אַבראַמאָוויטש האָט געשוויגן און געוואַרט אויף וויטערע פראַגן.

— טרעפסטו זיך אפשר מיט עמעצן פון דער חברה, וואָס האָבן ווי דו, אין דיין צייט, פאַרלאָזט אירקוטסק? — מיט ליניעצקין, לאַבניקן, ראָטנבערגן — מיט וועמען כ׳האָב זיך צופעליק געטראָפן אין פאַרשידענע ערטער.

— מיט עטלעכע פון זיי, באַגעגן איך זיך פון צייט צו צייט אין גאָרקי און אין איר סביבה — און געוויסע... פון צווישן אייערע באַקאַנטע און אַמאָליקע לאַנדסלייט — ווי כ׳האָב זיך מיט אַ וואָך צוריק דערוווּסט, — זענען דאָ נישט לאַנג, אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן... — האָט סאַמועל אַבראַמאָוויטש שטיל געזאָגט און זיך ווידער פאַרזיכטיק אַרומ־געקוקט.

— אזוי גאָר! ווער, סאַשאַ?! — האָבן איסאַאַק און אסתרל אָנגעשטעלט זייערע אויערן און גרויסע נייגעריקע אויגן.

— ווי מען האָט מיר דערציילט, זענען עס: גערשׁסים יאַקאָוולעוויטש, פעדיאַ לייזעראָוויטש, דער בוכהאַלטער מישאַ דאווידאָוויטש, זיידמאַן, יאַשאַ בערקאָוויטש און אַנדערע.

— אויך זיידמאַנען! דעם אמת זיידענעם מענטש — נישט מעגלעך! נישט מעגלעך! — האָט איסאַאַק לוואָוויטש זיך קוים באַהערשט.

— און דאָס, בלויז אונדזעריקע?... — האָט אסתרל שטיל, קוים הערבאַר געפרעגט:

— ווער זאָגט עס טייערע, ניין — האָט זיך סאַמועל אַבראַמאָוויטש ווידער אומגעקוקט אין אַלע זייטן — ס׳האַנדלט זיך דאָ נישט ספּעציעל וועגן יידן, חס וחלילה — נאָר בכלל וועגן אָפּשטאַמיקע פון פוילן.

אלע דריי זענען געווען אַזוי פאַרטיפט און באַאיינדרוקט פון דער געשעע־ניש, אַז זיי האָבן אינגאַנצן נישט באַמערקט דאָס שליסן פון די וואַגאָן־טירן און נישט געהערט דעם לאַנג־אויסגעצויגענעם וואָרענונג־פּייף פון לאָקאָ־מאָטיוו. זיי האָבן קוים באַוויזן זיך דריקן די הענט — ווען דער צוג האָט גענומען זיך אַרויסגליטשן פון דער טשעלאַבינסקער באַן־סטאַציע.

אסתרל און איסאַאַק לוואָוויטש זענען פון דעם, וואָס זיי האָבן נאָר־וואָס געהערט — נאָך אַלץ געשטאַנען ווי צוגעוואַקסענע צום פענצטער.

— ניין, ס׳קאָן נישט זיין סתם אַזוי, אָן אַ באַגרינדעטער סיבה, אָן אַ פאַרוואָס און פאַרוועז... „אַז מען עסט נישט קיין קנאָבל — שפּירט זיך נישט פונעם מויל!"... — האָט איסאַאַק לוואָוויטש מיטאַמאָל אַ זאָג־געטאָן פאַר זיך.

— און אפשר שטעקט גאָר דערין די האַנט פון א מנובל, אַ פאָלקס־פיינט? — האָט אסתרל געפרעגט.

— אויך דאָס איז מעגלעך... — האָט איסאַאַק לוואָוויטש געענטפערט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ.

די וואַגאָן־רעדער האָבן נאָכאַנאַנד איינטאָניק אויסגעקלאַפּט: „נאָ זאַפּאַד", „נאָ זאַפּאַד".

איבער צוויי וואָכן צייט האָט אסתרל מיטן מאַן אירן געהאַט פאַר־ברענגט אין הויז פון וויגדערן מיט זיין פרוי און קינדער. זיי האָבן שוין געהאַט אויסדערציילט און אויסגעהערט וועגן אַלעמען, וועגן וואָס מען שרייבט געוויינטלעך זיך נישט דורך אין קיין בריוו; שוין געהאַט באַקענט אַלע ווינקעלעך פון דער פאָרט־שטאָט און, גענומען טראַכטן וועגן צוריק־פאָרן אַהיים.

אין איינעם פון די לעצטע שמועסן, — ווען די קינדער זענען נישט געווען אינדערהיים — האָט איסאַאַק געפרעגט ביי וויגדערן, צי ס'איז אים עפּעס באַקאַנט וועגן אַדורכגעפירטע אַרעסטן און פאַרשיקונגען צווישן בירגער, אָפּשטאַמיקע פון פוילן.

— יאָ, כ'האָב עפּעס געהערט וועגן דעם, געהערט פון אַ נאָענטן פריינט, וואָס איז דאָ נישט לאַנג צוריקגעקומען פון לענינגראַד, אָבער וועגן ענלעכס, דאָ אין אָדעס, האָב איך נאָך פאַרלויפיק נישט געהערט. — כ'מיין, אַז ס'איז, אָדער אַ גרונטלאָזער קלאַנג, אָדער מענטשן מיט אַ קרענקלעכער צעשפּילטער פאַנטאַזיע, האָבן גענומען עפּעס אַ נישט־באַדייטנדיקע פּאַסירונג און עס צעבלאָזן.

— אָבער וויקטאָר, ס'האָט אַ נאָענטער מענטש איבערגעגעבן נעמען פון עטלעכע מיינע באַקאַנטע, וואָס האָבן אַמאָל געוווינט אין אירקוטסק — האָט אים דער שוואָגער אויפגעקלערט.

וויגדער האָט דערויף, בלויז געדרייט מיטן קאָפּ און געהויבן מיט די אַקסלען.

— און איך מיין — האָט זיך לייטשע אָפּגערופן — אַז... אַז מען קלינגט — איז אַ חגא, אַז דאָ שטעקט אפשר אַ שמוציקע לאַפּע פון אַ שעדיקער, אַ שונא פון לאַנד, וואָס האָט זיך אַריינבאַקומען אויף אַ וויכטיקן אַמט...

— נו, וואָס זאָגסטו — האָט אסתרל אָנגעכאַפּט איסאַאַק לוואָוויטשן פאַרן ארבל — אָט האָסטו דיר, מיינע רייד!

סך־הכל עטלעכע טעג נאכן דאזיקן שמועס, האט פאסירט עפעס אזוינס, וואס האט אויף יארן צעטרייסלט דאס לעבן פוןביידע שוועגערינס לייטשען און אסתרלען און אויף גאנץ לאנג איבערגעלאזט א שווערע דעפרעסיע אין די געמיטער פון זייערע קינדער.

פרייטיק, פאר האלבן טאג, האט אסתרל מיט איר מאן געזאלט פארלאזן אדעס און צוריקפארן אהיים קיין אירקוטסק. שוין א טאג פריער, פארנאכט, איז זייער האנט־באגאזש — צוויי וואליזקעס מיט א פון שטרוי־געפלאכטן קויבערל — שוין געשטאנען פארפאקט אין פאדער־צימער.

לכבוד די אוועקפארנדיקע געסט, האט לייטשע צוגעגרייט אויף דאנערשטיק אוונט א ספעציעלן געזעגענונג־מאלצייט. דעם אוונט, זענען אויך ביידע קינדער וויגדערס, פאניא און ליאווא, געבליבן זיצן אינדער־היים. וויגדער האט זיך באמיט אז דער דאזיקער אפיציעלער „אוונט", זאל נישט בלייבן הינטערשטעליק לגבי דעם, וואס זיין שוועסטער און שוואגער האבן פאר זיי איינגעאָרדנט מיט יארן צוריק, פאר זיין אפפארן מיט דער פרוי און קינדער פון אירקוטסק קיין אדעס.

געשען איז עס א זייגער איינס ביינאכט — סך־הכל א האלבע שעה נאך דעם, ווי אלע אין שטוב, האבן אויפגערוימטע און צופרידענע פונעם פארברענגטן אוונט, זיך געלייגט שלאפן. נישט באוויזן נאך צו כאפן דעם ערשטן דרעמל — האבן דריי האסטיקע און שטארקע פויסט־קלעפ אין דער טיר פון וויגדערס וווינונג, — אויפגעריסן די טיפע נאכט־שטילקייט אינעם גרויסן געדיכט־באוווינטן הויז, און ארויסגעריסן די אויף־טויט־איבערגעשראקענע יעלניקס מיט זייערע געסט, פון די בעטן ארויס.

אלע אין שטוב, בלאסע, מיט אויפגעריסענע אויגן, האבן אין א ברוכטייל פון א רגע, אינטואיטיוו דערפילט, אז די קלעפ אין דער טיר ברענגען זיי עפעס גורלדיקס... פאר גרויס צעמישונג, איז אפילו קיינעם נישט איינגעפאלן אנצוצינדן די עלעקטרישע ליכט. דער ערשטער, וואס איז געקומען צו זיך, איז געווען וויגדער. ער איז צו צו דער טיר און מאניפולירנדיק אין דער פינצטער, מיטן קלאפשלאס און מיטן שווערן ריגל — זי געעפנט. פאר וויגדערס אויגן האט א בלענד־געטאן אן אנגע־שטעלט ליכט פון אן עלעקטריש טאשנלעמפל און צו זיינע אויערן זענען מיט איינמאל דערגאנגען צוויי פראגן:

— זענט איר עס דער בירגער וויקטאָר איסאַקאָוויטש יעלניק? פאַרוואָס צינדט איר נישט אָן די ליכט, ווען מען קומט צו אייך פון דער מיליץ?

— יאָ, איך בין עס... אַנטשולדיקט, נישט באַוויזן... — האָט וויגדער אַ דריק־געטאָן דעם עלעקטרישן שאַלטער פונעם פּאָדערצימער, און צוגלייך, מיט אַ מאָדנע פאַרפרעמדט קול, סתּם אַריינגעשריגן אין צימער אַריין:

— צינדט אָן די ליכט, די מיליץ איז געקומען!

געווען זענען עס צוויי עלטערע מיליציאָנערן און איין ציוויליסט. דער ציוויליסט, אַ שיינגעבויטער הויכוואוקסיקער גוט־ראַזירטער מאַן, איז אין זיין עלעגאַנטן העל־גראָען זומער־אַנצוג מער ענלעך געווען צו אַן אַקטיאָר, איידער אויף אַזאַ מין, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אָט דער אַרבעט...

— איר וועט מיר מוחל־זיין בירגער, וואָס כ'האָב אייך געשטערט אין אַזאַ נישט־פּאַסיקער צייט — איך פיר בלויז אויס אָן אויפגאַבע, וואָס מען האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט — האָט דער ציוויליסט אין אַ מילדן טאָן זיך געווענדעט צו וויגדערן.

— האָט איר זיך געגרייט אָוועקצופאָרן? — האָט ער, באַמערקנדיק אין פּאָדערצימער דעם פאַרפּאַקטן האַנט־באַגאַזש, זיך ווידער געווענדעט צו וויגדערן:

— ניין, דאָס געהערט צו מיין שוואָגער, וואָס געפינט זיך מיט מיין שוועסטער ביי מיר צוגאַסט און גרייט זיך מאָרגן, דאָס הייסט היינט פרי, אַהיימצופאָרן — האָט וויגדער זיך באַמיט צו ענטפערן אין אַ רואיקן טאָן.

— אַזוי, האָט איר דאָ אַ שוואָגער צוגאַסט! — האָט ער זיך לייכט פאַרנויגט מיט אַ „גוטן אָוונט בירגער”, און אַריבערגעטראָטן די שוועל.

אויף לייטשעס פּנים האָבן זיך גענומען בייטן די פאַרבן, און באַהעַר־שנדיק מיט אַלע כּוחות אירע אָנגעצויגענע נערוון און איר האַרץ־קלאַפּעניש, האָט זי ווי אַדורכגעזופּט דורך די ציין:

— וואָס פאַראַ „אָוונט” איז נאָך איצטער אין אָט דער שפּעטער שעה?... און אָנגעוויזן דעם ציוויליסט אויפן וואַנטזייגער, וואָס האָט שוין געוויזן אַ פערטל אויף צוויי. צוויי... — האָט זי זיך ווידער געווענדעט צו אים — ווי פּאַסט דאָ אַריין דער „גוטער אָוונט”, ווען איר האָט מיט אייער קלאַפּן מיט די פויסטן אָן דער טיר, אַרויסגעריסן אין מיטן נאַכט — פרידלעכע בירגער פון זייער שלאָף?...

דער ציווילער מאַן האָט לייטשעס ווערטער אויפגענומען רואיק, און געלאַסן.

— גלויבט מיר בירגערין, אַז איך האָב וויניק־וואָס צו זאָגן אין דעם גאַנצן ענין — ווען ס׳וואָלט זיך בלויז געהאַנדלט אין מיר... אָבער איך בין אונטערגעאָרדנט אין מיין אַרבעט פון העכער... אַז מען האָט מיר געהייסן גיין אויפן פראָנט, שטעלן אין קאָן מיין לעבן — האָב איך זיך דעסגלייכן אונטערגעוואָרפן דעם באַפעל פון דער סאָוויעטן־מאַכט.

— יאָ, — האָט לייטשע אינגאַנצן געפלאַמט — וואָס פאַרא פאַרגלייך! דאָס איז דאָך געווען פאַרן פאָטערלאַנד, קעגן פיינט !...

— רואיק בירגערין, אויך דאָס וואָס מיר טוען איצט אין דער שפּעטער שעה ביי אייך, — איז פאַרן פאָטערלאַנד... און וואָס שייך פיינט — כ׳מיין אויסערלעכע — ווייסן מיר ווו זיי געפינען זיך, דערקעגן די אינערלעכע, מוז מען זוכן... און, ווען ס׳איז נאָר פאַראַן דער דינסטער פאַרדאַכט, מוזן די זיכערהייט־אָרגאַנען גלייך „דורכקאָנטראָלירן״... כ׳מיין בירגערין, אַז ווער ס׳איז נישט שולדיק, האָט אַבסאָלוט נישט פאַר וואָס זיך צו שרעקן.

די גאַנצע צייט פונעם קורצן דיאַלאָג צווישן לייטשען מיטן ציווילן מאַן, האָבן איסאַאַק און אסתרל באַמיט זיך צו האַלטן ווי ווייט מעגלעך רואיק, נישט אַרויסצווייזן קיין שום נערוועזיטעט...

— אָך יאָ, דאָס זענט איר דער שוואָגער פון וויקטאָר איסאַקאָוויטש יעלניק? — האָט דער ציווילער מאַן, ווי ער וואָלט זיך פּלוצלינג אָן עפּעס דערמאָנט, — אָנגעשטעלט זיין בליק אויף אסתרלס מאַן.

— יאָ, — איז געקומען אַ קורצער ענטפער.

— אייער נאָמען און פאַמיליע־נאָמען?

— איסאַאַק לוואָוויטש שעניצקי.

— ווייזט אייער פּאַספּאָרט, בירגער.

בעתן באַטראַכטן דעם פּאַספּאָרט, האָט דער ציווילער מאַן עטלעכע מאָל זיך איינגעקוקט אינעם פּנים פון איסאַאַק לוואָוויטשן און לסוף געפרעגט:

— וואָס טוט איר דאָ בירגער, אין אָדעס?

— געקומען מיט מיין פרוי צו גאַסט צום שוואָגער, וויקטאָר איסאַקאָוויטשן.

— פון וואַנען?

— פון אירקוטסק.

— פון אירקוטסק? פונעם ווייטן סיביר, זענט איר פלוצלינג געקומען אזש קיין אָדעס אויף אַ פאַמיליע־באַזוך?! — מאָדנע, זייער מאָדנע — איך פאַרמאָג אַן איינציקע שוועסטער אין צענטראַל־רוסלאַנד, און קאָן זיך אין קיין פאַל נישט דערלויבן ארויסקלייבן זיך צו איר. און דאָ אַזאַ שטרעקע — מאַכט מען פלוצלינג אַ פאַמיליע־באַזוך?

— כ׳מיין, אַז צו באַזוכן נאָענטע פאַמיליע־מענטשן, איז קיין שום שטרעקע נישט צו ווייט — האָט איסאאַק אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ שמייכל.

דער ציווילער מאַן האָט דעם ענטפער ווי אַדורכגעלאָזט פאַרן אויער און זיך געווענדעט צו וויגדערן:

— אויך איר, בירגער וויקטאָר... וויקטאָר...

— וויקטאָר איסאאַקאָוויטש יעלניק — האָט אים וויגדער ארויסגע־האָלפן.

— יאָ, וויקטאָר איסאַקאָוויטש — אויך איר וועט מיר וויזן אייער פּאַס.

קלאַפּנדיק מיטביידע באַקומענע פּעסער איבער זיין האַנטפלאַך, האָט ער מיט אַ נאָכגעלאָזטער שטייפקייט און מיט א גוטמוטיקן שמייכל זיך געווענדעט צו וויגדערן און צו איסאַאַק לוואָוויטש:

— איר וועט מיר מוחל זיין בירגער, וואָס כ׳האָב איך, און אויך אַלעמען דאָ געשטערט מיט מיין באַזוך אין אָט דער שפּעטער שעה. מאָרגן האַלב צען אינדערפרי, וועט איר ביידע, וויקטאָר איסאַקאָוויטש יעלניק און איסאאַק לוואָוויטש שעניצקי, קומען אָפּנעמען אייערע פּעסער...

— יאָ, אָבער... — האָט איסאַאַק לוואָוויטש זיך אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט: איך און מיין פרוי דאַרפן מאָרגן פאַרן האַלבן טאָג אָפּפאָרן...

— קען מען דאָס נישט דערליידיקן אביסל פריער?

— איר וועט באַוויזן בירגער, אייער צוג גייט איצט אָפּ עלף מיט פער־ציק, און אויף אָפּנעמען אייער פּאַס, וועט איר מער נישט פאַרלירן ווי אַ צען־פופצן מינוט — „דאָבראַי נאָטשי״!

געבליבן צוריק אַליין, האָבן איצט אַלע גענומען ביסלעכוויז קומען צו זיך, ווי פון אַ שווערן חלום... נישט אָנטרויעַנדיק די ווענט, האָט מען גענומען אין דער שטיל אַרומרעדן די פּאַסירונג: צי דראָט עפּעס אַ געפאַר, אָדער ס׳איז בלויז א פאַרבייגייענדיקער פאַרדריסלעכער עפּיזאָד,

וואָס וועט נישט האָבן קיין שום נאָכווייען? די וואָס האָבן אויפן אויסגאַנג פון דער נישט־אַנגענעמער פּאַסירונג געקוקט אָפּטימיסטיש, האָבן עס אַרגומענטירט מיטן באַוויז: אַז ווען, חס וחלילה, עפּעס ערנסט, וואָלטן זיי קודם כל דורכגעפירט א גרינטלעכן „אָביסק“ (רעוויזיע) אין דער גאַנצער וווינונג, און נאָכן „אָביסק“, — זיי אָן שום צווייפל מיטגענומען.

פאַר ווערמען די דאָזיקע סימנים זענען קיין סימנים נישט געווען — האָבן ערנסט געשוויגן.

צומאָרגנס, נאָך אַ שלאָפלאָזער אומרואיקער נאַכט, זענען ביידע שוואָגערס, אָן צו האָבן אפילו א גלאָז טיי געטרונקען, אַוועק נאָך פאַר דער באַשטימטער צייט אויפן אָנגעוויזענעם אָרט — כדי צוריקצובאַקומען זייערע פּעסער.

אין דעם טאָג, האָט אַ פולער פרילינג געוועלטיקט מיט זיין גאַנצער פּראַכט איבער דער שטאָט אָדעס, און אריינגעגאָסן אַ פריש חיות אין אַלץ און אין יעדן, אויסער — אין די הערצער פון ביידע שוואָגערס און זייערע פרויען, וואָס האָבן די מענער באַגלייט ביז צום אָנגעוויזענעם אָרט, און אליין — געבליבן שטיין אין דרויסן אָפּוואַרטן זיי...

אסתר און לייטשע, האָבן אויף זייערע מענער זיך נישט דערוואַרט... זיי זענען צוריקגעקומען צו זייערע פרויען און קינדער, ערשט אין עטלעכע יאָר ארום...

ס'איז געשען אַזוי, ווי ביידע שוועגערינס האָבן זיך געהאַט אַרויסגעזאָגט: ס'איז געווען אין דער צייט, וואָס דער נאָמען פונעם געשפענסט „יעזשאָוו“, האָט ווי אַ שרעק־וואָרט געלאָזט זיך הערן אין דער לענג און אין דער ברייט פון ראַטנפאַרבאַנד.

24

אַ שוואַרצע קאַץ איז אריבער דעם וועג אויף וועלכן ס'איז מיט אַזאַ זיכערקייט, געטראָטן לוציאַן יעלינסקי. די גרויסע האָפענונג וואָס דער אינזשיניער האָט געלייגט אויף זיין „גייסטיקער דאַמבע“ — אויף דער מאַניושקי־גאַס, וועלכע האָט באַדאַרפט איזאָלירן זיינע קינדער פונעם שעדלעכן נעגאַטיוון איינפלוס פון די יידן פון די נאַלעווקעס, זאַמענהאָף, פראַנטשישקאַנער און סמאָטשע, און דינען פאַר אַ שפּרונג־

ברעט אויף אַריינצובאַקומען זיך און זיך אויסמישן מיט דער ריין־פוילישער געזעלשאַפט — האָט גענומען קרישלען זיך. לוציאַן האָט אויך אָנגעהויבן צווייפלען אין דער פּאָזיטיווער ווירקונג, וואָס זיין ריין פּוילישע אויסערלעכקייט מיט זיין אַריינגעזאַפּטער פּוילישער קולטור, זאָלן האָבן געמאַכט אויף יענע, אין וועמענס סביבה ער האָט אַזוי געשטרעבט צו ווערן אַן אייגענער...

יעדעס מאָל ווען לוציאַן פלעגט באַהערשט ווערן פון אָט דעם צווייפל, פלעגט ער זיך אויף דערמאָנען אָן זיין עלטערן ברודערס, וויגדערס ווערטער — בעת א דיסקוסיע מיט אים וועגן דער יידן־פראַגע אין פוילן: „הער, לייזערקע — האָט ער אים דעמאָלט געזאָגט — זאָלסט נישט פּרוּוון זיך אַריינרייסן איבער פרעמדע שוועלן... — דו וועסט דאָרט, אין בעסטן פאַל, ווערן טאָלערירט, אָבער קיינמאָל נישט — גוט־געזען״!...

געבליבן אַליין מיטן עלטערן זון וואַצלאַוו — נאָך דעם ווי אַניעלאַ האָט אים אַריינגעזאָגט און פארקלאַפּט הינטער זיך די טיר, — האָט לוציאַן נישט געוווּסט ווּ אַהינצוטאָן זיינע אויגן.

אין צוויי טעג אַרום, נאָכן דאָזיקן אָוונט, האָט אַניעלאַ פאַרלאָזט דעם פּאַטערס הויז, און איבערגעלאָזט אַ בריוועלע מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט: „ליבער פּאַטער, כ׳בין שוין גענוג דערוואַקסן אויף צו זיין זעלבשטענדיק און צו וויסן ווּ איך געהער... אַניעלאַ״.

אַניעלאַס פאַרלאָזן דעם פּאַטערס הויז, האָט לוציאַנען אָוועקגערויבט דעם שלאָף. עטלעכע וואָכן האָט ער גאָרנישט געהערט פון איר. ערשט דורך אַ צופאַל, ביי נישט־געוויינטלעכע אומשטענדן, האָט ער זי אָנגעטראָפן אין גאַס.

געווען איז עס אין טאָג פון ערשטן מאַי. לוציאַנען איז צופעליק אויס־געקומען צו זיין אויף דער לעשנע גאַס. אָנקומענדיק פון דער אָרלע צו דער לעשנע, איז אים אנטקעגנגעקומען א דעמאָנסטראַציע פון יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן מיט אויפגעהויבענע קעפּ אונטער א ים פון רויטע פענער — מאַרשירט און געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער.

קוים באַוויזן זיך גוט איינצוקוקן אין די דאָזיקע „חוצפּהדיקע״ און קאָמפּלוסטיקע יידן — האָט ער מיט אויפגעריסענע אויגן פון שטוינונג, געזען אָט וואָס: פאָרויס, פאַר אַ מאַרשירנדיקער גרופּע אַקאַדעמיקער, האָט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און שטאָלצע געמאָסטענע טריט,

געשפּאַנט זיין אַניעלאַ, געשפּאַנט מיט אַן אויפגעהויבענעם שטאַנג פון אַ טראַנספּאַרענט.

— אַניעלאַ! אַניעלאַ! — האָט דער אינזשיניער געוומען זי רופן מיטן גאַנצן כוח, געפּרוווט זיך דורכדרענגען דורך דער געדיכטער מאַסע... אַניעלאַ האָט זיך אומגעקוקט, און ווי צו באַגריסן דעם פאָטער אירן — נאָך העכער אַ הייב־געטאָן מיט דעם שטאַנג אין דער הויך...

לוציאַן האָט ווידער געפּרוווט זיך דורכרייסן דורך דער געדיכטער מענטשן־מאַסע, נאָר אין דער רגע איז געשען אַזוינס, וואָס עס האָט אָפּט פּאַסירט אויף ערשטע־מאַי־דעמאָנסטראַציעס — ספּעציעל פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט: ווי פון אונטער דער ערד, זענען מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן פּוילישע כוליגאַנעס מיט דרענגער און אייזנס אין די הענט, און געפּרוווט מיט געוואַלט זיך דורכרייסן צו די פאָן־טרעגער. נישט ווייט פון עם אָרט ווו אַניעלאַ האָט זיך געפונען, האָט זיך געשאַפן אַ כוואַליעדיקער קנויל פון מענטשן און אַ הייבן און אַראָפּלאָזן זיך פון אומצאָליקע שטעקנס... און, אין מאָמענט ווען לוציאַן האָט זיך געריסן פאָרויס אין דער ריכטונג צו זיין טאָכטער, האָט עמעצנס אַ פעסטע האַנט אָנגעכאַפּט אים פון הינטן ביים קראַגן, און אויפגעהויבן איבער זיין קאָפּ אַ שטעקן: „אויך דו, באַברילטער כוליגאַן"?!

דאָסמאָל האָט לוציאַן יעלינסקין נישט אָפּגעראַטעוועט זיין ריין־פּויליש פּנים, נאָר דאָס יידישע לשון, מיט וועלכן ער האָט זיך שוין נישט באַנוצט דרייסיק יאָר...

נאָכן פאַרדינטן ענטפער פון דער אַרבעטער־מיליץ, האָבן די כוליגאַנעס זיך שנעל אָפּגעטראָגן פונעם קאַמפּס־פעלד. אָבער צוליב דער אַנטשטאַנענער מהומה, איז די דעמאָנסטראַציע, מיט דער „הילף" פון דער פּאָליציי, געוואָרן אויפגעלייזט מיט אַ פערטל שעה פריער פונעם פאָרויסגעזעענעם פּלאַן און דער אינזשיניער האָט נישט באַוויזן אָפּצוגעפינען זיין טאָכטער.

די וואָלקנס, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן קלייבן איבער לוציאַנס הויז זענען געוואָרן וואָס אַמאָל שוואַרצער און האָבן זיך געלייגט ווי אַ שווערע בלייערנע משא.

צוויי וואָכן נאָך דער געשיכטע מיט דער דעמאָנסטראַציע, האָבן אָנגעהויבן פאַלן פרישע קלעפּ אויפן קאָפּ פונעם אינזשיניער לוציאַן יעלינסקי.

האָרט פאַר זיין יונגערן זונס ענדיקן די גימנאַזיע, האָט דער אינזשיניער

פלוצלינג דערהאַלטן אַ בריוו פונעם גימנאַזיע־דירעקטאָר, אַז די דיסציפּלי־נאַר־קאָמיסיע פון דער שול, האָט נאָכן באַטראַכטן דעם פאַל פון זיין זונס כוליגאַנישער אויפפירונג, — בעת וועלכער ער האָט קערפּערלעך שווער באַשעדיקט אַ פּוילישן שילער פון זיין קלאַס, — איינשטימיק באַשלאָסן אים אויסצושליסן פון דער גימנאַזיע.

נאָכן דורכלייענען די מיטטיילונג איז פאַר לוציאַנען אינגאַנצן קלאָר געוואָרן די סיבה פון דער גרויסער דענערווירטקייט וואָס זיין יוליאַן האָט די לעצטע טעג ארויסגעוויזן און אַז דאָס צעקלאַפּטע פּנים איז נישט געווען צוליב זיין ארונטערפאַלן פונעם וועליסאַפּעד, ווי ער האָט עס אים געוואָלט איינרעדן...

ס׳האָט לוציאַנען נישט געלאָזט רוען. נישט אַזוי צוליבן באַזייטיקן זיין זון פון דער גימנאַזיע, ווי צוליב דעם, וואָס דער גימנאַזיע־דירעקטאָר, האָט אין זיין בריוו געפונען פאַר נויטיק ספּעציעל אונטערצושטרייכן, אַז זיין, לוציאַן יעלינסקיס זון, האָט צעשלאָגן אַ פּוילישן שילער...

ווען נישט די קאַפּולער אָנצוהערעניש, אַז דער אָנגעגריפענער איז געווען אַ פּאָליאַק... וואָלט אפשר לוציאַן געפּרוווט אונטערצונעמען באַמיאונגען אויף צו רעווידירן דעם צו הארבן באַשלוס פון דער דיסציפּלינאַר־קאָמיסיע, אָבער אין געגעבענעם פאַל, האָט ער געפילט, אַז נישט נאָר עס וועט נישט העלפן, נאָר ס׳איז אויך שעדלעך פאַר אים, ער זאָל זיך צורירן צו אָט דעם ענין... לוציאַן, וועלכער האָט גוט געקענט דעם כאַראַקטער פון זיין יוליאַנען, און געוווּסט, אַז ער איז גאַנץ ווייט פון כוליגאַנישע שטיק — איז דעם אָוונט אין ערגעץ נישט אַוועק, נאָר אומגעדולדיק געוואַרט אויף זיין זונס אַהיימקומען.

ווען יוליאַן איז אַריינגעקומען אין קאַבינעט און זיך אַוועקגעזעצט ביים מאַסיוון שרייבטיש אַנטקעגן זיין פאָטער, האָט לוציאַן, גאַרנישט זאָגנדיק, דערלאַנגט אים דעם בריוו פונעם שול־דירעקטאָר.

— נו, יאָ, דאָס איז מיר שוין באַוווּסט פון מיט עטלעכע טעג צוריק — האָט יוליאַן, קוקנדיק דעם פאָטער גלייך אין פּנים אריין, רואיק געזאָגט.

— פאַרן סאמע סוף פונעם לעצטן לערניאָר — אַ זייער נישט אָנגענעמע פאַסירונג — אָבער גאַרנישט... וועסט אפשר קאָנען אָפּגעבן אַן עקסטערן־עקזאַמען, נאָר איין זאַך: איך וויל וויסן, וואָס עס איז פאַקטיש פאָרגעקומען צווישן דיר און דעם שילער.

— כ׳האָב נישט וואָס אויסצובאַהאלטן. ס׳איז געשען אַ גאַנץ פּשוטע זאַך. כ׳האָב נישט דערלאָזט באַפאַלן און שלאָגן אומזיסט אַ שילער וועמענס

איינציקער חטא איז געווען דאָס זיין אַ ייד... דערפאַר, האָט דער שלעגער זיך אויך געוואָרפן אויף מיר און דערביי געשריגן: מיר וועלן אויך די יידישע פּאַכאָלקעס אומשעדלעך מאַכן! — בין איך אָבער געווען שטאַרקער! — האָט יוליאַן פאַרענדיקט מיט אַ שמייכל.

— יאָ... ריכטיק... מ׳האָט נישט באַדאַרפט דערלאָזן שלאָגן אַ מענטש בלויז צוליב דעם, וואָס ער האָט אַן אַנדערע איבערצייגונג, אָבער דאָס האָבן געדאַרפט טאָן אַנדערע, נישט דו...

— פאַרוואָס, נאָר נישט איך?! — אַלץ איינס! מיט צוויי שעה שפּעטער, נאָכדעם ווי כ׳בין אויסגעפּאַרשט געוואָרן אינעם צימער פון דירעקטאָר, האָבן שוין אַלע קריסטלעכע שילער פון קלאַס געוווּסט, אַז יוליאַן יעלינסקי איז אַ ייד. און מען האָט הויך גערעדט אין מיין קעגנוואַרט וועגן דעם, אַז די יידן וואָס ווילן אָנגיין פאַר פּאָליאַקן, זענען פאַר פוילן אַ סך געפערלעכער ווי די „קאַפּאַטשאַזשעס".

אויף לוציאַנס פּנים זענען אַרויסגעטראָטן רויטע פלעקן. און וועלנדיק פאַרהוילן פאַרן זון די ווירקונג, וואָס זיין לעצטער זאַץ האָט אויף אים געמאַכט, האָט ער צוגערוקט צו זיך דעם ברייטן געבלימטן וואַזאָן מיטן פריש־אַריינגעשטעלטן בוקעט פון ווייסע און לילא בעז־בלימעלעך און, מאַכנדיק זיך אַריינאָטעמען דעם אָנגענעמען דופטיקן ריח — באַגראָבן דאָרט זיין פּנים...

יוליאַן האָט מיט דעם וואָס ער האָט געזאָגט, נישט געמיינט צו טרעפן דערמיט דעם פאָטער זיינעם. ער האָט אים פּשוט איבערגעגעבן דאָס, וואָס זיינע אויערן האָבן געהערט...

מיט אַ שטיקל צייט צוריק, וואָלט זיך יוליאַן נישט געווען אַריינגעלאָזט אין אַזאַ עסק. נישט חלילה דערפאַר וואָס עס וואָלט אים נישט אָנגעאַנגען, ווען ער וואָלט געזען שלאָגן אַ יידישן שילער, נאָר פּשוט דערפאַר, וואָס ער, ווי זיין עלטערער ברודער וואַצלאַוו, — האָט זיך שטענדיק באַמיט אויסצוהיטן זיך ס׳זאָל אויף אים נישט פאַלן דער מינדסטער חשד וועגן זיין שייכות מיט יידן. די גרויסע ענדערונג ביי יוליאַנען איז ערשט געקומען נאָכדעם ווי זיין שוועסטער אַניעלאַ, האָט יעדעס מאָל ווען זי פלעגט צופעליק בלייבן מיט אים אַליין אין שטוב — אויפגעקלערט אים אַ סך זאַכן וועגן וועלכע יוליאַן האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרטראַכט און נישט געהאַט וועגן זיי קיין שום אנונג... צום שטאַרקסטן און צום איבערצייגנדיקסטן האָט אויף אים געווירקט דאָס, וואָס זיין שוועסטער האָט אים דערציילט: אַז

געפינענדיק זיך צופעליק אין א גאַסן־געדראַנג בעת אַ דעמאָנסטראַציע פון רעכטע פּאַטריאָטישע סטודענטן, האָט אַ כוליגאַן מיט אַקאַדעמישער בילדונג, מיטן אויסרוף „ווי לאַנג נאָך, וועסטו זשידוווּאָ, פּאַרפּעסטן די פּוילישע ערד״! — דערלאַנגט איר א פּאַטש אין פּנים אַריין...

נאָך די צוויי באקומענע קלעפּ — די געשיכטע מיט אַניעלאַן און די געשיכטע מיט יוליאַנען — איז לוציאַן באהערשט געוואָרן פון ספקות, וואָס האָבן אים אַריינגעברענגט אין אַ צעטראָגנקייט... און דאָ — אַ פרישער אומגעריכטער קלאַפּ. דאָס מאָל פון אַ גאַנץ אנדערער זייט.

אַהיימגעקומען אין אַן אָוונט פון גאַס, האָט ער צו זיין גרויס פאַר־ווונדערונג באַמערקט צווישן דער אָנגעקומענער פּאָסט, אַ בלאָען קאָנווערט, פון דער בוי־געזעלשאַפט „ספּולקאַ״, צו וועלכער ער האָט אָנגעהערט. זיין פאַרווונדערונג האָט זיך געגומען דערפון, וואָס ער איז ווי יעדן טאָג, אויך היינט געווען שוין דאָרט עטלעכע מאָל — טאָ צו וואָס און ווען, פּלוצלינג א בריוו ?!

מיט אַ געפיל פון אומרו און פאַרדאַכט, האָט ער אויפגעשניטן דעם קאָנווערט. דער פאַרדאַכט איז נישט געווען קיין אומזיסטער: אָן וועלכע ס׳איז פריערדיקע טענות קעגן אים, האָט די פאַרוואַלטונג פון דער „ספּולקאַ״ צוגעשיקט אים א קורצע לאַקאָנישע מעלדונג, אין וועלכער זי איז אים מודיע, אז היות די „ספּולקאַ״ איז א ריין־פּוילישע בוי־געזעלשאַפט, קאָן ער, לוציאַן יעלינסקי, ווייטער נישט בלייבן אין איר...

נאָכן דאָזיקן בריוו איז לוציאַן אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. זי האָט זיך געצויגן פאַר אים ווי אַן אייביקייט. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן אין דער נאַכט־פינצטערניש און געפּרווּט צו מאַכן אַ חשבון־הנפש. מאַטערנ־דיק זיך אַזוי ביז אַ שטיק אין דער טיפער נאַכט אַריין, האָט לוציאַן יעלינסקי מיטאמאָל דערפילט א פּוסטקייט אַרום זיך... און א ביטערקייט אויף זיך אַליין האָט אים א שפּאַר־געטאָן צום האַרצן...

ס׳זענען געקומען שווערע טעג. אַנטוישונג און חרטה האָבן לוציאַנען געגריזשעט און פאַרצערט. עס האָט זיך אים, מיטאַמאָל, געגומען אויס־דאַכטן, אַז די שכנים פונעם הויף; די מענטשן פון דער אריסטאָקראַטי־שער מאָניושקי־גאַס און די פריינט און באַקאַנטע ביי א „האַלבער שוואַר־צער״ אין דער „זשעמיאַנסקאַ״ — באַגעגענען אים מיט אַ פאַרבאָרגן

שמייכעלע, וואָס האָט געדאַרפט באַדייטן: „אומזיסט — ייִד, מיר זעען דיך דורך־און־דורך... אַ סך טיפער פון דער אויבערשטער הויט״...

לוציאַן האָט גענומען אַרומגיין מיט אַ געפיל, אַז מען הייבט אים אָן אויסמיידן. אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס ריכטיק געווען. זיין געפיל האָט אים נישט גענאַרט.

געציילטע וואָכן נאָכן אויסשליסן אים פון דער „ספּולקאַ״, האָט זיך ביים אינזשיניער, נישט נאָר געביטן זיין געדאַנקנגאַנג, נאָר אויך זיין אויסער־לעכער אויסזען. ס'איז מיטאַמאָל פון אים אָפּגעטראָטן די ראָזלעכע פאַרב פונעם פּנים. די שטענדיק אָפענע אויגן זיינע, זענען הינטער די האַלבע אויגן־גלעזער געוואָרן מאַטלעך, האַלב־פאַרזשמורעט און ייִדישלעך אומרואיק... נאָך אַ סך יאָרן — איז לוציאַן אין די לעצטע וואָכן שוין עטלעכע מאָל געווען ביים דאָקטאָר. ס'מעסטל איז נאָך אָבער נישט גענוג פול געווען...

געווען איז עס אַ וואָך פאַרן ענדיקן זיך פון די זומער־וואַקאַציעס און פאַרן אָנהייב פונעם נייעם לערן־יאָר אין אוניווערסיטעט. ווי ס'האָט לעצטנס אָפט פּאַסירט, — זינט ער איז באַזייטיקט געוואָרן פון דער „ספּולקאַ״ און אָנגעהויבן דיספּאָנירן מיט מער פרייער צייט — איז אויך אין דעם טאָג לוציאַן אַהיימגעקומען פון גאַס און, נישט ווי ס'איז געווען זיין געוווינהייט — צו פאַרמאַכן זיך אין זיין אַרבעטצימער און צו זיצן איבער דער „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ״ אָדער „זשעטשפּאָספּאָליטאַ״ און לסוף, צו פאַרזינקען אין אומעטיקע נאָכטראַכטעניש — האָט ער דאָס מאָל אַרומ־געשפּאַנט פון איין צימער אין צווייטן און אין יעדן פון זיי, ווי זיין פוס וואָלט נאָך דאָ קיינמאָל די שוועל נישט אַריבערגעטראָטן — מיט גרויס אינטערעס באַטראַכט יעדן קעגנשטאַנד, יעדע קלייניקייט.

פאַרבייגייענדיק פאַר דער אָפּגעשפּאַרטער טיר פונעם צימער וואָס האָט געהערט צו זיינעביידע זין, האָט ער באַמערקט ליגן אויפן בעט פון זיין עלטערן זון וואַצלאַוון, זיין אָקטנטאַש, און דערנעבן עטלעכע פּאַפּירן און קאָנווערטן. ס'האָט אויסגעזען ווי וואַצלאַוו וואָלט עס אין גרויס אײַלעניש פאַרגעסן צוריק אַריינצולייגן, אָדער אַרויסנעמענדיק — פאַרגעסן אַוועק־צולייגן.

ווען לוציאַן האָט זיך שוין געפונען אויף דער שוועל פון זיין קאַבינעט, איז אים מיטאַמאָל געקומען אויפן געדאַנק צו כאַפּן אַ בליק וואָס פאַראַ פּאַפּירן און בריוו, זיין זון האָט עס פאַרגעסן. ער האָט זיך אומגעקערט און באַמערקט אויף איינעם פון די קאָנווערטן דעם נאָמען הענריקאַ

גזשעגאָלסקאָ. ס׳האָט אים אָנגעכאַפּט אַ נייגער אַ קוק־צו־טאָן, וואָס אַזוינס שרייבט דאָס פּוילישע מיידל, די איינציקע טאָכטער פונעם פאַרמעגלעכן געשעפט־אייגנטימער פון „פּאָלסקאָ וועלנאָ" — צו זיין וואַצלאַוון. אויפ־הייבנדיק דעם קאָנווערט, איז זיין בליק געפאַלן אויף אַן אַמטלעכן דאָקומענט אויף וועלכן ס׳האָט מיט א העל־בלאָען דרוק זיך אויסגעטיילט אַ קרייץ מיטן געקרייציקטן... געווען איז עס אַן אמטלעכער טויף־שיין ארויסגעגעבן דעם צוואַנציקסטן אין חודש ליפּיעץ (יולי), אין יאָר 1939, דעם בירגער וואַצלאַוו יעלינסקי, דעם זון פון צעלינאַ און לוציאַן יעלינסקי...

צוויי וואָכן שפּעטער, נאָכן צוזאמענברוך צוליב וואַצלאַווס טויף־שיין, איז דער אינזשיניער לוציאַן יעלינסקי געוואָרן באַזייטיקט אויך פון די רעגירונגס־אַרבעטן — צוליב א נישט־וויכטיקן פעלער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון זיינס אַן אונטערגעאָרדנטן.

נאָך אַ געוויסער צייט אַרומדרייען זיך אָן צו טראַכטן וועגן איינאָרדענען זיך אויף אַן אַנדער אופן, איז לוציאַן, נאָך עטלעכע וויזיטן ביי אַ נעוראָלאָג — אָפּגעפאָרן אויף עטלעכע וואָכן אין אַ פּריוואטער סאַנאַטאָריע קיין זאַלעשטשיקי... לאַנג איז לוציאַנען נישט אויסגעקומען צו געניסן פון דער גוטער לופט און פון דער פּרעכטיקער לאַנדשאַפט פונעם קוראָרט זאַלעש־טשיקי, ווו ער האָט געהאָפט צו באַרואיקן זיינע צעדריוולטע נערוון.

אַ קורצע צייט נאָך זיין באַזעצן זיך אין דער סאַנאַטאָריע, האָט אַ מלחמה־פייער — וואָס האָט זיך שפּעטער פונאַנדערגעשפּרייט איבער אַ וועלט אַ גאַנצער — אַרומגעכאַפּט פּוילן.

שוין אויפן וועג אַהיים, נאָכן איבעררייסן די קוראַציע, האָט לוציאַן אָנגעטראָפן אויף די ערשטע מלחמה־בילדער, אויף די ערשטע שרפות, וועמענס פלאַמען ס׳האָבן פון דערפער, שטעט און שטעטלעך, זיך געטראָגן צום הימל.

ווען ער האָט אַ דערשעפּטער און צעטראָגענער פון זיין שווערן וועג אַהיים, געעפנט די טיר פון זיין וווינונג, האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער סירענע־געוואָי פונעם לופט־אָנגריף־אַלאַרם. אין שטוב האָבן זיך גראָד געפונעןביידע זין, וואַצלאַוו און יוליאַן. בלאַסע און צעטראָגענע, אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן, האָבן טאַטע און זין זיך באַגריסט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און מיט אַ האַנטדרוק. אויף דער ערשטער פראַגע פון די זין, צי ער וועט מיט זיי אַראָפּגיין אין קעלער אַריין, האָט לוציאַן געענטפערט מיט אַ גלייכגילטיקן מאַך מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט זאָגן:

וואָס פּאַראַ ווערט האָט עס !... גלייכגילטיק, האָט ער אויך אויפגענומען וואַצלאַווס מודיע־זיין, אַז דאָס שטובמיידל סטעפּקאַ, איז מיט עטלעכע שעה צוריק אהיימגעפאָרן צו אירע עלטערן אין דאָרף און געבעטן איר אָפּשיקן דורך פּאָסט, דעם געהאַלט פאַר צוויי חדשים. וואַצלאַוו האָט אים אויך מודיע געווען אַז ער גייט מאָרגן אַוועק מיט אַ גרופּע סטודענטן, אין מיליטער. צו דער דאָזיקער ידיעה איז דער אינזשיניער לוציאַן גאָרנישט געווען גלייכגילטיק. נאָר וואָס האָט ער אים געקאָנט דערויף ענטפערן ? ער איז געבליבן שטיין אַ פארזאָרגטער און, שווייגנדיק — זייטיק באַטראַכט זיין עלטערן זון.

— דו ווייסט, טאַטע — האָט דער יונגערער ברודער, יוליאַן, ארויסגענומען לוציאַנען פון זיין שווערער מחשבה... — היינט גאַנץ פרי איז דאָ געווען אַניעלא געוואָר־ווערן וואָס דו מאכסט און וואָס עס הערט זיך אין שטוב — זי האָט צוגעזאָגט מאָרגן ווידער צו קומען, אפשר וועט זי דיך טרעפן.

לוציאַן האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו זיין יונגערן זון. פון דער דאָזיקער ידיעה, האָט זיין פּנים ווי אויפגעלעבט. זיין פארטראַגענער בליק איז פארצויגן געוואָרן מיט א פינקלדיקער פייכטקייט... און ער האָט אין איין אָטעם איבערגעפרעגט : — טאַקע ?! וואָס זאָגסטו ?! זייער גוט ! זייער גוט !

ווידער האָט זיך דערהערט דער אימהדיקער לופט־אַפּווער־אַלאַרם, און קורץ דערנאָך, דעטאָנאַציעס פון ערגעץ־געפאַלענע באָמבעס.

פאַרניכטעט און פארשטומט איז געלעגן דער פּוילישער לופט־אַפּווער. פריי זענען געווען די הימלען, פאר די טרעגער פון טויט און פארניכטונג.

לוציאַן יעלינסקי האָט איינמאַל, בעת אַ שאַרפער אַרטילעריע־באָמבאַרדירונג — געטריבן פון אַן אינערלעכן דראנג, זיך געלאָזט גיין פון זיין וווינונג אין דער ריכטונג צו דער יידישער געגנט פון וואַרשע — צום הויז, ווו ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן. לאַנגדיק זיך האָרט ביי די מויערן, האָט לוציאַן זיך געשאַרט דורך אומוועגן און זייטיקע געסלעך, וואָס זענען געווען פאַרשאָטן מיט ציגל, האָלץ, אייזן און גלאָז. ווי א לונאַטיקער, האָט ער זיך געשלייכט דורך די אויסגעליידיקטע גאַסן, איבער וועלכע, ס'האָט זיך געטראָגן אַ שווערער שטיקנדיקער טשאַד פון אויסגעגאַנגענע אָדער נאָך טליענדיקע שריפות, און אַן איבלדיקער ריח פון נישט־טיף־פאַרשאָטענע מתים...

נישט ווייסנדיק אַליין, ווי אזוי און דורך וואַנען — האָט זיך לוציאַן דערזען ביים שפּיטאָל פון די קאַרמעליטן אויף דער קאַרמעליצקע גאַס.

ווּ ס׳איז אים אויסגעקומען אריבערצושפּרינגען א מת, וואָס איז געלעגן פאר זיינע פיס, אין דער ברייט פונעם שמאָלן טראָטואַר. נאָכן אָפּגיין אַ צען טריט, האָט לוציאַנען ווי מיט אַ מאַגנעט אַ צי־געטאָן אויף צוריק — נאָכאַמאָל א קוק־צו־טאָן אויפן געהרגעטן. ער האָט זיך האסטיק אויסגעדרייט, צוגעגאַנגען און געבליבן שטיין א פארגליווערטער:

דער שווער־לייביקער מענטש מיט באָרד און פאות, אָנגעטאָן אין א גראָער קאַפּאָטע — נעבן וועלכן ס׳איז געלעגן א שטעקל און א קליין טוכן היטעלע, — איז אים זייער, זייער קענטלעך געווען... לוציאַן האָט זיך איבער אים אָנגעבויגן, זיך גוט אין אים איינגעקוקט, מיטאַמאָל זיך א וואַקל־געטאָן און, צופאַלנדיק צום מת — גענומען קלאַפּן זיך מיטביידע הענט אין קאָפּ און צו שרייען מיט נישט זיין קול: יואל־הערש! ברודער מיינער! יואל־הערש!

שלעפּנדיק קוים די פיס אונטער זיך, איז לוציאַן פאַרנאַכט ערשט צוגעקומען צו אַ באַרג פון ברוכוואַרג, וואָס איז געבליבן פון זייער הויז — דאָס אָרט ווּ ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן...

25

וואַרשע, די פוילישע הויפּטשטאָט, האָט קאַפּיטולירט. פּוילן איז צעטראָטן געוואָרן אונטערן דייטשן שטיוול. צום טיפסטן האָבן זיך די בלוטיקע שפּאָנעס פונעם „שוואַרצן אָדלער" איינגעשניטן אינעם גוף פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד.

מיט יעדן טאָג און מיט יעדע שעה, איז אַלץ הפקרדיקער געוואָרן דאָס יידישע לעבן און יידיש האָב־און־גוטס. ווער ס׳האָט נאָר געקאָנט, איז באַצייטנס אַוועק און דורך פאַרשידענע וועגן וואָס זענען פול געווען מיט אַנטלויפנדיקע יידן — זיך געריסן צו דער סאָוויעטישער גרענעץ. אויך לוציאַנס יונגערער זון יוליאַן און זיין טאָכטער אַניעלאַ מיט איר יינגל — א צושניידער פון מענער־וועש — האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין צום „נייטראַלן פּאַס", אויף אַריבערצובאַקומען זיך אויף דער סאָוויעטישער זייט. לוציאַן אַליין האָט זיי צוגערעדט זיי זאָלן פאַרלאָזן פּוילן און זיי געהאָלפן אויסבאַהאַלטן אין די קליידער געלט און אַביסל צירונג, אויף אַרויסצוהעלפן זיך אין א שווערער שעה...

וויפל די קינדער האָבן מיט אים נישט איינגעטענהט, אַז ער דאַרף פאָרן צוזאַמען מיט זיי, האָט ער זיך נישט געלאָזט איבעררעדן. בלויז פאַר

איך יוגנטלעכע — האָט ער געטענהט — איז אַ געפּאַר דאָ צו בלייבן. עס וועט אויך לאַנג נישט אַנהאַלטן — די וועלט וועט עס נישט דערלאָזן!

אָפּגעגעסן דעם לעצטן נאַכטמאָל צוזאַמען מיט די קינדער, האָט ער צומאָרגנס גאַנץ פרי, אַן אויסגעבלייכטער, מיט רויטלעכע אָנגעשוואָלענע אויגן פון דער שלאָפלאָזער נאַכט... זיך געזעגנט מיט זיי אין פּאָדער־צימער און אַרויסגעשטאַמלט בלויז עטלעכע קורצע ווערטער: זייט מצליח קינדער!

אין דער רייך־מעבלירטער פינף־צימערדיקער וווינונג, אויף דער מאַניושקי, איז לוציאַן געבליבן איינער אַליין. כמעט גאַנצע טעג, איז ער געזעסן אין זיין קאַבינעט פאַרשוווּמען אין געדאַנקען און אין זכרונות נאָך די קינדערס אַוועקפאָרן. אַראָפּגעגאַנגען אין גאַס איז ער זייער ווייניק און דאָס — נאָר אויף צו שאַפן זיך שפּייז פון וועלכע ער האָט אַליין געקאָכט פאַר זיך — כאָטש אין געוויסע קאַפע־הייזער און רעסטאָראַנען, האָט מען נאָך געקאָנט באַקומען עפּעס אָפּצועסן. ער האָט אויך אויפגעהערט אָנצו־ציגדן דאָס ליכט אין שטוב; געזעסן אין די אָוונטן אין דער פינצטער; געוואָרן אויף זיך אָפּגעלאָזן און אויסגעמאָגערט אַזוי, אַז אַלע זיינע אַמאָליקע מלבושים זענען איצט אַראָפּגעהאָנגען פון אים און אויסגעזען ווי נישט זיינע...

געשען איז עס אַ צוויי וואָכן נאָך דעם, ווי זיין יוליאַן און אַניעלאַ האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. דער טאָג איז געווען אַ טרוקענער, אַ גאָלדיק־האַרבסטיקער.

ווי אין יעדן טאָג אין דער זעלבער צייט, איז לוציאַן אַראָפּגעגאַנגען אין גאַס צו דער נאָענטסטער „סקלאַדניצע" (קאָאָפּעראַטיווע פּאַרקויף־שטעלע). צוקומענדיק צו דער „סקלאַדניצע", האָט ער גלייך מיט אַלע פאַרנומען אַן אָרט אין דער לאַנגער מענטשן־ריי, ווו ס'האָט געהאַלטן אָרדענונג אַ באַהעלמטער דייטש מיט אַ קורצן אויטאָמאַט אונטערן אָרעם.

דער באַוואָפנטער דייטש איז מיט שטייפע טריט געגאַנגען אַהין און צוריק לענגאויס דער ריי און אין יעדן פון די שטייענדיקע אַריינגעשפּיזט זיינע אויגן און מיטאַמאָל אַרויסגעבּרילט:

„זינד היער יודן פאַרהאַן?!

איינער האָט אָנגעקוקט דעם צווייטן, און געהויבן מיט די אַקסלען, נאָר אַ יונגער פּאָליאַק האָט אויפגעהויבן אין דער הויך זיין האַנט און אָנגעוויזן אויף לוציאַנען: „יאַ, יודע"!

לוציאַן איז אויפגעציטערט געוואָרן: — דער אַנווייזער איז געווען דער עלטסטער זון פונעם הויף־שכן, וואָס אַנטקעגן זיינע פענצטער: אַ מענטש מיט אַקאַדעמישער בילדונג, אַן אייגנטימער פון אַ גרויס געשעפט פון שרייבגעצייג; אַ מענטש מיט וועמען ער האָט זיך טאָג־טעגלעך פריינטלעך באַגריסט און אָפט געווען זיין קונה.

— הערראָוסטרעטען! — האָט ער ווידער אַ בריל־געטאָן צו לוציאַנען.

אַ בלאַסער איז לוציאַן אַרויס פון דער ריי און שטיין־געבליבן פאַרן דייטש.

— וואָס קוואַטשסטו, מענטש! — האָט דער דייטש זיך געווענדעט צום יונגן פאָליאַק, וואָס איז געשטאַנען און צופרידן געשמייכלט — דאָס איסט איין יודע?! מיט זאָ איין שנאָוצע?!...

אַ סך פון די, וואָס זענען געשטאַנען אין דער ריי האָבן נישט געוווּסט, ווי זיי זאָלן אויפנעמען אָט די „שפּיל"...

זיי האָבן געצווייפלט צי מען קאָן מיט אַזאַ הונדערט־פּראָצענטיקן פּוילישן אויסזען, זיין אַ ייד... און עטלעכע איינוווינער פון דער מאָניושקי, וואָס האָבן אים געקענט אַלס פאָליאַק, האָבן אין איין שטים אויסגערופן:

— וואָס פאַראַ יודע?! ס'איז דאָך דער אינזשיניער לוציאַן יעלינסקי!

אָבער דער אַנווייזער האָט זיך איינגעקשנט; אַריינגעשמייכלט דעם אינזשיניער אין די אויגן אַריין, און ווידער באַשטעטיקט: „יאָ, יודע"!

אין דער ריי האָבן זיך אויך געהויבן פּויסטן קעגן דעם מוסר: מנובל דו! יודאַש! — מיט די יידן הייבט זיך עס אָן, אָבער ענדיקן וועט זיך מיט אונדז!...

צו אַלעמענס איבעראַשונג האָט לוציאַן מיטאַמאָל זיך אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצער הייך און, נישט וואַרטנדיק דער דייטש זאָל אים פרעגן — אַ זאָג־געטאָן מיט איין אָטעם:

— יאָ, „דיזער" האָט רעכט! איין יודע! ליזער יעלניק!

ס'האָבן אָפּגעקלונגען צוויי הילכיקע פּעטש — באַגלייט פון אַ חיהש רעוען: לאַוזיקער יודע! מאַך דאָס דו וועק קאָמסט!

די איינוווינער פונעם הויז ווו ליזער יעלניק האָט געוווינט, האָבן שוין מיט אַ צייט פריער, פאַר דער געשיכטע ביי דער „סקלאַדניצע", געוווּסט, אַז דער אינזשיניער לוציאַן יעלינסקי איז אַ ייד. איצט ווען די

דייטשן האָבן באַשטימט שוין אין וועלכע גאַסן די יידן דאַרפן וווינען, האָבן צווישן די איינוווינער, וואָס האָבן געהאַט קלענערע דירות, זיך גלייך געפונען בעלנים אויף דעם יידס דירה... און ס׳האָבן זיך אויך גלייך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך שוין געגרייט, פאַר שיטער געלט, אָפּצוקויפן ביים ייד, זיין רייכע אויסמעבלירונג.

דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ מעקלער, איז לייזערקע אַריבער וווינען אין אַ קליין לעצט צימערל ביי אַ פאַמיליע מיט אַ סך קינדער, אויף זאַמענהאָף. פון זיין וווינונג אויף דער מאַניושקי, האָט ער בלויז מיטגע־נומען מיט זיך דאָס, וואָס ער איז אימשטאַנד־געווען צו נעמען מיט זיך אין עטלעכע גענג. אויפן רייכן מעבל זענען טאָג־טעגלעך געקומען קונים פונעם זעלבן הויז, וואָס האָבן מיט געמאַכטן באַדויער, אים פאַרגעשלאָגן „אַרויסצוהעלפן" און... אָפּקויפן זיין מעבל, ווייל... ס׳וועט סוף כל סוף אַריינפאַלן צו די דייטשן אין די הענט — איז שוין גלייכער ס׳זאָל אַריינ־פאַלן צו אַן „אייגענעם", אַ פּאָליאַק...

לייזער יעלניק, איז אָבער נישט געלאָפן אויף זייערע גראַשנס. ער האָט יעדן באַזונדער פון די רעפלעקטאַנטן אויף זיין רייכער אויסמעבלירונג, געהייסן קומען אין עטלעכע טעג אַרום.

אינעם לעצטן אָוונט, ווען ער האָט געדאַרפט אויף צומאָרגנס גאַנץ פרי אָוועקטראָגן די לעצטע צוויי וואַליזקעס אין זיין נייער וווינונג, האָט ער אַזוי באַאַרבעט דאָס מעבל מיטן קלאָוויר, אַז ס׳זאָל מער נישט ווערט זיין ווי האָלץ אויף דער וואָג — זאָלן די כלבים זיך רייסן ביי די מאָרדעס, און זאָלן זיי זען, אַז דער ייד איז נישט אַזוי גייציק אויף זייערע גראַשנס, ווי זיי — אויף רויב.

אין אַ שפּעטן האַרבסטיק־פאַרכמורעטן צווישן נאַכט און טאָג, האָבן לייזערקע און ליבעלע מיט איר זון און טאָכטער, אַלע אָנגעטאָן אין ווינטערדיקע פויערישע קליידער, זיך געשלעפּט אויף אַ פויעריש פורל אַרויס פון דער אומרואיקער דרעמלענדיקער שטאָט וואַרשע — אַלע פיר, וועמען איין און־דער־זעלבער גורל האָט אָפּגעזוכט און צונויפגעפירט — זענען זיי מיט בלאַס־פאַרבלויטע פנימער געזעסן אויפן ביסל בויטיקסטן האָב־און־גוטס און — אָנגעשטרענגט געשוויגן.

צוגעקומען צו דער קערבעדזשער בריק, וואָס איבער דער ווייסל

צווישן וואַרשע און פּראַגע, האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ ריטש פון אַ ביר־שטים:

„האַלט! שטיינבליבן"! און אַ רונדיק פייערל פון אַ טאַשנלעמפל, האָט געגומען שפרינגען פון איין פנים אויפן אַנדערן. ביי ליבעלען איז שיער דאָס האַרץ אַרויסגעשפרונגען פון פחד און, די ציין אירע, האָבן הינטער די פאַרפרעסטע ליפן אָנגעהויבן קלאַפּן... לייזערקע, וואָס האָט זי ווי „זיין פרוי" געהאַלטן אונטערן אָרעם, האָט אָנגענומען אַ מינע, ווי נישט זיי מיינט מען... נאָר אויפן בריל פון איינעם פון די צוויי באַוואָפנטע דייטשן: „זינד היער יודן פאַרהאַן"?! — האָט זיך אויפן פורל אָפּגערופן אַ שטים פון אַ זייטיקן פּאַסאַזשיר, אַן עלטער פּאָליאַק: „ניע יודע! ניע יודע"! — און ביידע זשאַנדאַרמען האָבן זיך אָפּגעטראָגן.

דער ענטפער „ניע יודע" איז געקומען פון אַ הויזוועכטער, וואָס איז געפאָרן מיטן ווייב צו די קינדער זיינע, קיין טשיזשעוו.

דאָס פאָרן פון דער צווייטער זייט גרענעץ ביז ביאַליסטאָק, איז אַלעמען אָנגעקומען אַ סך שווערער, ווי דאָס פאָרן פון וואַרשע ביז איבער דער סאָוויעטישער גרענעץ. ס'איז פשוט נישט מעגלעך געווען צו באַקומען אַ פורל, וואָס זאָל זיי פונעם שטעטל זאַראַמב — צופירן ביז טשיזשעוו, פונוואַנען זיי האָבן געזאָלט מיט דער באַן אָפּפאָרן קיין ביאַליסטאָק. ענדלעך האָבן זיי, צוזאַמען מיט אַנדערע וואַנדערנדיקע יידן, אָנגעטראָפן אויף אַ פריי פורל, וואָס האָט אָבער נישט געקאָנט אַלעמען אַרויפנעמען — האָט מען אויף אים אַרויפגעלייגט זעקלעך און פעקלעך און — נאָכגעגאַנגען צופוס פון הינטן, ווי נאָך אַ בר־מינן...

אָנגעקומען צו דער טשיזשעווער באַן־סטאַציע, האָבן זיי געמוזט מוותר זיין אויף די צוויי צוגן מיט וועלכע ס'איז אוממעגלעך געווען זיך מיטצו־כאַפּן. מענטשן זענען געשטאַנען אויף וואַגאָן־טרעפּלעך, געקלעטערט אויף די דעכער און געזעסן אויף די בופאָרן. ערשט ווען ס'האָט אָנגעהויבן צופאַלן דער אָוונט, זענען לייזערקע און ליבעלע מיט די קינדער אָנגע־קומען קיין ביאַליסטאָק. דאָרט האָבן זיי ביי די פאַרבייגייער זיך נאָכגע־פרעגט ווו ס'געפינט זיך די יידישע געגנט.

— די גאַנצע שטאָט איז היינט אַ יידישע — האָט מען זיי געענטפערט.

הונגעריקע און אויסגעמאַטערטע זענען זיי אַריין אין דער ערשטער קאָוויאַרניע, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן אויפן וועג. דורך אַ צופאַל, האָט לייזערקע און ליבעלע מיט די קינדער, באַקומען אַ פריי טישל. די קאָוויאַרניע

איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. אין רעש און געפּילדער און אין אַ נעפּלדיק ליכט פון א געדיכטן סיגארעטן־רויך, האָבן זיך געהערט אָפּגע־ריסענע זאצן וועגן מסחרים מיט זלאָטעס און רובלעס, האַרטע און ווייכע, סאַכאַרין, זייגערלעך, רינגלעך און ענלעכס.

לייזערקע האָט זיך אָפּגערעדט מיט ליבעלען, אַז זיי זאָלן דאָ וואַרטן אויף אים און ער וועט צוגיין אויפן אַדרעס פון זיין גוטן באַקאַנטן, — דער אַרכיטעקט, ביי וועמען עס דאַרפן זיך געפינען זיין יוליאַן און אַניעלאַ. איך האָף — האָט ער צוגעגעבן — אַז מיט דער הילף פונעם אַרכיטעקטס רעקאָ־מענדאַציע, וועט זיך, מעגלעך, איינגעבן צו דינגען ערגעץ אַ צוויי צימער־לעך און קודם כל, — דורכשלאָפן ביי אים די נאַכט. ווען ער איז אַרויס אין גאַס, איז שוין אינדרויסן געווען פולער אָונט. ס׳האָבן שוין געברענט די עלעקטרישע גאַסן־לאָמפּן און די באַוועגונג אויף די טראָטואַרן איז געווען א לעבהאַפטע. מיט גרויס מי האָט ער זיך געמוזט מאַכן אַ וועג צווישן די שטראָמען מענטשן.

אַדיינגעקומען אין דער וווינונג פון זיין גוט־באַקאַנטן אַרכיטעקט, האָט לייזערקע אינעם ערשטן מאָמענט געמיינט, אַז ער איז צוליב אַ טעות אַריינגעפּאַלן אין אַן אכסניה אָדער אַריינפאָר־הויז. פונעם פאָדערצימער ביזן לעצטן צימער פון דער וווינונג, איז יעדער ווינקל און יעדעס אָרט, געווען אָנגעשטעלט און אָנגעוואָרפן מיט רוקזעק, קישלעך, וואַליזעס, פּעק מיט בעטגעוואַנט און — פול מיט טומל און געפּילדער פון נישט־זשעני־רטע קולות פון מענער און קינדער.

דערזען לייזערקען, איז אים דעם אַרכיטעקטס פרוי אנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ צעטראָגן פּנים און פאַרבראָכענע פינגער און, אַנשטאָט צו ענטפערן אויף זיין באַגריסונג און אויף זיין אויסגעשטרעקטער האַנט, האָט זי אים אָנגענומען הינטערן אָרעם און, אָנווייזנדיק מיטן קאָפּ וואָס עס טוט זיך אין איר צימער — געזאָגט אין פאַרלעגנהייט:

— וואָס זאָגט איר נישט צו דעם גיהנום, הער יעלינסקי? וואָס קאָן מען טאָן?... איר זעט — אַלץ נאָענטע קרובים וואָס האָבן זיך אַרויסגע־כאַפּט פונעם בראַנד אויף יענער זייט. ס׳איז זיי פּשוט נישטאָ ווו אהינצוטאָן, קיין פרייער שפּאַן נישט געבליבן. איר הערט, מיין לודוויג איז שוין אויס מענטש — אַליין היינט אַוועקגעגאַנגען שלאָפן צו אַ פריינט, ער מוז — זאָגט ער — כאָטש איין אָונט זיך אויסרוען דעם קאָפּ...

לייזערקע איז געשטאַנען ווי א געליימטער, אָן ארויסצוברענגען פון זיך אַ וואָרט.

— יאָ, — האָט זיך די פרוי אָן עפּעס דערמאָנט — כ׳האָב אייך איבער־צוגעבן א בריוול פון אייערע קינדער. זיי געפינען זיך איצט אינעם דאַטשע־אָרט אַגראַדניטשקי, וואָס איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צייטווייליקן אויפהאַלט־פּונקט ספּעציעל פאַר די יידישע „ביעזשענצעס" (פּליכטלינגען) פון פּוילן — איר קאָנט צופאָרן מיטן אויטאָבוס — אירט נישט האָבן קיין סך צוצוגיין.

אַריינגעלייגט דאָס בריוול מיטן אדרעס פון די קינדער, אין טאַש אריין, האָט לייזערקע אייליק פאַרלאָזט די וווינונג.

ווען ער איז א בלאַסער איבערגעטרעטן די שוועל פון דער נאָך טומל־דיקער קאַוויאַרניע, האָבן די ווייזער איבערן בופעט, געוויזן האַלב צען.

אַ נידערגעשלאָגענער, האָט לייזערקע מיט א געבראָכענער שטים איבערגעגעבן פאַר ליבעלען און די קינדער, ווי די לאַגע זעט אויס.

— וואָס וועלן מיר דאָ זיצן מאַמע? — האָט ליבעלעס זון, גבריאל, איבערגעריסן דאָס פיינלעכע שוויגן נאָך לייזערקעס „באַריכט", — איצט קאָן מען נאָך אפשר געפינען אַן אָרט ווו איבערצוקומען די נאַכט, וואָס שפּעטער, וועט עס אַלץ שווערער זיין.

אַרויסגעקומען אויף דער גאַס, זענען זיי באַגעגנט געוואָרן פון שפּעט־האַרבסטיקן דראָבנעם רעגן. אויף די טראָטואַרן האָבן זיך געזען בלויז איינצעלנע טונקעלע, ערגעץ אַוועקאיילנדיקע געשטאַלטן. אָפּגייענדיק ביי אַ צען הייזער ווייטער פון דער קאַוויאַרניע, זענען אַלע פיר — האַלטנדיק זיך איינער הינטערן צווייטן, האַרט ביי די מויערן — אַריין אין א טויער, איבערצוואַרטן דעם רעגן, וואָס האָט פון מינוט צו מינוט גענומען זיך שטאַרקן.

ווי זיי זענען געשטאַנען אַזוי צוגעטוליעט צו דער וואַנט, האָט זיך ערגעץ פון אַ זייט געעפנט אַ טיר און אַ ייד אין אַ קאַפּאָטע און מיט אַ ברייטער צעפלאָסענער באָרד, האָט דערזעענדיק זיי, באַלאָדענע מיט רוק־זעק און וואַליזקעס — אויף דער גיך אַ פרעג־געטאָן: „ביעזשענצעס"? — און אײדער ס׳האָט ווער באַוויזן צו ענטפערן, האָט ער אַ רוף געטאָן: — טאָ וואָס שטייט איר דאָ, יידן? גייט אַריין אין שול אַריין — ס׳וועט זיך אויך פאַר אייך געפינען אַ שטיקל אָרט!

לייזערקע האָט זיך איבערגעקוקט מיט ליבעלען, און בלומטשע, —

ליבעלעס יונגערע טאָכטער — האָט ציטערנדיק פון קעלט און מידקייט, זיך אָנגערופן:

— וואָס איז דאָ אַ סך צו טראַכטן מאַמע, אויך דו שטייסט דאָך שוין קוים אויף די פיס! — און זיך געלאָזט גיין די ערשטע, הינטערן ייד, צו דער טיר פון דער שול.

פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און געשטעלט די ערשטע טריט אינע־וויניק, אין דער שול — זענען אַלע פיר געבליבן מיט איינמאָל שטיין אומדעצידירט. ס'האָט זיי גלייך ביים אריינקומען אנטקעגנגעשלאָגן אַן איבל־דיקע געפּרעסטע לופט, פון וואָס ס'האָט זיי פארכאפּט דער אָטעם...

לייזערקע האָט אריבער די ברילן־גלעזער באַטראַכט מיט נייגעריקייט, דאָס מקום־מקלט, וואָס דאַרף זיי דינען נישט נאָר ווי אַן איינמאָליק נאַכט־לעגער, נאָר אויף איינלאָקירן זיך אין אים גלייך מיט אַלע אַרומיקע — אויף אַן אומבאשטימטער צייט: אויפן אויפגעהויבענעם באַלעמער צו וועלכן ס'האָבן אַרויפגעפירט עטלעכע ברייטע טרעפּ, און אַרום, האַרט ביי די ווענט פון שול, זענען הינטער אָפּגעטיילטע פאַרצויגענע יילעכער און קאָצן, געלעגן גאַנצע משפחות; פריילידיקע מענער און פרויען, זענען געלעגן יעדער איינער אויף אַ באַזונדערע באַנק. נישט ווייט פון באלעמער, נעבן אַ גרויסן איינגעהייצטן אייזערנעם אויוון ארום וועלכן ס'האָבן אויף הויך־פאַרצויגענע שטריקלעך זיך געטריקנט האַנטוכער, קינדער־וועש, ווינדעלעך, זאָקן און אָניצעס — זענען געזעסן אַ בינטל ווייבער און מענער און אינטענ־סיוו זיך געשויבערט און געזוכט מיט די פינגער איבערן קערפּער...

— ניין, פאַר קיין שום פאַל אין דער וועלט נישט! איך וויל בעסער קראַנק ווערן פון אַ פאַרקילונג אונטערן רעגן! האָט ליבעלע שטיל אַ זאָג־געטאָן צו לייזערקען און צו די קינדער — און צו דער גרויסער פאַר־וווּנדערונג פון די אַרומזיצנדיקע ביים אָנגעהייצטן אויוון — האָבן אַלע פיר זיך צוריק אַרויסגעשאַרט פון שול.

דער רעגן אינדרויסן האָט אַביסל נאָכגעלאָזט. ארומגעקוקט זיך איןביידע זייטן פון דער שוואַך־באַלויכטענער גאַס, אויף וועלכער ס'האָבן זיך בלויז דאָ און דאָרט געזען איינצלנע פאַרשפּעטיקטע דורכגייער, האָט לייזערקע באַמערקט שטיין אויף דער צווייטער זייט גאַס, מיט עטלעכע הייזער ווייטער, — אַ באַוואָפנטן מענטש מיט אַ נאַגאַן אין אַ ווייסער קאָבורע, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ ווייסן ברייטן רימען.

לייזערקע האָט זיך משער געווען, אַז דער באַוואָפנטער מאַן, וואָס איז

געשטאַנען אויף אַ טרעפּל אונטער א באלקאָן, ווו ער איז מער־ווייניק געשיצט געווען פונעם רעגן — דאַרף זיין אַ שטאָטישער מיליציאַנער.

אריבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט גאַס אין דער ריכטונג צום באַוואָפנטן מאַן, האָט ער זיך צו אים אין רוסיש געווענדעט מיט דער ביטע, צו זאָגן אים ווו ער וואָלט געקאָנט, פאַר גוט־באַצאָלט, איבער־נעכטיקן מיט נאָך דריי נאָענטע קרובים — כאָטש די איינע נאַכט, אָדער ער זאָל אים זאָגן, צי איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט נאָך היינט צו פאָרן קיין אַגראָדניטשקי, ווו ס׳גפינען זיך זיין זון און טאָכטער.

דער מיליציאַנער, וואָס נישט געקוקט אויף דער שוואַכער געלבלעך־נעפּלדיקער ליכט, האָט זיך בולט אויסגעשניטן מיט זיין טיפּיש־יידיש פּנים און יידישע אויגן, האָט זיך נענטער איינגעקוקט אין לייזערקען:

— וואָלט איר געווען א ייד, וואָלט איך אייך פאָרגעשלאָגן אַריינצוגיין מיט אייערע נאָענטע אין אַ שול, ווו מען קאָן איבערנעכטיקן.

— וואָס הייסט... — האָט אים לייזערקע נישט געלאָזט פאַרענדיקן — כ׳בין דאָך אַ ייד... כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט, אז כ׳האָב אין אַגראָדניטשקי א זון מיט א טאָכטער, און וואָס שייך אַ שול, זענען מיר שוין געווען — ס׳איז דאָרט אוממעגלעך!...

— שלעכט בירגער, וואָס איר האָט זיך איצט, אין אַזאַ שפּעטער שעה, געגומען אַרומזען. אפילו פאר גוט באַצאָלט, איז שווער צו געפינען ביי וועמען אַן אָרט. ביי יעדן ביאַליסטאָקער ייד איז אַן אָנפאָר פון קרובים פון „יענער זייט" און די וואָס וואָלטן שוין אפשר יאָ געקאָנט אָפּטיילן פאַר וועמען אַ שטיקל אָרט, האָבן מורא פאַר לייז, טיפוס־עפּידעמיע און גניבות... אָבער וואַרט נאָר אַ ווײלע — האָט זיך דער מיליציאַנער אַ כאַפּ־געטאָן, ווי ער וואָלט זיך אַן עפּעס דערמאָנט: יעדן אָוונט, געגוי אין אָט דער שעה — מעגלעך נאָך אַ פינף צען מינוט — פאָרן דאָ דורך מיליטערישע וועגע־נער וואָס נעמען כמעט שטענדיק מיט אויפן וועג „ביעזשענצעס" פון „זוויעזשיניעץ" און „אַגראָדניטשקי". — נו, וואָס שטייט איר נאָך? ברענגט שנעל אהער דאָ אונטערן באַלקאָן אייערע נאָענטע — כ׳וועל זיי אָפּשטעלן און זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר אײך.

ס׳איז געווען אַזוי ווי דער מיליציאַנער האָט געזאָגט. ס׳איז נישט אַדורך קיין צען מינוט, ווי ס׳זענען אָנגעפאָרן צוויי מיליטערישע וועגענער אויף וועלכע ס׳זענען אונטערן פוילן, דראָבנעם רעגן, געזעסן איינגעטוליעטע, עטלעכע מיידלעך און בחורים.

אויף דער אויפגעהויבענער האַנט פונעם מיליציאַנער, האָבן זיךביידע וועגענער אָפּגעשטעלט.

— זייט מיר מוחל „באַיצי״ — האָט זיך דער מיליציאַנער געווענדעט צו צוויי רויטארמייער פונעם ערשטן וואָגן — איר וואָלט אפשר באַוויליקט מיטנעמען אויף אייער וועג, ביז אַגראַדניטשקי, אַט די דורכגעפרוירענע און דורכגעווייקטע „ביעזשענצעס״, וועלכע זענען היינט אָנגעקומען פון דער פּוילישער זייט און האָבן נישט ווו איבערצונעכטיקן ?

— באָך ס'וואָמי, „רעביאטאַ״, אָ נו, וואַלאיטע, טאַלקאָ פּאַסקאָרעיע ! (גאָט איז מיט איך, קינדער, זעצט זיך אַריין, אָבער שנעלער !).

גרויס איז געווען די פרייד פון יוליאַנען און אַניעלאַן, בעתן אומגעריכטן אָנקומען פון זייער פאָטער. נישט קליין איז אויך געווען זייער צופרידנקייט מיט די אָפּגעפונענע נאָענטע קרובים, וועלכע זיי האָבן שוין ווייניק־וואָס פאַרגעדענקט פון דער צייט פון זייערע פריסטע קינדער־יאָרן, בעת זיי האָבן צוזאַמען געוווינט מיט זיי אין איין דירה.

שוין נאָך די ערשטע געציילטע טעג פונעם ווידער־באַקענען זיך פון די קוזינען און קוזינקעס, האָבן זיי זיך איינגעלעבט — אויף נישט מער זיי פונאַנדערצושיידן.

אַלע האָבן זיי איצט פאַרנומען אַ קליינע הילצערנע דאַטשע־וווינונג פון צוויי צימערלעך, וואָס זענען אָפּגעטיילט געווען דורך דיקטענע ווענטלעך. אינדרויסן האָט שוין גוט געפרירט און די קעלט האָט גענומען אַלץ שטאַרקער אַריינדרינגען אין די זומערדיקע הילצערנע שטיבלעך. טאָג־טעגלעך האָבן גבריאל מיט אַניעליאַן און יוליאַן מיט בלימטשען, לויט דער ריי, זיך אַרויסגעלאָזט אין וואַלד אַריין קלויבן גרויסע מענגעס שישקעס, אויף צו באַהייצן דאָס פון ציגל־אויפגעשטעלטע קעכל.

די ערשטע טעג נאָך זייער אָנקומען קיין אַגראַדניטשקי, האָבן ליבעלע און לייזערקע — ווי אַ סך אנדערע איבערגעלאָפענע אויף דער סאָוויעטישער זייט — געטראַכט איבערצוּוואַרטן אין ביאַליסטאָק די מלחמה, און ווי נאָר דאָס לעבן אין אָקופּירטן פּוילן וועט זיך אָנהייבן נאָרמאַליזירן — צוריק־פאָרן „אהיים״... לייזערקע האָט געהאַט דערצו גרעסערע שאַנסן פון אַנדערע. די סאָוויעטישע מאַכט אין ביאַליסטאָק איז אים גרייט געווען צו געבן באַשעפטיקונג אלס בוי־אינזשיניער דאָ אויפן אָרט, און אים צוגעזאָגט

געבן א וווינונג פאַר זיך מיט די קינדער. ער וואָלט דאַן געקאָנט — האָט ער איבערגעגעבן פאר ליבעלען — זיי אַלעמען אַריינעמען צו זיך, און אפשר שאַפן פאַר אירע און פאַר זיינע קינדער — אַ פּאַסיקע אַרבעט.

אָבער גאַנץ אַנדערש ווי לייזערקע און ליבעלע — האָבן געטראַכט זייערע קינדער. גבריאל און אַניעלאַ, האָבן זיך שאַרף אַנטקעגנגעשטעלט דעם דאָזיקן געדאַנק. זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי טראַכטן גאָרנישט וועגן דעם — אַז דאָס אָפּטע באַווייזן זיך דאָ פון די דייטשישע מיליטערלייט און דייטשישע מיליטערישע קאַראַוואַנען, רופט ביי זיי אַרויס אַ שלעכט פאַר־געפיל, אַן אומזיכערקייט ווי מיט אַ נאָך־נישט אינגאַנצן איינגעלאָשענער שריפה, וואָס קאָן יעדע מינוט אויפסניי זיך צעפלאַקערן... זייער עצה איז געווען — ביי דער ערשטער מעגלעכקייט, זיך אָפּטראָגן פון די פאַרנומענע געביטן, טיפער אין רוסלאַנד. אויך בלימטשע און יוליאַן זענען געווען אין דער זעלבער מיינונג.

באין ברירה האָט שוין אויך ליבעלע מסכים געווען מיט די מיינונגען פון איר גבריאלן און אַניעלאַן.

אויב נישט בלייבן אין ביאַליסטאָק, האָט לייזערקען שוין נישט אינטע־רעסירט וווּהין זיך לאָזן וואַנדערן. ער האָט געוווּסט, אַז אַלס בוי־אינזשי־ניער וועט ער אומעטום און צו יעדער צייט, באַקומען אַרבעט. איצט האָט זיך בייביידן, ביי ליבעלען און ביי לייזערקען, געשטאַרקט די האָפענונג, אַז אויף אַ סטאַביל אָרט, טיפער אין רוסלאַנד, וועט זיך זיי אויך איינגעבן אָפּצוגעפינען זייער ברודער און שוועסטער.

ווען מען האָט זיי אין ווערבירונגס־אַמט פאָרגעשלאָגן צו פאָרן קיין דזשערזשינסק, און פאַרזיכערט לייזערקען, אַז בוי־אינזשיניערן זענען דאָרט שטאַרק געפאָדערט און באַקומען די בעסטע באַדינגונגען, האָט לייזערקע און ליבעלע מיט זייערע קינדער, קיין סך נישט געטראַכט און איינגעשטימט אהינ־צופאָרן. נאָר צוליב דעם, וואָס אין ווערבירונגס־אַקט האָט זיך געפונען אַ פּונקט, אַז מען קאָן די ווערבירטע — אין פאַל פון אַ נויטווענדיקייט — איבערשיקן אויף אַרבעט אין די נאָענט־ליגנדיקע ראַיאָנען פון דזשערזשינסק, האָבן ליבעלע און לייזערקע, מיט דער הסכמה פון זייערע קינדער — זיך רעגיסטרירט ווי מאַן־און־ווייב.

צוויי וואָכן נאָך דער ווערבירונג, אין אַ פראָסטיקן מיטן־יאַנואַר־פרי־

מאָרגן — האָבן לייזערקע און ליבעלע מיט זייערע קינדער, זיך אריינגעזעצט אין צוויי קליינע שליטנס און פארלאָזט אָגראָדניטשקי. דער געדיכטער פּוכי־קער שניי וואָס האָט מיט אַ טאָג פריער איינגעהילט גאַנץ ביאַליסטאָק אין ווייסן, איז פון דער איבערנאַכטיקער שאַרפער קעלט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א הארטן ווייסן פאַנצער, וואָס איז געלעגן א צוגעקאָוועטער צו די טראָ־טואַרן און ברוקן פון דער שטאָט. פיר פּאָר פערדישע פלינקע פיס מיט בליאַסקנדיקע קאָפּיטעס, פארענדיקע נאָזדרעס און מיט אָייז־צעפלעך אָרום די גאָווערדיקע מאָרדעס — האָבן שניידנדיק דעם וועג צום וואָקזאַל — ווי אַ וויכער זיך געטראָגן מיטביידע שליטעלעך, און אָנגעפילט דעם חלל מיט א פריילעך־צעגלעקלטן ליאַרעם.

פון דער ווינטיקער קעלט האָבן ביי אלעמען די פּנימער ווידער אמאָל באַקומען א רויטלעכע לעבעדיקע פארב, און דער אָנגענעמער, אין עפּעס דערמאָנענדיקער קלאַנג פון די גלעקלעך, האָט ערגעץ טיף אין דער נשמה פון די פאָרנדיקע, צארט געגלעט און געזאָגט — אַז עס קאָן נאָך זיין אַ לעבן אויף דער וועלט.

ווען ביידע שליטנס האָבן זיך אויף א געוויסן פּונקט אויף אַ ווײלע אויסגעגלייכט, האָט גבריאל, ליבעלעס זון, אריבערגעשריגן צו יוליאַנען:
— נו, „יידל מיטן פידל״! מיר פאָרן שוין ווייטער!

— יאָ, מיר טראָגן זיך צום אומבאוווּסטן!... האָט יוליאַן געענטפערט אויפגעלייגט.

— כ׳וואָלט געוואָלט וויסן — האָט אַניעלאַ אונטערגעכאַפּט — צי איז עס שוין מיט אָט דער „טולאָטשקע״ אונדזערער, דער סוף פונעם ייד „דעם אייביקן וואנדערער״, אָדער ס׳איז בלויז דער אָנהייב, וואָס וועט סוף כל סוף דערפירן צום סוף?

אָנגעקומען צו אַ לאַנגער ראַמפּע, ווו ס׳איז געווען דער זאַמלפּונקט, איז שוין דאָרט געשטאַנען אַ צוזאַמענגעשטעלטער עשאַלאָן פון גרויסע פולמאַן־לאַסט־וואַגאַנען צו וועלכע ס׳זענען אויך געווען צוגעטשעפּעט צוויי פּאַסאַזשיר־וואַגאַנען. איינער פון די פּאַסאַזשיר־וואַגאַנען איז געווען באַשטימט פאַר אַן אַמבולאַנס, מיט אַ דאָקטאָר און א קראַנקן־שוועסטער, און דער צווייטער — פאַר וווּרבירטע ספּעציאַליסטן מיט אַקאַדעמישער בילדונג.

די ווערבירטע אויף אַרבעט — אַ פאַרשידנאַרטיקע מאַסע פון מענטשן, וואָס דער געמיינזאַמער גורל האָט זיי דאָ צונויפגעבראַכט — האָבן ביס־לעכווייז, יעדער מיט זיין ביסל האַנט־באַגאַזש, גענומען אויספילן די ראַמפּע, און גרופּנווייז — יעדער מיט זיין משפחה, פריינט און באַקאַנטע מיט וועמען מען האָט זיך געוואָלט האַלטן צוזאַמען — זיך אַוועקגעשטעלט וואַרטן פאַר די נאָך־פאַרמאַכטע „טיעפּלושקעס”.

נישט אַלע וואָס זענען געפאָרן מיט דעם עשאַלאָן, איז זייער באַשטי־מונגס־אָרט געווען דזשערזשינסק. א טייל ווערבירטע זענען געווען באַשטימט קיין מינסק, אַ טייל קיין סמאָלענסק און אויך קיין קיראָוו.

ווען אַ לאַנג־אויסגעצויגענער פּייף פונעם לאָקאָמאָטיוו, האָט מיט־אַמאָל דורכגעשניטן דעם ווינטערדיקן אַרום און, ערגעץ־ווייט, אויסגע־גאַנגען אין אַן עכאָ — איז די זון שוין געשטאַנען גענוג הויך, און דורך די טירן און פענצטערלעך פון די אָנגעפּראָפּטע פולמאַן־וואַגאָנען — אַריינגעשיקט ברייטע, גאָלדיקע ליכט־פּאַסמעס. מיט עטלעכע שטויס פון די בופאָרן, און מיט אַ לאַנגזאַם פרייכן און סאָפּען, האָט דער לאָקאָמאָטיוו מיטן עשאַלאָן הינטער זיך, גענומען אַריינשניידן אין די אומבאַקאַנטע ווייטן, און ביי די פאַרנדיקע — איינגעשניטן אַ פרישן קאַפּיטל אין זייער לעבן.

26

ווען היטלער־דייטשלאַנד איז איבערגעפאַלן פּוילן, — זענען ביידע שוואָגערס, וויגדער יעלניק און איסאַאַק לוואָוויטש שעניצקי, שוין געווען צוריק צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער, און געוווינט נישט נאָר אין דער זעלבער שטאָט, נאָר אין דער זעלבער גאַס, אָפּגערוקט מיט אַ צענדליק הייזער ווייטער, איין משפחה פון דער צווייטער.

אַז וויגדער זאָל זיך אַוועקלאָזן מיט זיין פרוי און קינדער קיין סיביר צו זיין שוועסטער און שוואָגער, — וועגן דעם האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין. האָט דערפאַר איסאַאַק לוואָוויטש, פאַרקויפט זיין גרויסע געררוימע כאַטע מיט דער הילפס־ווירטשאַפט ביים אַריינפאָר אין דער קרייז־שטאָט אירקוטסק, און אַריבערגעפאָרן מיט זיין פרוי און דער יונגערער פריילײדיקער טאָכטער ראָזאַ, אין דער שטאָט גאָרקי וווּ וויגדער האָט איצט, נאָכן אומקערן זיך פון פאַרשיקונג, געוווינט.

דער עשאַלאָן מיט וועלכן לייזערקע און ליבעלע מיט זייערע קינדער זענען געפאָרן קיין דזשערזשינסק, האָט זיך געשלעפּט איבער אַ וואָך צייט ביז ער איז דערפאָרן צו זיין באַשטימונגס־אָרט. אויף זייער לאַנגן וועג, האָבן זיי אָנגעטראָפן לאַנגע עשאַלאָנען מיט ווערבירטע פּוילישע יידן, וואָס זענען געפאָרן אין פאַרשידענע ריכטונגען איבערן גרויסן רוסלאַנד. זיי האָבן אויך אָנגעטראָפן אויף פּוילישע פּליכטלינגען וואָס האָבן אָנגע־טוענע אין פּריש־באַקומענע וואַטע־הויזן און וואַטע־שפּענצערס, געשמוגלט די וועגן צוריק קיין ביאַליסטאָק... נישטאָ זיך וואָס צו איילן דאָרט אַהין...

— האָבן זיי געענטפערט אויף די געשטעלטע פראַגעס: וואָהין?

— יאָ, נישטאָ „דאָרט" קיין האַנדל־וואַנדל... — ווער ס'וויל עסן — מוז אַרבעטן. — אַנטלויפן ווי די געבריטע וואַנצן, די קאָוואַרניע־זיצערס, גאַסן־הענדלער און זוכער פון לייכטע פּרנסות... — האָט לייזערקען אויפגעקלערט אין אַ גאַליציאַנער פּויליש, — אַ שכן פונעם פּאַסאַזשיר־וואַגאָן — אַ מאָגערער עלטערער מענטש מיט ארונטערגעלאָזטע טרויעריקע גראָע אויגן.

— מיר זענען דערווייל „דאָרט" נישט געווען, ווייסן מיר נישט וואָס צו זאָגן וועגן דעם. אַז איר וועט אין אַ יאָר אַרום, זיין ביי דער זעלבער מיינונג — וועט עס זיין אַ גוטער סימן — האָט לייזערקע געענטפערט.

אויפן צווייטן טאָג פון דער רייזע, האָט לייזערקע, ווי דער ראש פון אַ זעקס־קעפּיקער ארבעטפעאיקער משפּחה, באַקומען אַ געלט־אַוואַנס פון עטלעכע הונדערט רובל. בעתן ווען דאָס געלט איינטיילן יעדן לויט זיין איינזען, האָט אָבער ליבעלעס זון, גבריאל, זיך קעגנגעשטעלט: מיר זענען, פעטער, אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד — האָט ער געטענהט, — וועלן מיר לעבן קאָלעקטיוו, דער פעטער וועט זיין אונדזער פינאַנס־מיניסטער! און די מאַמע — ווירטשאַפטס־מיניסטער!

ליבעלע האָט מיט אַ שמייכל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „יאָ". לייזערקע האָט דאָן דריי מאָל אריינגעהויכט אינעם פּעקעלע נייע צענרובל־דיקע און מיט א קאָמישער ערנסט־ארויפגעצויגענער מינע — אַריינגע־רוקט דאָס געלט צו זיך אין בוזעמטאַש...

אָנגעקומען אין א פּראַסטיקן אינדערפרי קיין דזשערזשינסק, האָבן זיי, ווי אַלע אָנגעקומענע מיטן עשאַלאָן — באַקומען א הייסע באָד; דורכגע־פּאַרעוועטע קליידער און וועש; אַ גוט מיטאָג אין איינע פון די שטאָטישע „סטאָלאָוועס", און פון דאָרט — געוואָרן אָפּגעפירט אין געדעקטע לאַסט־

מאַשינען — צו אַ פּריש־אויסגעווייסטער און געהייצטער, ליידיקער צוויי־צימער־וווינונג — ערגעץ אין דער פּעריפעריע פון שטאָט.

שוין האָבנדיק אַ באַשטימטן אַדרעס, האָט זיך לייזערקע אָוועקגע־זעצט און אָנגעשריבן צום סאָוויעטישן אינערן־מיניסטעריום אַ ביטע, אין וועלכער ער בעט אים העלפן אויפזוכן זיין ברודער וויקטאָר איסאַקאָוויטש יעלניק, וועלכער דאַרף זיך געפינען אין דער שטאָט אָדעס, און אויך די שוועסטער זיינע, עסטעראַ איסאַקאָוונאַ שעניצקאַ, פונדערהיים יעלניק, וואָס דאַרף זיך געפינען אין סיביר אין דער קרייז־שטאָט אירקוטסק.

לייזערקע, ווי אַ בוי־אינזשיניער, איז צוגעטיילט געוואָרן צום הויפּט־אינזשיניער פון „סטראָי־אָטדיעל" און באַקומען צו אים אַ באַשטעטיקונגס־בריוו. גבריאל, יוליאַן און אַניעלאַ, זענען געשיקט געוואָרן אויף אַ שנעלן קורס פון דער רוסישער שפּראַך און בוכפירונג. דאַקעגן, בלימטשע און די מוטער אירע, ליבעלע, זענען צוגעטיילט געוואָרן אַלס פּאַרקויפערינס אינעם ספּעציעל־געעפנטן „אוניווערמאַג" פאַר די פריש־ווערבירטע אַרבעטער פון „סטראָי־אָטדיעל", די אַזוי גערופענע „ביעלאָרוסן".

די אומגעריכטע פאַרייניקונג און פאַרמערונג פונעם משפחה־קרייז פון די יעלניקס, צו וועלכן ס'איז אויך צוגעקומען אַן אונטערוואַקסנדיקער דור פון קוזינען און קוזינקעס — ר' איטשע־מאיר יעלניקס אייניקלעך — האָט אריינגעברענגט אַ סך אינהאַלט אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן. ס'זענען קוים אַדורך עטלעכע חדשים נאָכן אָנקומען פון לייזערקען און ליבעלען קיין דזשערזשינסק, און שוין האָט זיך וויגדערן איינגעגעבן אריבערצופירן זיי קיין גאָרקי און איינאָרדענען דאָרט מיט אַרבעט און אַ דירה, נישט ווייט פון דער גאַס, ווו ער און איסאַאַק לוואָוויטש האָבן געוווינט. דאָס הייסט, די וווינונג איז געווען בלויז פאַר לייערקען און ליבעלען.

פאַר די יעלניקס, האָט זיך דאָס יאָר ניינצן הונדערט פערציק, און כמעט אַ העלפט פונעם איינאונפערציקסטן יאָר, געפונען אונטער אַ מזלדיקן שטערן.

דאָס לעבן אין די היימען פון די נאָענט־צוזאַמענגעבונדענע מיטגלי־דער פון דער משפּחה, איז טראָץ דער סאָוויעטיש־פינישער קריג, געווען פיל־וויניק נאָרמאַל און רואיק, מיט באַשיידענעם געניטס און פרייד, און אַן וועלכע־ס'איז אויפטרייסלונגען. געפינענדיק זיך צוזאַמען מיט זייערע

נאָענטסטע, — שוין איינגעזעסענע סאָוויעטישע בירגער — האָבן לייזערקע און ליבעלע מיט זייערע קינדער — שנעלער פון אַ סך אַנדערע יידישע „ביע־זשענצעס", זיך „אַקלימאַטיזירט" און אפילו אָנגעהויבן פאַרגעסן דעם שייכות זייערן, מיט די אַנדערע פליכטלינגען...

אין אַ שיינעם זומערדיקן פאַרמיטאָג, אין יאָר ניינצן איינאונפערציק — זענען די איינוווינער פון דער שטאָט גאָרקי אויפגעציטערט געוואָרן פון דער ידיעה וועגן דעם אומגעריכטן איבערפאַל פון נאַצי־דייטשלאַנד אויפן ראַטנפאַרבאַנד.

ס'זענען בלויז אַדורך אַכט טעג נאָכן איבערפאַל, און דער מיטאַמאָל געענדערטער לעבנס־שטייגער, האָט אויף שריט און טריט געגעבן צו פילן, אַז סאָוויעט־רוסלאַנד געפינט זיך אין אַ גרויסער גורלדיקער מלחמה...

צוויי וואָכן שפּעטער האָט זיך שוין וויגדערס זון, ליאָווא, געפונען אין דער אַרמיי, און די טאָכטער זיינע, פאַניע, מאָביליזירט און איבערגעשיקט „ערגעץ־ווו" אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל. אויך אסתרלס טאָכטער, ראָזאַ, איז פון דער אַרטיקער אַמבולאַטאָריע, ווו זי האָט געאַרבעט אַלס צאָן־דאָקטאָר — געשיקט געוואָרן אין אַ פעלד־שפּיטאָל.

פאַר די סאָוויעטישע אַרמייען און פאַר דער פרידלעכער ציווילער באַפעלקערונג, האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע פּיינפולע טעג, וואָכן און חדשים, וואָס האָבן זיך פאַרצויגן אויף יאָרן...

ערשט איצט, נאָכן איבערפאַל פונעם פאַשיסטישן דייטשלאַנד אויפן ראַטנפאַרבאַנד, האָבן דער סאָוויעטישער ראַדיאָ און די פּרעסע, גענומען אויסרעכענען אַלע מערדערייען פון די דייטשישע חיילות, באַזונדער — וועגן דער סיסטעמאַטישער אויסראָטונג, וואָס די דייטשן פירן דורך איבער דער יידישער באַפעלקערונג — אין די געביטן וואָס זיי פאַרנעמען.

די דייטשע אַרמיי, וואָס האָט אַ לענגערע צייט, אין דער שטיל, קאָנצענטרירט אַ גרויסן טייל פון אירע באַוואָפנטע כוחות: אינפאַנטעריע, פּאַנצער־דעוויזיעס און לופט־פלאָט אויף די מזרח־גרענעצן פון סאָוויעט־רוסלאַנד, האָט אָנגעהויבן די מלחמה מיטן אַן אומדערוואַרטעטער בליץ־קריג־אָפענסיווע; אַריינגעריסן זיך מיט קלינעס אין דער סאָוויעטישער טעריטאָריע, און געצוווּנגען די רויטע אַרמיי צו אַן אַלגעמיינעם צוריקטריט.

פירנדיק שווערע און העלדישע פאַרטיידיקונגס־קאַמפן, האָבן די רוסישע

אַרמייען אָפּגעטרעטן אין אַ בויגן: לענינגראַד, מאָסקווע, סטאַלינגראַד, איבערלאָזנדיק צו די דייטשן ריזיקע שטחים פון זייער אייראָפּעישער טעריטאָריע.

די דייטשן האָבן מאַרשירט פאָרויס אין געביטן, ווו עס האָט געלעבט די מיליאָניקע יידישע באַפעלקערונג, און געזייעט הינטער זיך טויט און פאַרוויסטונג.

ערשט אין צווייטן מלחמה־יאָר האָט די רויטע אַרמיי אָנגעהויבן אירע קעגנאָנגריפן, אָפּגעשטעלט דעם דייטשן פאָרויסמאַרש, און אָנגעהויבן אַ מעכטיקע קעגנאָפענסיווע, פריער אויפן צענטראַלן פראָנט, וואָס איז אַ צייט שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ברייט־פאַרמאָסטענער אָפענסיווע אויף אַלע פראָנטן.

אין אַ האַרטנעקיקן מעכטיקן ווידערשטאַנד, האָבן די דייטשישע חיילות — אונטער די שווערע קלעפּ פון דער רויטער אַרמיי — צעשלאָגענע און צעפּערטלטע זיך גענומען צוריקציען אַלץ טיפער אויף מערב, ביז זיי זענען אינגאַנצן פאַרשווונדן־געוואָרן פון דער סאָוויעטישער ערד און — ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אויסרויכערן זיי אויך פון פוילן.

ליאָווא, וויגדערס זון, איז אין די מלחמה־יאָרן דערגאַנגען צום ראַנג „עלטערער לייטענאַנט". אויפן וווקסיקן ברייטפּלייציקן יונגנמאַן מיטן פעדער־שוואַרצן שפּאַנישן בערדל, וואָס האָט אים — מער ווי צום טאַטן — געמאַכט ענלעך צו זיין זיידן ר׳ איטשע־מאיר יעלניק — איז דער מיליטערישער מונדיר מיט אַ צאָל אויסצייכענונגען אויף דער ברוסט, געלעגן ווי צוגע־וואַקסן צו זיין שייך־געבויטן גוף. בלויז צוויי מאָל איז ליאָווא פאַר דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה געווען ביי די עלטערן אין שטוב. דאָס ערשטע מאָל — אויף אַ קורצן אורלויב נאָך אַ נישט שווערער קאָנטוזיע, און דאָס צווייטע מאָל, — בעת ער איז מיט אַ יאָר שפּעטער געלעגן אין מיליטערישן שפּיטאָל אין דזשערזשינסק.

די דייטשן האָבן זיך שוין פון לאַנג נישט געפונען אויף דער סאָוויע־טישער טעריטאָריע, אָבער דער אַנטיסעמיטישער גיפט, וואָס איז צומערסטן פאַרשפּרייט געוואָרן פון די רוסישע פאַרווונדעטע סאָלדאַטן, צוריקגעקו־

מענע פון פראָנט — האָט אין די באַפרייטע מערבדיקע געביטן „געבליט" מיט אַ קראַפט ווי נאָך קיינמאָל נישט... אומעטום — אין שטאָט, אויף די באַנען, אין די באַזאַרן און איבערהויפּט אין די מיליטערישע שפּיטעלער, — האָט מען געמורמלט און דערציילט וועגן „זיי", די „אַבראַשאַס", אַז אין דער צייט ווען דאָס רוסישע פאָלק איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט, זענען „זיי" רואיק געזעסן אינעם זיכערן הינטערלאַנד אויף פעטע אמטן, אָדער געטריבן שפּעקולאַציע...

ליאָוואַן איז עטלעכע מאָל, אויפן וועג צום מיליטערישן שפּיטאָל אין דזשערזשינסק, אויסגעקומען צו זיין אַן עדות, ווי די ווייניקע סאָוויעטישע יידן, וואָס האָבן ריזיקירט צוריקצוקומען אין זייערע פאַרלאָזטע היימען — שוין אונטער דער סאָוויעטישער הערשאַפט — זענען באַגעגנט געוואָרן מיט אַ שפּאָטיש גיפטיקן „אָט האָסטו „זיי" שוין ווידער, די „אַבראַשאַס" און „סאַראַס", — ס'וועט זיך דאָ ווידער מאַכן הימלעך"!... און ביי איינעם אַזאַ ענלעכן פאַל, ווען ליאָווא איז שוין גרייט געווען — נישט געקוקט אויף זיין דורכגעשאָסענעם אַקסל, — צו אינטערווענירן, — האָט אים ווער אַ זייטיקער מיט אַ גוייש פּנים און גוישער אויסשפּראַך, געזאָגט שטיל אויפן אויער: — פאַרזיכטיק לייטענאַנט! אַנטקעגן אָט די... איז אפילו די ענקאַווודע אָנמעכטיק.

אויך ווידער, האָט בעת ליאָוואָס צווייטן באַזוך אינדערהיים, מיט גרויס פאַרביטערונג איבערגעגעבן וועגן די „זיי"-שטימונגען אין שטאָט און אויך צווישן די רוסישע אַרבעטער און נידעריקע באַאַמטע פון „סטראָי-אָטדיעל". ער האָט אים אויך איבערגעגעבן וועגן אַ סך פאַלן, ווען די יידן, אַלט-איינגעזעסענע סאָוויעטישע בירגער, וואָס ווילן זיך צוריקקערן אין זייערע פריערדיקע וווין-ערטער אויף מערב — ווערן געעצהט צו פאַרבלייבן אויף זייערע איצטיקע וווין-ערטער און זיך פאַר־לויפיק אָפּצוהאַלטן פון צוריקפאָרן אין די באַפרייטע געביטן...

דער יידן-האָס, וואָס האָט אין אַזאַ צייט, ווען דאָס יידישע פאָלק האָט אין דער מלחמה אומפאַרגלייכלעך מער געבלוטיקט פון אַלע אַנדערע פעלקער, — האָט אויפן יונגן פילבאַרן ליאָוואַן געווירקט דערשיטערנדיק. נאָך לאַנגע נאָכטראַכטענישן, איז ער געקומען צו אַ באַשלוס, וועלכן ער האָט פון נאַציאָנאַלן און טיף-מאָראַלישן שטאַנדפּונקט — באַרעכטיקט.

אין אַ פאַרטרוילעכן און אינטימען שמועס, וואָס ער האָט, טאַקע, בעת זיין צווייטן באַזוך אינדערהיים, געהאַט מיט זיין פעטער און שווער, —

מיט לייזערקען — האָט ליאָווא פאַר אים אנטפלעקט זיין געוואגטן פלאַן מיט וועלכן ער האָט זיך ארומגעטראָגן: ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווי נאָר פוילן וועט באפרייט ווערן און ס'וועט געגעבן ווערן די „ביעזשענצעס" פון פוילן, די מעגלעכקייט זיך צוריקצוקערן פונוואַנען זיי זענען געקומען — וועט ער זיך מיטכאַפּן מיטן שטראָם רעפּאַטריאנטן, פוילישע יידן. נאָר זאָל דער פעטער נישט מיינען — האָט ליאָוואָ אים אויפגעקלערט — אַז מיין ציל איז פוילן. ניין, מיין ציל איז צו דערגרייכן אהין ווו ס'איז דעם טאַטן מיט דרייסיק יאָר צוריק נישט געלונגען צו דערפאָרן — קיין ארץ־ישראל.

כאָטש לייזערקע האָט אויך נישט געהאלטן ביים בלייבן אין ראטנ־פאַרבאַנד, און כסדר געטראַכט, ווי וועט עס דעמאָלט זיין מיט זיין טאָכטער אַניעלאַן — האָט ער צו זיין ברודערנזון, פונדעסטוועגן זיך צוגעהערט מיט גרויס רעזערוו און אפילו געטראכט וועגן אים, ווי וועגן אן עקזאַלטירטן פאַנטאַזיאָר...

— וואָס קוקט מיך דער פעטער אזוי אָן? — האָט ליאָוואָ נישט געקאָנט פאַרשטיין זיין מאָדנע קוקן אויף אים — איך האלט, אז איך באגיי נישט דערמיט קיין שום פאַרברעכן קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד. מיין געוויסן איז ריין. כ'האָב מיין חוב אָלס סאָוויעטישער בירגער באַצאָלט... כ'מיין, אַז אויך איך דארף האָבן אביסל רעכט אויף מיין אייגן לעבן, אויף מיין לעבן אָלס ייד... דער פעטער זעט אויף מיין ברוסט אָט די אויסצייכענונגען, וואָס כ'האָב באַקומען אין קאַמף פאַר דער פרייהייט פון רוסישן פאָלק? אונטער דער דאָזיקער ברוסט וויטיקט אָבער אַ האַרץ, ווייטיקט פאַר זיך און פאר די ליידן פון מיין פאָלק! מיט וואָס זענען מיר ערגער פון אַלע אַנדערע? — אויך מיר האָבן דאָס רעכט אַמאָל באפרייט צו ווערן. — האָט דער פעטער געהערט וועגן דעם מסירת־נפשדיקן אומגלייכן קאמף פון די יידן מיט די ענגלענדער און אַראַבער אין ארץ־ישראל?

— אָבער יאָ, מיט וואָס קאָנסטו העלפן די יידן אין פאַלעסטינע? וואָס קאָנסטו דאָרט פאַר זיי אויפטאָן?! — האָט לייזערקע אָנגעהויבן מיט מער ערנסט זיך צוצוהערן צו ליאָוואָס רייד.

— מיט וואָס כ'וועל דאָרט העלפן? — מיטן זעלבן וואָס דאָ, פארן ראַטנפאַרבאַנד... — העלפן בויען, און ווען ס'וועט נויטיק זיין, — העלפן מיט געווער אין דער האַנט אויסקעמפן אן אייגענע יידישע פרייע היים!

26

פּוילן איז באַפרייט געוואָרן. די פאַשיסטישע הידרע איז דערשלאָגן־געוואָרן אין דער הויפּטשטאָט פונעם פאַרפּעסטעטן לאַנד — אין בערלין.

די פליכטלינגען פון פּוילן, די וואָס האָבן פאַר דער צייט פון זייער געפינען זיך אין ראַטנפאַרבאַנד געמוזט אָננעמען די סאָוויעטישע בירגער־שאַפט, האָבן אויסגענוצט די רעכט וואָס איז זיי איצט געגעבן געוואָרן — צו אָפּטירן פאַר דער פּוילישער בירגערשאַפט.

נישט נאָר וויגדערס זון ליאָווא, האָט געטראַכט וועגן ארץ־ישראל. וועגן דעם האָבן אינדערשטיל געטראַכט די מערהייט יידישע פליכטלינגען, וואָס האָבן אַקטיוו זיך מיטבאַטייליקט אין אַלע קולטורעלע און נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישע פייערלעכקייטן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין נאָמען פונעם „פאַרבאנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן". זיי, די יידישע פליכטלינגען האָבן דאָס באַפרייטע פּוילן, ווו זיי וועלן זיך אינגיכן אומקערן — געזען, נישט ווי אַ צוריק־דערוואָרבענער היים, נאָר ווי אַ טראַנזיט לאַנד אויף זייער וועג קיין ארץ־ישראל... נישט וויניק האָבן מיטגעווירקט צו אָט די שטימונגען און טראַכטענישן — דאָס אַרויסגעלייענטע „צווישן די שורות" פון דער באַקו־מענער פּוילישער צייטונג פאַר די „ביעזשענצעס" — „וואָלנאַ פּאָלסקאַ", רעדאַגירט דורך דער אָנגעזעענער פּוילישער שרייבערין וואַנדאַ וואַשי־לעווסקאַ. ס'האָבן זיך אין איר אָפט געפונען אָנדייטונגען און אויך אָפיציעלע מעלדונגען, אַז די פּוילישע רעגירונג וועט נישט מאַכן קיין שום שוועריקייטן פאַר די יידן וואָס ווילן פאָרן קיין ארץ־ישראל.

27

פרילינג ניינצן זעקסאונפערציק.

ווידער פאָרן לאַנגע עשאַלאָנען מיט אָנגעפּראָפּטע וואַגאָנען. די פליכט־לינגען וואָס האָבן מיט איבער זעקס יאָר צוריק געצויגן פון מערב אויף מזרח — הייסן איצט „רעפּאַטריאַנטן". די אויסערלעכע ווענט פון די „טיעפּלושקעס" זענען באַצירט מיט בילדער פון לענינען און סטאַלינען, מיט סאָוויעטישע מאַרשאַלן, גענעראַלן און מיט פּלאַקאַטן און טראַנספּאַ־רענטן מיט לאָזונגען וועגן דער גרויסער רוסיש־פּוילישער פריינטשאַפט און ברידערלעכקייט.

נישט דערקענט האָבן די יעלניקס דעם „צוריקוועגס" פון זייער

„אַהינרייזע" אין יאָר נײַנצן פערציק. ווי ווײַט דאָס אויג קאָן זען — חורבות און חורבות. וווּ אַנגעגאַנגען איז אַמאָל אַ פרידלעך רואיק לעבן — ליגן איצטער חורבות אויף חורבות — פאַרשוואַרצטע פון שריפות און גרין שוין פון מאָך...

אַרויספאָרנדיק פון גאָרקי קיין פוילן איז די פאַמיליע־גרופּע פון די יעלניקס, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך אויך געפונען לייזערקע און ליבעלע מיט די קינדער — באַרייכערט געוואָרן מיט נאָך צוויי נפשות: מיט אסתרלס און איסאַאַק לוואָוויטשעס טאָכטער ראָזאַ מיט איר מאַן, דער וואָר־שעווער דאַמען־צושנײַדער אין וועמענס זכות זי האָט געקאָנט פאַרלאָזן ראַטנפאַרבאַנד. ווי א גרופּע פון אכט מענטשן, האָבן זיי אין ברייטן פּולמאַן־וואַגאָן פאַרנומען אַ גאַנצע „פּריטשע", אויפן לעצטן „דריטן שטאָק"...

נאָכן אַרויספאָר פון גאָרקי, זענען צום עשאַלאָן מיט וועלכן ס'זענען געפאָרן די יעלניקס — געוואָרן אויפן וועג צוגעטשעפּעט ביי אַ צוואַנציק וואַגאָנען, — פולע מיט רעפּאַטריאַנטן, פּאָליאַקן. וואָס מער דער עשאַלאָן האָט זיך דערנענטערט צו פוילן, אַלץ ווייניקער איז געוואָרן די צאָל בילדער פון לענינען און סטאַלינען, פון די סאָוויעטישע מאַרשאַלן, גענע־ראַלן און פון די פּלאַקאַטן און טראַנספּאַרענטן מיט לאָזונגען פון דער גרויסער רוסיש־פוילישער פריינטשאַפט און ברידערלעכקייט. יעדע נאַכט, האָבן געהיימע הענט זיי סיסטעמאַטיש באַזייטיקט.

וואָס נענטער צו דער פוילישער גרענעץ, — אַלץ מער האָבן פוילישע רעפּאַטריאַנטן גענומען אַרויסווייזן זייער אמתן פּרצוף... געוואָרן אַלץ חוצפּהדיקער און פרעכער; די אַלט־באַקאַנטע שפּיזלדיקע בליקן זענען געוואָרן אַלץ אָפטער און שאַרפער, און דער מיט־האָס־און־גיפט־אָנגעפילטער געמורמל, — אַלץ העכער און דייטלעכער... מען האָט גענומען רעדן אָפענע דיבורים, וואָס מען דאַרף טאָן מיט די יידן אויף יענער זייט פוילישער גרע־נעץ און עס אָפן אילוסטריט מיט א פּיר מיטן ווייזפינגער איבערן האַלדז...

האָרט פאַרן אַרײַנפאָרן פונעם עשאַלאָן קיין פוילן, איז די שטימונג ביי די יידישע רעפּאַטריאַנטן געווען א דענערווירטע און נישט דעצי־דירטע. ביי אַ טייל פון זיי, איז אין לעצטן מאָמענט אויפגעקומען אַ געדאַנק צו פאַרבלייבן אויף דער סאָוויעטישער זייט. די ידיעות וואָס מען האָט זיך איבערגעגעבן פון מויל צו מויל זענען געווען סתירותדיקע. דאָ האָט מען זיך איבערגעגעבן וועגן מערדערלעכע איבערפאַלן און מאָרדן פון די

„אַקאָוּוצעס" און אַנדערע באַנדעס איבער די צוריקגעקערטע יידן, און דאָ האָט מען זיך איבערגעגעבן, אַז די געהיימע אָרגאַניזאַציעס און באַנדעס, ווערן אויסגעראָטן דורך ברייט פאַרצווייגטע אַקציעס פון דער פּוילישער רעגירונג, און אַז אין אַלגעמיין, ווערט מען איצט אין פּוילן באַשטראָפט אפילו פאַרן קלענסטן אַנטיסעמיטישן אַרויסטריט.

די יעלניקס זענען געווען אייניק אין זייער מיינונג, אַז צוליבן ציל וואָס זיי האָבן פאַר זיך, און צוליב דעם, וואָס די איצטיקע רעגירונג באַקעמפט די אַלע אָרגאַניזאַציעס און באַנדעס, וואָס זענען אויך קעגן איר געווענדעט — איז זיך נישטאָ וואָס צו שרעקן און מען דאַרף פאָרן. שוין אינעם ערשטן פּוילישן שטעטל ווו די יידישע רעפּאַטריאַנטן זענען אָראָפּגעשטיגן זיך רעגיסטרירן אין פּ. או. ר. זענען זיי אויפגעציטערט געוואָרן פון דער ידיעה, אַז אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט איז אין זייער וווינונג, אויף אַ בעסטיאַ־לישן אופן דערמאָרדעט געוואָרן אַ יידישע פאַמיליע פון פיר פּערזאָן, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון ראַטנפאַרבאַנד.

מיט שנאה און שפּאָט, האָט די מערהייט פון דער פּוילישער באַפעלקע־רונג באַגעגנט די יידישע רעפּאַטריאַנטן אין דער ערשטער שטאָט אויף דער פּוילישער זייט.

— אוי־וואַי! באַלטשע, יאַינע! טאַטעלע־מאַמעלע! שיינע מציאה! — האָבן אַ כאָפּטע שקצים און שיקסעס, אויף אַן עק גאַס באַגעגנט בלימטשען, אַניעלאַן און גבריאַלן, וואָס זענען געגאַנגען געאָרעמט הינטער לייזערקען מיט ליבעלען און די איבעריקע משפּחה־מיטגלידער פון די יעלניקס.

לייזערקען איז געקומען דאָס בלוט אין פּנים אַריין... פאַרגעסנדיק ווו ער געפינט זיך, האָט ער זיך האַסטיק אויסגעדרייט און אַ פּאַטש־געטאָן מיט דער פויסט אין דער זייט פון די, וואָס האָבן זיי שפּאָטיש נאָכגעשריגן און געטייטלט אויף זיי מיט די פינגער.

— אָט־האָסטו דיר אַ פּריש־געבאַקענעם יידישן פאַכאָלעק! — האָבן די כוליגאַנעס אַנגענומען לייזערקען פאַר אַ פאַליאַק — וואַרט יודאַש, מיר וועלן זיך מיט דיר אָפּרעכענען, האָט איינער פון זיי זיך אַנגענומען מיט צוויי פינגער פאַרן גאָרגל, אַרויסגעשטעקט די צונג און אים געוויזן ווי אַזוי ער וועט הענגען...

ליבעלע און ראָזאַס מאַן האָבן אַ נעם־געטאָן לייזערקען אונטערן אָרעם און זיך שנעל מיט אים דערווייטערט פונעם אָרט.

צווישן די הונדערטער נעמען מ׳ט צושריפטן אויף די דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע ווענט און טירן פון רעגיסטראַציע־אַמט, האָט אַניעלאַ אויסגעפונען אַן אויפשריפט מיט רויטן טינט געשריבן: „אַניטשקאַ, איך פאָר קיין שטשעטשין. כ׳גריס דעם פעטער און אַלע איבעריקע. דיין ליאָוואַ״. אַניעלאַ האָט נישט געדאַרפט מאַכן קיין שום באַמיאונגען אַנצוקומען קיין שטשעטשין. אַלע יידישע רעפּאַטריאַנטן פונעם עשאַלאָן זענען אהין געשיקט געוואָרן. גרויס איז געווען זייער פרייד, ספּעציעל אַניעלאַס, ווען שוין אויפן דריטן טאָג נאָך זייער אָנקומען קיין שטשעטשין, האָבן לייזערקע, ליבעלע און אַניעלאַ, גייענדיק „אַ בליק־טאָן״ ביים „יידישן קאָמיטעט״, — אים אָנגעטראָפן אויפן וועג — געזונט און פריש.

נישט קיין סך פריינטלעכער איז די באַציאונג צו די יידישע רעפּאַט־ריאַנטן געווען אין דער פּאָרט־שטאָט שטשעטשין, וואָס אַ העלפט פון איר, איז געלעגן אין חורבות. די העכסטע מאָס פון פריינטלעכקייט, איז געווען דאָס שטומע, בלית־ברירהדיקע טאָלערירן די לעבן־געבליבענע רעשטלעך פונעם פוילישן יידנטום... מ׳האָט אָבער, כמעט אין ערגעץ נישט באַגעגנט קיין אויסדרוק פון אויפריכטיקן מיטגעפיל און סימפּאַטיע פאַר זיי. אין דער צייט וואָס אין דער שטאָט האָבן זיך שוין געפונען עטלעכע קינאָס און טעאַטערס, האָט די יידישע באַפעלקערונג, וואָס איז באַשטאַנען פון בלויז רעפּאַטריאַנטן, — געמוזט, שוין תחילת אָוונט, איילן זיך אהיים און פאַרמאַכן זיך הינטער טירן און שלעסער...

לייזערקע און ראָזאַס מאַן, האָבן גלייך באַקומען באַשעפטיקונג ביי זייערע ספּעציאַליטעטן: דער ערשטער, אַלס בוי־אינזשיניער, ביים פונאַנ־דעררייסן חורבות וואָס האָבן געדראָאַט איינצופאַלן, אָדער וואָס האָבן געדאַרפט ווערן אָפּגערייניקט כדי אויפצושטעלן אויף זייער אָרט פרישע בנינים, און דער צווייטער — אַלס דאַמען־צושנײַדער אין אַן אָרטעל ווו מען האָט געזוכט אַזעלכן, ווי מיט ליכט. נישט געקוקט אָבער דערויף, איז די יעלניקס, ווי דער מערהייט יידן, שוין צופיל געווען יעדער טאָג, וואָס זיי זענען דאָ געזעסן. זיי האָבן זיך אַלע אויסגעקוקט די אויגן — אויף דער הילף פון עפּעס אַ „בריחה״, וואָס יעדער האָט דאָס געהיימע וואָרט צום ערשטן מאָל געהערט אין דער שטאָט שטשעטשין.

נישט אַלע יידן זענען גרייט־געווען צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף בכלל נישט לויפן, נאָר בלייבן זיצן אויף דער פּוילישער ערד; געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן,

אן אויסטאטואירטן נומער אויף דער האַנט. דער צוטויפטרעף איז פאָרגע־קומען אויף אַזאַ אומגעריכטן אופן, אַז ליבעלע איז פון גרויס איבעראַשונג געפאַלן אין אָנמאַכט.

לייקעס איינציק יינגעלע, האָבן די דייטשן פון איר אָוועקגעריסן, און וועגן דעם מאַן אירן, דעם פידלער הילאַרי גאַלקין, מיט וועמען מען האָט זי פונעם ערשטן מאָמענט צעשיידט — זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע ווערסיעס. איין ווערסיע איז געווען, אַז די דייטשן האָבן אים געצוווּנגען צו שפּילן אויף זיין פידל, „מה יפית" — בעתן אויסשטעלן יידן צום דער־שיסן... הילאַרי גאַלקין זאָל האָבן נישט־אַנטקעגנגעקומען דעם פאַרלאַנג... ער איז געשטאַנען ווי צוגעוואַקסן צום אָרט און געדריקט זיין פידל צום האַרצן... ס'האָט אַ שטעפּ־געטאָן אַ מאַשין־געווער... די סטרונעס פונעם דורכגעלעכערטן פידל האָבן אַ קרעכץ־געטאָן מיט אַ מענטשלעך קול און הילאַרי איז געזונקען צו דער ערד.

28

ווי ניס־שאָלן אויף שטורמישע כוואַליעס, האָט דער ים, אין שוץ פון פינצטערע נעכט — געשליידערט מעפּילים־שיפן, אָנגעפּראַפּטע מיט מענער, פרויען, אלטע לייט און קינדער.

אויף אָט די „רעשטלעך" נישט־דערקוילעטע און נישט־דערברענטע — צווישן וועלכע ס'האָבן זיך אויך געפונען די יעלניקס — האָבן ווי רויב־פייגל געלויערט איבער ימים, — מעכטיקע שווער־באַוואָפנטע ענגלישע קריגסשיפן...

אַ יאָר נאָך דער אנטשטייאונג פון מדינת ישראל — אין די לעצטע טעג פון חודש יאַנואַר נײַנצן ניינאונפערציק — זענען לסוף געעפנט געוואָרן די טויערן פון די מעפּילים־לאַגערן אין קפריסין. ווו ס'זענען געהאַלטן געוואָרן טויזנטער יידן, וואָס האָבן זיך געריסן קיין ארץ־ישראל...

די יעלניקס האָבן זיך געפונען אינעם ערשטן און גרעסערן טראַנס־פּאָרט, וואָס איז מיט דער יידישער שיף „גלילה", אָפּגעשווומען צו דער אַזוי לאַנג־באַגערטער אייגענער היים — קיין ארץ־ישראל.

אין אַ ליכטיקן סוף־יאַנואַר־טאָג איז די „גלילה" אריינגעשווומען אין חיפהער פּאָרט און פאַראַנקערט ביי דער זעלבער פּלאַטפאָרמע, פון וועלכער די איצטיקע ערשטע „עולי־קפריסין" זענען מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק, געוואָרן מיט כוח אָוועקגעריסן דורך דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט.

י. שטיינבערג	אפאָריזמען און גלייכווערטער
אירגון נכי המלחמה בנאצים	אַנטקעגן דעם נאַציזם שונא
אירגון יוצאי סטרי	ספר סטרי (יידיש, העברעיש, ענגליש)
אסתר לוריא	פרויען אין קאָנצענטראַציע לאַגער (אַלבאָם)
ב. שלעווין	חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן
איציק מאַנגער	ליד, באַלאַדע, דערציילונג (יידיש־העברעיש)
רחל קאָרן	פון יענער זייט ליד
רחל פישמאַן	זון איבער אַלץ
ז. מ. טקאַטש	מיין האָב און גאָב (לידער)
ש. זאַראַמב	אויסדערוויילטע שריפטן
נוסיאַ־איניאַ שיפמאַן	„דאָס לעבן נאָך פאַר מיר"...
ל. חיין־שמעוני	גאַנג
ק. מאָלאָדאָווסקי	לידער פון חורבן — ת"ש־תש"ה, אַנטאָלאָגיע

בעברית

יוסף ראָזען	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לעשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פאַט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. בערלאַנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות היהודית בברית המועצות
י. זרבבל	עלי חיים
ב. חנין	ברלה
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס
אפרים אויערבאך	קרית לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
מ. בורשטין	פת ומלח
י. קוויאַטקאָווסקי־פנחסיק	נשים מאחורי הגדר
נחמיה לוינסקי	בצל הגזעים
ד. פלקסר	האידיאה והאמת
מול האויב הנאצי	זכרונות ועדויות (יִדיש־עברית)
פ. בילצקי	השיר והמשורר (א. סוצקבר)
איציק מנגר	שיר, בלדה, סיפור
א. ירושלמי	מיערות הצפון עד חורשות הכרמל